STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06163

LID TSU LID

B. J. Bialostotzky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל י ד צ ו ל י ד

געזאַמלטע און נייע לידער

די קינסטלערישע אותיות
אויפן שער־בלאַט —
ס. זאַגאַט

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

ליד צו ליד

געזאַמלטע און נייע לידער

אַרויסגעגעבן פֿון א קאָמיטעט

ניו־יאָרק • 1958

POEM TO POEM

By

B. J. BIALOSTOTZKY

COLLECTED AND NEW POEMS

(copyright by Author)

1958

הויפּט־פֿאַרקויף

CYCO-BICHER-FARLAG
25 E. 78 ST. NEW YORK, N. Y.

Printed in U. S. A., by

GRENICH PRINTING CORP.
151 West 25th Street
New York 1, N. Y.

166



מיין טאַטע　　　　חנה ביאַלאָסטאָצקי (אַראָנאָף)

אינהאַלט

צום חשובן לייענער (הקדמה)

1. האַרבסטיקע פייערן.

2. פון די אייגענע שטאַמען.

3. אין לאַגער פון די אָרעמע.

4. ביי די ברעגן פון האָרסאָן.

5. איך און דו.

6. פּאָעטן, מיינע ברידער. (פּאָעמע)

7. אַ מעשהלע.

8. וואונדער איבער וואונדער.

9. לאָמיר עס הערן אויף יידיש (איבערזעצונגען. צווישן זיי: די „יידישע מעלאָדיעס" פון לאָרד בייראָן און אַ ציקל לידער פון סערגעי יעסענין).

10. דער שטומער עדות (פּאָעמע)

11. די לעגענדע: ווילנע (פּאָעמע)

דאָס זיינען די סעריעס. דער אינהאַלט, לויט יעטווידן ליד באַזונדער — צום סאַמע סוף פון בוך, אויף ז׳ 429, פאַר דער ביבליאָגראַפיע, געזאַמלט און צונויפגעשטעלט פון יעפים ישורין.

צום חשובן לייענער

מיט איבער אַ יאָר צוריק איז אַרויס מיין עסייען־בוך: „חלום און וואָר", און איצט — מיין לידער־בוך.ביידע ביכער שטעלן מיט זיך פאָר אַ מין סך־הכל פון מיינע מחשבות און פון מיינע פאָעטישע מאָטיוון. סיי אין מיין פּראָזע און סיי אין מיין פּאָעזיע האָב איך תמיד געוואָלט אַז „חלום" זאָל ערגעץ גליען אין דער „וואָר" און די „וואָר" זאָל ניט לאָזן דעם „חלום" צו פאַרפליען אין אַבסטראַקציעס, — ניט אין אַבסטראַקציעס פון געדאַנק און ניט אין די אַבסטראַקציעס פון וואָרט גופא.

עס וועט דעריבער, מיין איך, דעם לייענער ניט זיין שווער איינצוזען אַז ליד און עסיי זיינען ביי מיר ענג פאַרבונדן. מאָטיוון, וואָס איך האָב באַרירט אין מיינע עסייען זיינען אויך פאַראַן אין לידער, און פאַרקערט.

יאָ, אַז איך רייד פון סך־הכל וויל איך בלויז דערמאָנען דעם ליבן לייענער, אַז אין מיין לעצטן עסייען־בוך האָב איך ניט אַריינגענומען די עסייען פון מיינעם אַ בוך, וואָס איז אַרויס אין יאָר 1934. דאָרט איז, צווישן אַנדערעס, אויך דאָ די לענגערע אַרבעט: „די שייכות פון וואָרט צו וואָרט", וואָס דאָס האָט צו טאָן מיט דער אַנטוויקלונג און מהות פון גראַם.

אין דעם איצטיקן לידער־בוך איז דאָ אַן אָפּקלייב, און ניט קיין פולע זאַמלונג — פון די לידער, וואָס זיינען אַריין אין מיינע פריערדיקע ביכער: „ביים ברייטן וועג" — 1920; „לידער" — 1932; און „פון די שטאַמען" — 1939. טייל לידער האָב איך אויפסניי איבערגעשריבן, איבערגעאַרבעט — און, לאָמיר האָפן — לטובה.

אין דעם בוך זיינען אויך דאָ אַ סך נייע לידער. אויך די פּאָעמע „די לעגענדע־ווילנע" איז אינגאַנצן ניי און איז נאָך אין ערגעץ ניט געווען געדרוקט.

איך האָב אַלע לידער איינגעשטעלט לויט זייערע שייכותן. איך האָב געוואָלט, אַז יעדער פון מיינע עיקרדיקע פּאָעטישע מאָטיוון זאָל אויסגערונדיקט, זאָל פאַרגאַנצט ווערן.

איך האָב די לידער איינגעטיילט אין 9 סעריעס כאָטש קיין צו־שאַרפע שייד־ליניע צווישן איין סעריע און אַ צווייטער איז ניטאָ. איך שפּיר, למשל, אַז די לירישע מאָטיוון פון די „האַרבסטיקע פייערן" זיינען, אין תוך, ענג פאַרבונדן מיט מיין סאָציאַלן מאָטיוו פון „אין לאַגער פון די אָרעמע"; די דירעקטע יידישע מאָטיוון זיינען פאַרבונדן מיט שטאָט, מיט איסט־סייד; און די לידער פון „איך און דו" — מיט די לידער פון: „ביי די ברעגן פון האַדסאָן".

איבער אַלע אמתן און איבער אַלע צעטיילונגען בלייבט אייביק אמת ח. נ. ביאַליקס פּאָעטישע שורה אַז „איין ליד בלויז איז דאָ אינעם האַרצן״ . . .

און דאָך האָב איך אונטער אַ צאָל לידער אָנגעגעבן דאָס יאָר ווען ס׳איז געשריבן געוואָרן, וואָרעם עס זיינען דאָ לידער וואָס האָבן בולט צו טאָן מיט אַ צייט־מאָטיוו, מיט צייט־פּאַסירונג און צייט־שטימונג.

איך האָב צונויפשטעלנדיק דאָס בוך איינגעזען פּאַר זיך אַליין, אַז דער סאָציאַלער מאָטיוו האָט זיך ביי מיר באַוויזן אין סאַמע בראשית פון מיין שרייבן, און האָט אָנגעהאַלטן אין פאַרשיידענע ניואַנסן ביז צום היינטיקן טאָג, כאָטש — צושטאַנד און סביבות בייטן זיך, און כאָטש די וועלט אַליין בייט זיך אויך... איך האָב געטראַכט: אפשר האָבן אָט די לידער, עטלעכע צענדליגג אין צאָל, צו טאָן אויך מיט דער לענגערער עסיי אין מיין עסייען־בוך וואָס גייט אונטערן נאָמען: „די געשטאַלט פון אָרעמאַן אין יידישן ליד״. און ווייטער האָב איך, בלעטערנדיק דאָס בוך, פון מיינע גאָר ערשטע לידער ביז צו די סאַמע לעצטע, איינגעזען, אַז דאָס פאָלקסטימלעכע, וועגן וואָס איך האָב גערעדט אין מיין עסייען־בוך הייבט זיך אַרויס אויך אין מיין לידער־בוך. פאָלקסטימלעכקייט, ווי איך שפּיר עס, מיינט: נאָענטקייט, ריטם, וואָס מעג אַמאָל אויך אָפּקלינגען מיטן פאָלקס־ניגון; פאָלקסטימלעכקייט מיינט אויך: אַ נייגונג און אַ ווילן זיך צו קענען צונויפריידן מיטן לייענער: ניט מקריב זיין די פּשוטקייט פון וואָרט, די וואָרעמקייט פון וואָרט — אויב אַזוינס איז דאָ — צוליב עפּעס אַ חידוש, כאָטש נייקייטן, — ווי גאָט גיט! — מוזן קומען אין אַ געהיטער מאָס, לויט צייט, ניי־שטח, און לויט דער אַנטוויקלונג און ווייטער־גאַנג פון יידיש גופא.

צום סוף: אַ האַרציקן דאַנק אַלע מיינע טייערע פריינד, קאָלעגן, קולטור־אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן (אַרום דעם בוך־קאָמיטעט) מיר געהאָלפן אַרויס־צוגעבןביידע ביכער. איך דאַנק אויך אַלע פאַרויס־אַבאָנענטן.

און איבער אַלץ דאַנק איך מיינע צוויי גאָר נאָענטע פריינד: לואיס נעלסאָן דעם אַרבעטער־פירער און קולטור־טוער, און יודל באַרענשטיין, וועלכער איז תמיד פאַרבונדן מיט די וויכטיקסטע קולטור־אָרגאַניזאַציעס ביי אונדז. ווען ניט זיי ביידע — וואָלט געוועזן שלעכט. ווען ניט זיי וואָלט „חלום״ ניט געקענט ווערן „וואָר״.

חשובער לייענער, ליבע פריינד!

די יאָרן רוקן זיך... ווי זינגט זיך עס אין מ. מ. וואַרשאַווסקיס ליד פונעם „מילנער״: — די יאָרן גייען זיך, די רעדער דרייען זיך״ . . .

לאָמיר אָבער האָפן זיך נאָך ווידער צו זען אין דער נאָענטער צוקונפט.

ב. י. ב.

1

האַרבסטיקע פייערן

שפּעטער האַרבסט   ס. זאַגאַט

— אַז מיט שטאַם און מיט בלאַט ווער איך איינס,
כ׳גיי מיט האַרבסט, נאָר איך גיי גאָר מיט זיך;
כ׳זע דעם בייט פון אַרום, נאָר פאַראיינס
הער איך עכאָ פֿון אייגענעם איך.

טרייסט

איבער אַלע ווערטער — לויכטן ווערטער פון מיין ליד;
איבער אַלע מענטשן קומט אַנטקעגן מיר דער ייד.

צווישן אַלע הימען — איז מיר ליב מיין אייגן היים,
(כ׳וויל דעם אמת מער ניט האַלטן אין געהיים.)

זע איך קינדער, קייט-געפלאָכטן, צווישן קינדער — מיינע צוויי,
וואָס מיין אַנבליק, און ירושה, און מיין חותם טראָגן זיי.

ליכט פון פרויען, צווישן פרויען לויכט דיין פנים מילד און ריין,
ווי לבנה צווישן שטערן, אין דער פילקייט איין און איין.

זע איך גוף, דערשפיר איך חלום — שוואַרץ די ערד און בלאָ דער רוים;
באַבע-מאַמע, ליבשאַפט-גיבשאַפט, ביז צו דיר מיין יינגסטער טרוים,

לעצטע וואָר, נאָר דו ווערסט סימוואָל אין די טעג פון שטילן טראָט,
(ניין, איך וועל דאָס וואָרט ניט גראַמען מיט אַנ׳אויסגעטראַכטן גאָט.)

פייערזייל פון נביאם זעאונג, און נר-תמיד — שטילע שיין —
וואָס דורך שאָטנס און געשפּענסטער ברענט אין נייעם טאָג אריין.

קומט אַ ניגון צו פאַרוויגן מיך דעם פּליט, מיך דעם ייד, —
איבער אַלע, אַלע טרייסטן קומט די טרייסט פון נייעם ליד.

1956

דער וועטער־נביא זאָגט פאָרויס דעם וועטער

באַנאַכט וועט רעגענען.
אַ ווינט וועט אָנקומען פון אָקעאַן.
(די פייגל קומען זיך געזעגענען,
און פליען אָפּ פון דאַנען).

דער מיסיסיפּי איז געשוואָלן,
שוין הויך דריי מאָן,
און גרייט זיך גאָר אין מיטן הארבסט
אַרויסצוגיין פון זיינע ברעגן.
(דער פויער פון די טאָלן,
ער לאָזט צום באַרג זיך גיין,
דער הונט פאָרויס
מיט אומגעריכטער שרעק אין זיינע ציין).

פון די קאַראַבייען ביז די ראָקי־מאַונטיינס קריכט,
אַ שווערער נעפּל נידעריק, געדיכט.
(די מענטשן גרייטן זיך, און דורך דעם נעפּלדיקן שימל,
זוכן זיי וואו אַ שטיקל הימל).

דער אינדיאַנער זומער —
אין איילעניש געקומען, אין איילעניש פאַרלאָזט.
אין צפון פון קאַנאַדע, פון קוויבעק ביז פּרעירים מאַניטאָבער
וועט מאָרגן נידערן אַ ווייסער פראָסט —
— אָקטאָבער.

דער אַלטער פלויט

ציט זיך אַ שטעג דורך די האַרבסטיקע לאַנען,
גייט באַרג אַראָפּ דורך געפּאַלענעם זומער;
גראָבט זיך דורך וועלקייט ביז שפּראָץ פון זכרון, —
צייט אויף צו בליען און צייט אויף צו וויאַנען —
פאַלט ער אַריין אין אַ נעפּל פון יאָרן,
און אין דער מיט שטייט אַ פלויט אַ צעקרומטער.

שטעל איך זיך אָפּ ביי דעם פלויט, און עס גייען
גאָרטן און באָבע מיט ערדיקע פינגער;
זי און איר גאָרטן — מיט בולבעס און מערן,
אַרבעס און קירבעס — מיט בייטן און רייען;
גראָבט זי אַלץ טיפער אין אַסיען אין שווערן,
זיין זאָל דער ווינטער אַ ביסעלע גרינגער!

ציט זיך דער שטעג דורכן גאָרטן אין מיטן,
זיידע — איש תמים — ער גייט איצט צו שחרית
קימערט אים ניט פאַרן וואַקסן, צי וועלקן,
אַלץ גייט און פירט צום „והיה באחרית”...
לויפט זי דאָס ציגעלע ווייסינקע מעלקן —
באַלד און דער שניי וועט דאָס שטעלכל פאַרשיטן.

אָט, און די באָבע פאַרלאָזט שוין דעם גאָרטן,
קיין זאַך אין אים איז שוין מער ניט געבליבן;
שווייגן צעצופּטע ביי בייטן פאַרנעצטע
שטאָמען און גראָזן פון אַלערליי סאָרטן...
ביי איך איר נאָך אויף די מעזשעס די לעצטע,
יינגעלע קליינער — מיט יאָרעלעך זיבן...

זע איך: דער פלויט אַזוי אַלט, אַזוי טרוקן,
ער בלייבט אַהינטער פאַריתומט, פאַרלאָזן!
וואָס וועט ער היטן אַז אַלץ איז צעגראָבן!?
וואָס וועט ער טאָן אַז דער ווינטער וועט בלאָזן?...

אומעטיק ווערט מיר און טרערעלעך קוקן —
אָבער איך שעם זיך צו זאָגן דער באָבן.

ציט זיך אַ שטעג דורך אַ געפּל פון יאָרן,
קרימט זיך דער פּלויט נאָך אין בלי פון זכרון . . .

עכאָ

ס׳איז דער האַרבסט דורכן שיטערן וואַלד
שוין דערגאַנגען צום פעלדישן צוים;
שרייט אַ קו מיט איר הונגער-געוואַלד,
און דערמאָנט אַן אַמאָליקן טרוים.

אַזאַ דורכזיכט דורך נאַקעט און בלויז,
ביז צום באַרג, וואו אין האַרבסטיקער שיין,
אין דער ווייטקייט פאַררוקט שטייט אַ הויז,
ווי אַ משל אויף מיין אייגענעם זיין...

אַז מיט צווייג און מיט שטאָם ווער איך איינס —
כ׳גיי מיט האַרבסט, נאָר איך גיי גאָר מיט זיך;
כ׳זע דעם בייט פון אַרום, נאָר פאַראייגנס
הער איך עכאָ פון אייגענעם איך.

שפּרינגען בלעטער רונדאום און צעשפּרייט,
— שטעלט זיך, לצים, נאָר אָפּ, קומט אַהער!
ווי די באָבע ביי פידל און פלייט,
וועל איך גיין איצט מיט אייך אין אַ שער...

כ׳בין אַוועק — ניט גערעדט, ניט געזאָגט,
ווייט פון שטאָט אין דער שטילקייט אַריין;
נאָר דער האַרבסט מיט אַ שפּרונג האָט דעריאָגט, —
אַ, ניטאָ קיין אַנטרינונג פון פּיין.

האַרבסטיקער פייזאַזש

צוויי חברים גייען פּאַזע טייכל, טיף אין פּאַרק,
ביים שיפּוע פון אַ באַרג.
דאָס טייכל ווי אַ שטומער וועגווייזער,
ציט זיך שטיל און פויל און מוטנע-ברוין;
און בוים נאָך בוים — ביי בײדע זייטן
בייגן זיך צו אים אַראָפּ,
מיר דוכט, זיי בעטן:
— נעם מיט מיט זיך אונדזערע פאַלנדיקע בלעטער.
נאָר צווישן זיי, הכנעהדיקע, שטייט דער גערבער-בוים*)
און גליט אַן אָנגעצונדענער אין צונטער-רויט.
צי איז עס גאווה? צי איז עס שרעק? צי גיפט פון טויט? ...
ביי זיינע וואָרצלען, אינעם מאָך,
האַלב-גרין, האַלב-געל,
שטייט אַ וועווערקע און וואַרפט אַ פּיסל אויף אַ פּיסל
אַזוי ציטערדיק און שנעל —
די וועווערקע באַהאַלט אַ ניסל
אויף הונגעריקן שפּעטער ...

די צוויי חברים, ער און איך, גייען, טרעטן
דורך געדיכטעניש, צווישן דערנערדיקע צווייגן,
צווישן פלאַנטערדיקע שטעכערס —
מיר שטייגן אויפן באַרג-שיפּוע העכער, העכער.

מיין חבר, אַ שטאַם פון חסידים, רעדט:
— זיי ווייסן, משופּע איז אַ משל,
ס'איז קיינמאָל ניט צו שפּעט —
אַ ייד דאַרף גיין אַרויף, געוויס! —
נאָר דאַרף אויך האָבן כוח צו גיין אַראָפּ,
צו שטרויכלונג צוגעוואוינען זיינע פיס,
אַראָפּ-אַרויף — אַליין דער היטער, אַליין באַגלייטער,
עולים ויורדים, ווי אויף יעקבס לייטער.

---

*) אויף ענגליש: סומאַק.

און איך, אַ צווייג פון ליטע, ענטפערט אָפּ:
— און מיין רבי, ר׳ הערצל, אַ שאַרפער קאָפּ,
ער האָט געשפּיזט די ברעמען, זיין רויטע באָרד געגלעט,
און מוסרדיק גערעדט:
— אַ מענטש, ער דאַרף ניט זיין קיין רויך,
נאָר פלאַם!
אים דאַרף נאָר ציען צו דער הויך,
ניט ברענען סתם,
נאָר הויבן זיך אַלץ העכער!

ער און איך —
און יעדער בלייבט ביי זיינעם, אייזן־שטאַרק,
— אַלץ און אַלץ!...
און מיט אַמאָל, אין דער טיף פון פּאַרק
עפנט זיך פאַר אונדז אַ טויערל אַן אַלטס,
אייזן־ראָסט, זשאַווער־שלאָס,
דאָס טויערל פירט צו אַ שמאָלן שטעג,
צו אַ געהיימען וועג.
וואוהין?
מיר דוכט, ער פירט צו ווינטער־צו, צו קעלט,
צו אַ פאַרגאַנגענער וועלט,
צו מענטשן־שפּורן לאַנג פאַרטראָגענע,
צו מתים־טריט,
צו — ניט . . .

פון וווייטן רוישט אַ קליינער וואַסערפאַל,
אַ העזל שטייט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן,
— האָרך, האָרך!
ער היט פון יעדן בלאַט, דעם דינסטן שאָרך...
אַ פויגל גיט אַ פלי, אַן אומעטיקן שאַל —
פאַרנאַכטיקער באַדויערן . . .

ס׳איז האַרבסט, פריער האַרבסט —
אַזאַ שטיקנדיקע פולקייט, אַזאַ גערעטעניש־גערוך,
נאָר אויך גערוך פון ערשטער פוילעניש.
און פלוצלונג, דורך אַ שורה סאָסנעס בליקט אַדורך
אַ רויט פּנים — די זון ביי שקיעה,

וואָס זאָגט עס אָן?
צי איז עס שטורם? צאָרן? שפּיל פון וועטער?
רויט־רויטער, און ביי דעם רויט — אַ שוואַרצע פאָן,
אַ וואָלקנשפּיז, אַ האַנט,
אַ חיהשע לאַפּע, —
דער פּיל־פּנימדיקער וואָלקן באַהאַלט דעם סוד אויף שפּעטער.

איך און מיין חבר גייען שוין צוריק.
ס'ווערט טונקל, טונקעלער, געדיכט.
מיין חבר זאָגט: — מ'מוז אָניאָגן דאָס לעצטע ליכט.
און יאָגנדיק דערמאָנט ער זיך גאָר אָן די אָבות,
אָן זיידעס און אָן באָבעס;
ער רעדט פון סאַסאָווער, פון חוזה *).
און איך, האַלב־ערנסט, האַלב אין שפּאַס,
מיט ווערטער שטיפערישע לויזע,
איך שטעל אַנטקעגן זיי דעם זשוכאָוויצער, דעם תהילים־ייד...

אַ בוים — אַריין, אַ בוים — אַרויס . . .
שפּרינג וועווערקע פאַרויס!
וואו לאָזט דאָס בלאָנדזשען זיך דאָ אויס?

און מיטאמאָל צעעפנט זיך אַ רונדער טאָל,
וואָס שיידט זיך אָפּ פון וואַלד,
און באַלד —
אַ טונקל־בלאָער רוים,
אַ וועלט אַ שפּעט־פאַרנאַכטיקע האָט זיך אויפגעמאַכט,
אוים בלאָנדזשען, אוים סכנה . . .
און צו מזרח־זייט פון רוים,
אַ דריי־פערטל קרייז פון אַ לבנה,
דריי פערטל בלויז — אַ קרוין, אַ דיאַדעם,
וואָס טראָגן וועט ניט מלכה־שבת, נאָר מלכה־נאַכט . . .

מיין חבר שפּאַנט פאָרויס, אין זיך אַליין פאַרטראַכט,
און רעדט נאָך אַלץ פון די דרכים פון בעל־שם.

*) חסידישע רביים.

דער טאַנץ

טיפֿער הארבסט און ווינטן יאָגן,
טראָגן איבער בוים און דאַך.
האָט אַ ווינט אויך מיך פֿאַרטראָגן —
צי אין טרוים, צי אויף דער וואָך.

הארבסט און וואַלד, אין פֿאַל פֿון בלעטער,
צווישן ביימערדיקן ווײַ —
האָט דער ווינט אַרײַנגעשלעפּט מיך
אין אַ כּישופֿדיק געדרײַ.

ראָד אין ראָד, אין קאַראַהאָדן,
אָפּגעמעקט איז יעדער שטעג;
דרייט זיך עיגול אין אַן עיגול,
אַ גראָטעסקע שפּיל אין שרעק.

דעמבע, לינדענבוים און טאָפּאָל
קוקן נאַקעטע אַראָפּ,
ווי עס יאָגן בלאָט און ניסל
אין אַ רונדיקן גאַלאָפּ.

שפּיזלט זיך אַ סאָסנע טראָציק,
היט נאָך אַלץ איר גרינעם סכך;
נאָר אויך טויטע נאָדלען שפּרינגען —
צי אין טרוים, צי אויף דער וואָך.

ברומט אַ ברומען — תוהו־בוהו,
וואו איז טיף, און וואו איז פֿלאַך?
דוכט מיר גייסטער שטופּן, שלעפּן —
צי אין טרוים, צי אויף דער וואָך.

שטאַרק איך זיך, האַלט אײַן מײַן אָטעם:
— בלעטער־שפּעטער, לאָזט געמאַך!

כ׳גיב אַ שפּרונג און נעם אַנטלויפן —
צי אין טרוים, צי אויף דער וואָך.

שפּאַן איך, זוך מיין אייגן שטיבל,
שויץ פון ווענט, און שויץ פון דאַך!
טיר און שלאָס און וואָרעם לעמפּל —
צי אין טרוים, צי אויף דער וואָך

אויפן טיש אַן אַלטער ספר,
אותיות, שורות, פון תנך;
כ׳דרעמל, נאָר די ברעמען קוקן —
צי אין טרוים, צי אויף דער וואָך.

מיט אַ מאָל: איך זע אַן אַלף
הייבט זיך, פאַלט צו מיינע פיס;
ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ בלעטל
פון דעם ביימערדיקן ריס.

נאָכן אַלף — בית און גימל,
דאַרע, קוואַרע, קליין און שוואַך,
פאַלן אויך אַרויס פון ספר —
צי אין טרוים, צי אויף דער וואָך.

ציט דער נון זיך איין אין רונדקייט,
פאַלט דער למד — אַן אַ קרוין;
פאַלן שורות זיך פונאַנדער,
ריש און שין און תו — און שוין . . .

ניט קיין אותיות — טויטע בלעטלעך,
איינס צו איינס און ס׳ווערט אַ סך; —
אַזאַ אָנגעהויפטע געלקייט, —
צי אין טרוים, צי אויף דער וואָך.

בלעטער, בלעטלעך — געל פאַרוויאַנעט,
אויפן טיש און דיל, און באַלד

הייבן זיי זיך אָן צו דרייען,
ווי אין האַרבסטיק-פּוסטן וואַלד.

ווערט מיר אומעטיק; דאָס לעמפּל
טוקט זיך, זשומעט: — אוי און אָך . . .
אַזאַ גייסטער-טאַנץ אין טונקל —
צי אין טרוים. צי אויף דער וואָך.

די לבנה דורכן פענצטער
גיט אַ קוק און גיט אַ לאַך:
— ווערסט פון האַרבסט שוין ניט אַנטרינען,
צי אין טרוים, צי אויף דער וואָך . . .

האַרבסט.

דער האַרבסט שפּרייזט אום — אויף ביינערדיקע שטאָלצן,
אַריבער מענטשן, ביימער, דעכער;
די זון וואָס האָט אין זומער-טעג פון נחת זיך געשמאָלצן,
זי שיינט און הייבט דעם ריז נאָך העכער.
האָט אויפגעשפּאָלטן ערד, געבענטשט די גראָזן,
און איצטער האָט זי זיי צום ווינט, צום חרובקייט געלאָזן.

דער הימל, וואָס האָט מיט רחמים זיך געהאָט צעשפּרייט, צעצויגן,
און האָט מיט בלאָקייט אָנגעפּילט די לידער אונדזערע, די אויגן,
ער קוקט אַ צינד דורך גראָע וואָלקנדלעך מיט אַ קאַסאָקע אויגל,
און גלאָצט אַזוי-זיך תמעוואַטעדיק אַרונטער,
ווי עס שווינדט, אַנטרינט דער לעצטער פויגל,
ווי אַלץ גייט אונטער...

צוויי יידענעס ביים ים

צוויי יידענעס אין צוויי פּאַטשיילעס זיצן ביים ברעג פון ים,
איבערן ים —
נעפּל.
הינטערן נעפּל,
אַ פאַרשטיקט זונליכט אין מערב,

צוויי מאַסטן —
אָנגעצויגן שטום —
הייבן אַרויס די קעפּ פון אַשיקן פּלאַם
און קוקן זיך פאַרגליווערט אַרום.

די יידענעס הויקערן זיפצנדיק איין די פּלייצעס,
זיי טראָגן לאַסטן
פון שעהן, יאָרן —
פאַרלוירן.

די מאַסטן —
טראָגן אַ שיף מיט שווערע באַלאַסטן,
רירן זיך,
דערנענטערן זיך,
פאַרגליווערטע,
צום פאַרשטיקטן פייער אין מערב.

די יידענעס מיט די פּאַטשיילעס קלייבן צענויף אַ פּאָר שפּענדלעך —
— פייער צוגעדריקט צום אַלטן האַרצן —
די קאַלטע ביינער צו דערוואַרעמען
אין פראָסטיקע, זאַווערוכיקע נעכט,
— אוי, גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען!..

האַרבסטיקע פייערן

אַ קאַלטע האַנט צופּט־אָפּ די ציטערדיקע בלעטער,
דער רויך גייט שטום און קרום און פאַלט צוריק אויף דעכער;
אַ וועווערקע שפּרינגט אום מיט שרעק פאַר ווייטן שפּעטער,
צוויי פייגל ביי אַ נעסט — די ליידיקייט פליט העכער.
איך גיב אַ קוק: דער גאָרטן האָט זיך הויך צענומען —
פאַרלייגט מיט גראָז און בלאַט פאַרוויאַנעטע, פאַרנעצטע —
און ס'בליען געל און גאָלד די גאַוהדיקע בלומען,
די גאווה פון צו זיין אין אונטערגיין די לעצטע.
דער האַרבסט האָט האָפּערדיק אין לאַנד אַריינגעצויגן,
און ס'קוקט אויף מיר דער האַרבסט מיט טויזנט אויגן.

עס קוקט אויף מיר דער האַרבסט מיט טויזנט אויגן —
אַזוי פיל אויגן האָט דאָך אויך דער מלאך־מות.
אַז יאָרן־יאָרעלעך זיי זיינען לאַנג פאַרפלויגן,
איז ליב און גוט צו טראַכטן פון די אָבות.
דער האַרבסט האָט ניט געשראָקן מיך אַמאָל, אין דאַרבן
האָב איך גאָר ייִנגלדיק צום זון־רויז זיך געריסן;
דער באַבעס גאָרטן האָט געבליט מיט שפּעטע פאַרבן,
זי האָט דאָך אַלץ אַליין פאַרזייט אין חודש ניסן.
פלעגט אָפּיענדיק ביי לעצטער בייט מיט טרייסטונג זאָגן:
— עס וועט די ערד דעם שניי און פראָסט אַריבערטראָגן.

עס וועט די ערד דעם שניי און פראָסט אַריבערטראָגן, —
פאַרפלאָנצט האָט זי אין מיר דעם גאָלדענעם בטחון,
און מעגן ווינטערס בושעווען און ווינטן יאָגן —
איך זע, די ערד איז טיפער נאָך אין זיך אַריינגעקראָכן;
זי מאַכט זיך צו אַ נאַקעטע און ליגט באַנומען
פון רו, געדולדיקייט, עקשנותדיקן שווייגן;
די פעלדזן — עדות ווי מען מוז אַלץ איבערקומען,
די ביימער־שומרים היטן זי מיט שטעכיקע צווייגן.
חמון פון ברואימלעך אַוועק אין אייביקן ניט־ווערן,
נאָר ערד אַליין איז גרייט צום שוץ, צום טאָג פון ניי־געבערן.

די ערד אַליין איז גרייט צום שניט, צום טאָג פון ניי־געבערן, —
ווער ס'וויל באַזינגען אומקום, טויט — זאָל גאָט אים היטן!
נאָר איך, געפלאָגטער מענטש, מוז ווערן זיך, און ווערן,
דער האַרבסט זאָל מיך מיט זיינע בלעטער ניט פאַרשיטן.
האָט ניט מיין פאָלק אמאָל ביים טיגרים־טייך פון בבל
זיין האָפנונג אויפגעהאַנגען אויף די ווערבעס האַרבסטיק־שטומע!...
אין טאָג פון דאַרבונג צוים איך איין דעם טרויער פון אָן אבל
און רייד צו זיך, ניט־טראַכטנדיק, אַז דער פאַרזאַמטער מוז דאָך
קומען . . .

מעגסט שפּאָטן, האַרבסט, פון מיר מיט דיינע פּרעכע פלאַמען,
איך טוליע זיך צו דר'ערד און בלייב מיט איר צוזאַמען.

פרימאָרגן

פרימאָרגן קריכט אַרום אַ נאַקעטער אויף אַלע פיר.
עס שלאָפט די שוועל פאַרנעפּלט ביי דער טיר.

בוים אַרומגעריסן; הויז — ליימיק, שווער,
דאָס קול פון טאַטע־זומער — ניטאָ שוין מער.

שטרעקט אַדערדיק פרימאָרגן אויס זיין בלייכע האַנט,
רייסט אַ לעצטן בלאַט — אַ צודעק פאַר זיין נאַקעטקייט און שאַנד.

האַרבסט. אויס שפּראָץ. אויס בלי. עס איילט זיך ניט די זון
פון וואָלקן אויס — וואָס וועט זי האָבן דען דערפון?

איז, — קריכט פרימאָרגן אום אַ נאַקעטער אויף אַלע פיר,
און טוליעט זיך צו שוועל — אַ ממזר ביי דער טיר.

וואָרט

לזכרון — ב. לאַפּין

וואָרט צו וואָרט איז נאָענט,
ווי האָר צו האָר אויף קאָפּ;
דערקאַנט און ניט דערקאַנט,
אין שפּילעוודיקן טראָפּ.

ווער וועגט אַ וואָרט אויף וואָג?
ווער שפּאַלט אַ האָר אויף צוויי?
ליגט הינטער וואָרט די וואָר —
אַ נאַקעטע, ווי ווײ.

וואָס העלפט דער קלוגער פּשט?
דער שפּרוכיקער באַשייד?
עס שטאַרטשעט אַרוים די טאַט,
ווי פעלז פון אַלע רייד.

דער ים איז טונקל, טיף,
און ס׳דוכט: ניטאָ קיין וועג!
נאָר אַז עס לייכט אַ שיף,
בליצט אויף: צו וועלכן ברעג?

פון אלף, בית, ביז תו —
אין כוואַליעדיקן גאַנג,
נאָר אָנהייב וויל זיין סוף,
און קלאַנג וויל זיין געזאַנג.

גייט וואָרט און וויל אַן אָרט,
דער הונגער וויל זיין זאַט;
דער דאָ וויל ווערן דאָרט, —
דאָס וואָרט וויל ווערן טאַט.

זעאונג אין אַ וויסטן טאָל

הימל, ערד און — קיינער ניט.
אַ גרעזל קריכט אַרויס און קוקט:
— ניטאָ, ניטאָ, קיין איינער ניט.

די אַלטע שטוב — צו דר'ערד געבוקט,
דער שייער שטייט פאַרגרינט און גראָ,
אַנ'אָקער ליגט פאַרקרומט און שטומט,
און נעבן אים — אַ זכר פון אַמאָל,
פאַרזשאַווערט פוילט אַ בינטל היי.
אַ ווינט ציט נעבלדיק פון טאָל,
ער בלאָזט דורך טויער, גייט דורך טיר,
אַנטקעגן אים, אין גלייכער ריי,
פיר סאָסנעס שטייען, שומרים פיר —
נאָר וועמען היטן זיי?
דער וועג מיט בלעטער־מיסט פאַרשאָטן,
די טריט וואָס האָבן דאָ געטראָטן
זיינען לאַנג שוין טויט.

דאָס גרעזל איינזאַמט איין־אַליין,
און שטאַרטשעט אַרויס פון מאָך און שטיין,
און מיט אַמאָל האָט אויפגעהעלט
אַ יינגעלע אין פּוסטן פעלד —
פאַרוואָרפענער, ווי שיכחה־זאַנג,
אַ יינגעלע מיט יתום־גאַנג,
פאַרבלאָנדזשעטער פון ווייט, צי נאָענט?
די פּוסטקייט גלאָצט — ווער איז ער, ווער?
אַ קליינער, גייענדיקער ספינקס,
ער דרייט זיך רעכטס, ער דרייט זיך לינקס.

גיט דאָס גרעזל זיך אַ נויג:
— קום, יינגעלע אַהער.
נאָר יינגעלע האָט גרעזל ניט דערקאָנט,

ניט געזען דין בויג, —
ער טרעט אין נאַקעטקייט און ליים,
ער קריכט דורך פוילעניש און קויט,
און שפרינגט אַריבער אָפּגעהאַקטע שטאַמען —
דאָס ייִנגעלע, ער גייט צווישן טויט,
און זוכט אַ היים, —
אַ מאַמען.

צווייגן

איך — אַז איך דערזע די האַרבסטיקע ביימער
מיט זייערע שטאַרע, אָטעמלאָזע צווייגן,
פאַל איך אַריין אין אַ שווייגן.
מיינע טריט ווערן שטיל און פאַרלאָרן —
אַזוי איז עס איצט, אַזוי איז געווען פאַר־אַ־יאָרן.

וואָלקן־שטיקער — צעריסענער אומעט פון האַרבסטיקן אָוונט,
גליווערן אויפן פאַרלוירענעם הימל, האַלטן זיך צוזאַמען.
דערמאָן איך זיך פּלוצלונג מיין מאַמען —
האַרבסטיקער, היימישער אומעט אין מאַמעס האַרץ אָנגעלאָדן
האָט פּלוצלונג אויפגעטונקלט פאַר מיר אויף פרעמדן באָדן.

טונקל. טונקעלער. פאַרשפּעטיקטער פויגל; אַ פלי, ווי אַ בויגן —
צי איז דאָס שפּיל, צי בלאָנדזשען — ווער קען וויסן.
די וואָלקן־שטיקער רוקן זיך צונויף — ווילן ניט זיין צעריסן.
און זיי, די ביימער, דוכט מיר, ווערן העכער, שטייגן,
און שטעכן דורך די טונקלקייט מיט שפּיציקע, מיט אָטעמלאָזע צווייגן.

איך און מיין קינד און דער האַרבסט.

קילער האַרבסט, ווינטן שאָרכן, שטאָטישער אַספּאַלט ;
שטאָטישע בוימער צעררוישן זיך מיט דעם אומעט פון אַ ווייטן וואַלד.
מיין מיידעלע שפּרינגט שטיפעריש און טרעט
אויף בלעטער — ערשטע אין אַ קיניגרייך וואָס פאַלט.
— אָ, טאַטע, ס׳וועט די ביימער זיין דאָך קאַלט !
— עס וועט, עס וועט !
אַ שאָרשקן יאָגט פון הינטן נאָך, מיר דוכט זיך פיסלעך פון אַ קאַץ,
דער טרויער שפּרינגט רונדאום — שפּיצפינגער פון פּאַיאַץ,
מיין קינד מיט לאַשטשענדיקן טרויער מאַנט —
דער טרויער פון מיין קינד איז ניי און נאָענט.

דער טרויער פון מיין קינד איז ניי און נאָענט,
און שפּילט זיך אין אַליין אום אין „יאָג-און-זוך״,
נאָר איך, דורך טאַטעשאַפט, ווי בוים און ווינט,
איך האָב דעם רויש דערקענט און איינגעזאַפּט געררוך ;
אָ, וויפל מאָל האָב איך שוין איינגעשטילט, פאַרגלעט :
— עס מוז זיין קאַלט, צי פרי, צי שפּעט.
עס מוז זיין פּראַקטיקייט אויף יעדן שטאַם,
ניטאָ קיין נייער טרויער, דער טרויער קומט ניט סתם,
נאָר קומט און בינדט צוזאַמען נעכטן-אייערנעכטן, —
האַרבסטיקע ליגן שוין שטרעקעס אויף מיילן און מיילן.

האַרבסטיקע ליגן שוין שטרעקעס אויף מיילן און מיילן,
„ניט-ריר-מיך״ פליט אין שטילער ווייסקייט אָן אַ בלאָז,
די קו, מיט מו, קומט נעענטער שוין צום פּלויט, נאָך לעצטן גראָז,
עס טראָגט זיך ריח פון איבערצייטיקייט און סוף,
די לאַנג-געצאַרטע רייפקייט ווערט גאָר יאָך,
און בייגט זיך צו דער ערד, צום געלן מאָך,
און קליינע הייזלעך — זיי קלענערן נאָך...
מיין מיידעלע מיט בלאַט אין האַנט צעטריטלט זיך און לאַכט :
— אָ, טאַטע, זאָג, וואָס האָסטו זיך פאַרטראַכט ?
אָ, זע, ווי ס׳בליען אויף די צווייגן וואונדערלעכע פאַרבן !

— אָ, זע, ווי ס׳בליען אויף די צווייגן וואונדערלעכע פאַרבן!
אַ ווינט האָט אויפגעווייט — די פאַרבן זיך צעמישן;
ברענט רויט און ווידער רויט, און גרין, און קופּער אין צווישן.
מיין מיידעלע — זי מאָנט ניט מער, זי רעדט פון זון און בלי,
און אירע אויגן אילוזאָריש גליען,
איך זע: דער טרויער, ער איז לייכט ווי בלאַט אין פלי,
דער נעכטן איז אין שפּיל פאַרבאָרגן,
אין מיטן שטאַרבן —
צעהענגט דער האַרבסט אַנטקעגן זון די האָפענונג פון פאַרבן,
און מאָלט אין פאַל דעם טרוים פון קומנדיקן מאָרגן!

1935

ווי אַלעמאָל

לאָמיר ווידער זינגען אַ ליד פון האַרבסט,
וועגן בלאַט וואָס פאַלט,
און וועגן בוים וואָס בלייבט פּלוצלונג שטיין
אַזוי שטעכיק און קאַלט,
כאָטש נעכטן האָט ער נאָך געשיינט.
ווי אַלעמאָל אַזוי אויך היינט:
אַלץ וואָס געווען קומט ווידער.
אַזוי אויך זיינען לידער —
דאָס זעלביקע געפיל, נאָר ניי און אַנדערש איז דער ציטער,
ווי ניי עס איז דער הילך פון האַרבסטיקן געוויטער.
איך האָב די דאַרע בלעטער דאָך צום טויזנטסטן געזען,
אין האַרבסטן אַלערלייאיקע, ביי טיר און טויער;
דאָך איצט, סוף־זומערדיק, פאַרטראָגן און פאַרווייט,
פאַלט נידעריק און פאַר די פיס זיך שפּרייט,
אַ נייער טרויער, —
אַזאַ, וואָס איז נאָך קיינמאָל ניט געווען.

קאַליל גיבראַנס ליד פון טויט

איך האָב געלייענט אַ ליד פון קאַליל גיבראַן,
אַ ליד וועגן טויט.
און עס רעדט מוסטאַפאַ, דער נביאישער מאַן:
טויט — איז הייליק שווייגן,
טויט — איז העכער שטייגן.
טויט — קיניג, טויט — איז קרוין. — — — —

איך האָב געלייענט זיין ליד און — שוין!!
ער איז שוין טויט אַליין.
ער שווייגט.
ניט צום שטייגן איז ער אַוועק, נאָר אַראָפּ אין דער נידער.
ניט קיניג, — אַפילע ניט אונטערטעניק, — פאַנאַנדערפאַל!

שיינט אויף אַן אויסגעהוילטע, פאַלשע שיין אויף זיינע לידער,
אויף זיינע כוואַליעדיקע רייד,
דערזע איך אים, ברייט-פּלייציקער אָריענטאַל,
אין געסלעך פון נויאָרק, —
דערזע איך אים, דעם סיריער מיט אַראַבער בלוט,
זיין פראַזנדיקן גאַרטל, זיין פאַלבעדיק קלייד,
זיין ריזן-קאָפּ, זיין טונקעלע הויט,
און איבער אים — זיין ליד פון טויט,
וואָס הייבט זיך, וויילט זיך אין נאַכט,
ווי שפּיץ פון זיין טורבאַן, — — —
אָריענטאַלישער קאַליל גיבראַן!

שווייגן

אין בלעטערפאַל — ווי לייכט דאָס אויף
די צייט פון בליען!
טרעט טראָט אויף בלאַט, מיט פייגל, זאַט,
וועל איך פון דאַנען ניט פאַרפליען!

אויף שווארצקייט — שיין פאַרגליט, פאַרקילט,
די ערד ליגט ווי אַ שפיגל.
אין נאַקעטקייט מיין וואָרט, געשטילט,
שוועבט אויף אויף לייכטע פליגל.

אויב ניט דער בוים אַהינטער צוים
אין שווייגעניש פאַרטריבן,
וואָלט איך מיין ליד — מיין וואָר אין טרוים —
פאַר קיינעם ניט געשריבן.

זון, זון, זון!

וועלקייט טוט אין גאָלד זיך וויקלען, דאַרן,
זון, זון, זון!
אַז מיר וועלן אונדזער מזל נאַרן,
וואָס וועט זיין דערפון?

כ'האָב אַ קוק געגעבן היינט דורך די שויבן:
אוים!
ס'האָט דער הארבסט שוין הונגעריק, ווי צו רויבן,
אַרומגערינגלט אונדזער הויז.

קינד, מיין קינד, דו מיט די שווארצן אויגן,
טשיר, טשיר, טשיר.
פויגל איז פון אונדזער דאַך פאַרפלויגן,
נו, זינג איך פאַר דיר.

דו אין אַלטקייט פיר מיך, ווי אין שייער,
טריט ביי טריט,
כ'זאָל זיך גראַאיק, ווי אַ קאַץ ביים פייער,
וואַרעמען ביים ליד.

אין מיטן זומער

אין מיטן זומער־היץ, אין יולי, איז פּלוצלונג קאַלט געוואָרן.
דער רונדער לינדן־בוים האָט, ווי פאַרלאָרן,
אַ האָרך געטאָן, אַ צי געטאָן זיך הער־און־הין,
און נאָכדעם איינגעשרומפּן, צענויפגענומען זיך מיט בלאַט און צווייג:
— שווייג!
אַזוי אויך ציט זיך איין אַ הינטער בלאַט אַ שפּין,
און וואַרט און האַרט אין עקשנותדיקער שרעק,
עס זאָל פאַרביי, אַוועק
דער דראָענדיקער, פרעמדער טראָט.

פאַרפלויגענע אין שטאָט —
פייגל מיט פליגל אַראָפּגעלאָזן
געקומען זיינען צו מיין טיר צו זוכן ברעקלעך ברויט,
ווי ס׳וואָלט שוין זיין פאַרוויסט און טויט
דאָס גראָזיקע און ווימלענדיקע פעלד.

אַ האַרבסט־ווינט האָט ביינאַכט אַדורכגעיאָגט
און הינטער זיך געלאָזן
וואָלקן־שטיקער — שוואַרץ און שווער און אָפּגעלאָזן.
מיין ווייב, וואָס האָט ערשט נעכטן זיך געקלאָגט:
— איך ווייס ניט ווי מען לעבט, ווי היים!
קוקט איצט אין פענצטער מיט אַ פאַרשנדיק געזיכט:
— ווער האָט זיך דאָס געריכט! —
אַן אַלטער שכן האָט מיך היינט אין גאַס געטראָפן
און אַרויסגעברומט:
— האַרבסט, גיי ווייס!..
האַרבסט אין מיטן זומער. עס פאַלן טראָפּנס איינציקווייז אַראָפּ;
עס בייגט די זון־רויז אומעטיק, באַשוועדט, איר ניט צעבליטן קאָפּ.
אַ זון איז געווען, אַ זון וועט ווידער זיין.
נאָר ווען וואַרעמט דען די נעכטיקע, צי מאָרגנדיקע שיין?
דערווייל קוקט ערד און רוים פאַרשטאַרט.
דער וואָרצלדיקער בוים נאָר שטייט און וואַרט.

אַ ליד וועגן לעצטע

וואו איך גיי נאָר — לעצטע מענטשן,
נאָר זיי שילטן, נאָר זיי בענטשן;
מיט די קנייטשן מיט די פּליכעס,
גייען זיי אין גאָטס שליחות;
היינט — אַ קללה! — שלעכט צום שלעכטן,
בענטשן טעג פון וויטן נעכטן, —
נאָר זיי קלייבן צוויט צו צויטן,
קריכן אום אהינטער פּלויטן.

קלאַפּן פּושקעס, קלינגען גלאָקן,
ווי זיי קריסטלען זיך און יידלען;
גייט אַ זקן נאָך אַ זקן,
מיט תכריכים און מיט רידלען.
אין די ציינער אויסגעריבן,
איז איין חלום בלויז געבליבן:
— גיב אונדז, גאָט, אין שווערע צייטן,
שיינע קבורה, ווי ביי לייטן...

לעצטע מענטשן, לעצטע האָרבעס!
ווי די בעטלער מיט די טאָרבעס,
בייטן זיי זיך מיט די זאָרגן:
— דו, וויין היינט, און איכל — מאָרגן!
ציילן טראָפּנוויים די טרערן, —
שווער איז זען און שווער איז הערן,
ווי זיי קרימען זיך אין שראַמען:
— גראָב מיר אוים פון דר'ערד די מאַמען.

ווייטע יאָרן, אַלטער באָדן,
אויסגעלייטערטע אין פלאַמען!
אָנגעקוועלט און אָנגעלאָדן
גייען אויף איצט נייע שטאַמען.
אַלטע תפילות, אַלטער פּרעפּלען,

— צום צום בליען, צייט צום וויאַנען.
דורך די דורכגעזונטע נעפּלען,
נייע וועגן, נייע שפּאַנען!

לעצטע מענטשן, לעצטע עדות, —
יאָגן זיי מיט לעצטע סודות,
טראָגן ברעקלעך צו באַהאַלטן,
שלעפּן צויטן פון דעם אַלטן,
און פאַר זיך, ווי נאָך אַ טויטן,
קלאָגן זיי, וואָס נאָך ביים לעבן,
האָט דער מזל זיי געגעבן —
זיין פאַרוואָרפן הינטער פּלויטן!..

1930

איינס און איינס

צייט איז איינפאַך, צייט איז קלאָר:
לעב אַ שעה און נאָך אַ שעה.
מענטש איז, איינפאַך, פּראָסט ביז גאָר:
אַט געווען — ניטאָ!

פילאָזאָפן אַלט און ניי,
שאַרפע ברעמען, סיווע בערד,
הימל שטייט גאָר אָפן, פריי —
און פאַרמאַכט די ערד.

ערד — אַ סודותדיקע הייל,
כ׳וויים דעם סוד דאָך סיי ווי סיי.
זעץ זיך אויף דער ערד און צייל:
איינס און צוויי און דריי...

אַלטקייט

וויי לאַנג עס קלאַפּן אַלטע לייט,
מיט שטעקנס אין דער ערד;
מיט דאַרע הענט, מיט דריבנע טריט,
מיט גראָע האָר, מיט שוואַרצע היט,
מיט אָפּגעבליטע בערד.

ווי לאַנג אין גאַס, ביי יעדן הויז,
אַן אַלטיטשקע געבויגן שטייט,
צוזאַמען מיטן בוים ביים צוים
און שאָקלט זיך, באַוועגט זיך קוים
אַריבער בלעטער האַרבסט-צעשפּרייט;
ווי לאַנג די זיקנה שאַרט זיך, גייט,
און קלאַמערט זיך אָן לעצטן צאָן —
זאָל ווילדעווען מיין וואָרט — אַ קלונג,
אַריבער אַלע יאָר אַ שפּרונג,
צעשפּרייטע פליגלען פון אַ האָן.

ווער קומט מיט מוסרדיקער שטראָף?!
פאַרלאָזט זיך נאָר אויף מיר:
ווען ס׳וועט זיך צומאַכן די לעצטע טיר,
און ווען ס׳וועט אָנקומען דער סוף,
ווען אין דער וועדימדיקער ערד,
עס וועלן פוילן סיווע בערד,
ווען אין דעם פעטן, פייכטן ליים,
די באָביצעס — ביי זיך אין היים —
זיי וועלן ליגן דאַר און קליין,
מיט אַלטקייט מער אין גאַס ניט גיין —
וועל איך — פאַרלאָזט זיך נאָר אויף מיר —
אַנטשוויגן ווערן פרום און גוט,
און וועל אין פאַרכטיקער מינוט,
צוזאַמען מיט מיין ראַבער קאַץ,
זיך זעצן שטיל צו מערב-זייט,

צו שאָטן־זייט, צום זון־פאַרגאַנג,
און קוקן אומעטיק און לאַנג,
אויף יענער פייערדיקער טאַץ,
וואָס וועט אַוועקטראָגן מיין לעצט געזאַנג.

די זיקנה פלינק וועט, ווי פּאַיאַץ,
אַ שפּרונג טאָן אויף מיין פליכן קאָפּ,
מיין נאָז וועט אָנטאָן זיך אַ שפּיץ,
די באַקן אין אַ פּאַרמעט־געל —
און זיצנדיק אַזוי ביים שוועל,
וועל איך זיך אויפהויבן פון זיץ,
און וועל מיט טריט, געמאָסטן, שטאָלץ,
אין האַנט אַ שטעקן פּימסן־האָלץ,
זיך אָנהייבן צו שאַרן, גיין,
אַליין־אַליין, — —
דורך בלעטער־פאַל, צום וויסן שניי —
ניט ערגער און ניט וואַכיקער פון זיי,
פאַר וועמען כ׳האָב געעפנט ברייט
דעם טויער און צו גרוב באַגלייט.

שטאַמען ,

טאָג האָט געצייטיקט אין רייפקייט,
רייפן איז שיין, נאָר סיגנאַלן
וואָרענען : ס'טוט זיך שוין שלייפן
שניט פונעם הארבסטיקן פאַלן.

ליד פון פאַרנאַכט — אונטערטעניק,
בלעטער אין גלי פון די פאַרבן ;
גוט איז צו זיין ווידערשפעניק
איידער עס נענט זיך דאָס שטאַרבן.

הערט זיך אַ שאָרכן — עס רייסט זיך,
אויפרייס פון הארבסטיקע סמען ;
פאַלן איז טראַגיש, נאָר ס'ווייזט זיך
אמתדיקייט פון די שטאַמען.

פאַלט אָפּ דער צודעק און ס'שטייגן
בוים ביי אַ בוים אין דערקאָנונג ;
הענגט אויף די הענטיקע צווייגן
נאַקעטע, מענטשלעכע מאָנונג.

טראָגן זיך ווייטע געשרייען,
שטאָט אויף די רוישיקע אַקסן, —
גייט אויף אין הויל פון אַלייען
פולקייט פון וואַרטן און וואַקסן.

איך, און מיין אייניקל, און דער וואַלד

מיין אייניקל האָט זיך געשפּילט און איז אַריין אין וואַלד, —
די קראָען זיינען אומגעפלויגן און געמאַכט אַ גוואַלד.

נאָר ביימער האָבן גרין געלאַכט, און טוי האָט גאָלד געטריפט;
און וועווערקעס — אַרויף־אַראָפּ — אין כאַפּעלעך געשטיפט.

און זי, דאָס קינד, אין פלי און פרייד — ניט וויסן זאָל פון צער!
זי שפּילט זיך אין באַהעלטעניש מיט מיר דעם זיידע־נאַר.

פאַרגנבעט זיך אַהינטער דעמב, צי הינטער אייביקגרין,
און קוילערט מיט איר קולעכל: — אָ, זיידעשי, געפין!

זי שפּילט זיך און זי קריכט אַריין אַלץ טיפער אינעם וואַלד,
און דורך דער קראָען־קראַקעניש איר עכאָ הילכט און שאַלט.

און זי אַליין — איך זע ניט מער דעם שפּרונג פון אירע טריט —
דער וואַלד האָט שאַל, האָט שאָטן־שטראַל, האָט טיפן סוד וואָס ציט.

דער וואַלד האָט גים און בערעלעך, האָט יאַגעדעס, און נאָך —
דער וואַלד האָט היט פון שוועמעלעך, האָט קריינדעלעך פון מאָך.

נאָר וואַלד האָט אויך אַ פּלאָנטערניש — אַ ראַינע אין אַ ראָד,
פאַרשפּילסטו זיך, איז וויסטו ניט: צי איז דאָס אום, צי גראָד?

מיין אייניקל, איר אַרט עס ניט, זי שפּילט מיט זיך אַליין,
איך הער, זי ציילט: — „אַז איינס איז — יאָ, און איינס און צוויי
איז — ניין״.

איר ציילעניש דערשרעקט מיין האַרץ — אָ, שוטה וואָס איך בין! —
און מעשיות פון אַמאָל אין ריי זיי קומען אויפן זין.

אַ מעשה מיט אַ הייל אין וואַלד, אַ גזלן — ווילדער ריז,
אין מיטן קאָפּ איין־אייציק אויג, אין האַנט אַ פּייער־שפּיז.

אַ מעשׂה פון אַ באָביצע מיט קינדער קליינע אַכט,
וואָס שד פון וואַלד האָט זיי פאַרשלעפּט אין סאַמע מיטן נאַכט.

די אַלטע מעשׂיות שטעכן זיך, ווי גרינע נאָדלען דין,
די עכאָ הילכט פון לינקס און רעכטס: — אַ, זיידישע, געפין!

איז, ווער איך בייז און שריי אַריין אין נאָדלדיקער טיף —
רויט-בריסטל פליט אַנטקעגן אָן און לאַכט זיך אויס: היף-היף...

קומט וואָרעניש: — „איך גיי אַוועק — זאָל כאַפּן דיך אַ בער! —
און ראַטעוועסטו זיך אַרויס — געפינסטו מיך ניט מער".

אַ קילקייט ווייט, אַ שאָטן גייט, דער קוקוק נאַכטיק שאַלט,
און שוואַרצע קראָען פליען אום און מאַכן אַ געוואַלד.

1956

אויפשטאַנד

1. געוויטער

אויפגעוויטערט,
אויפגעציטערט,
און ס'האָט דער בוים זיך ניט געשטילט
ביז ס'איז דער לעצטער בלאַט,
פאַרלענדט,
פאַרצערט, —
אַראָפּגעפאַלן צו דער ערד.

זון און ווינט. אָקטאָבער־ווינט, נעפּל־ווינט.
פון הינטער נעפּל ווערט די זון צונויפגעגאָסענער, געדיכטער.
אָקטאָבער־גלי אויף די געזיכטער.
דער בוים — מיט איבערזעט באַשווערט
האָט מיטאַמאָל אַ ריס געטאָן זיך פון דער ערד —
אַרויף־אַראָפּ,
געמיש —
קאָפּ אויף קאָפּ און האַנט־אין־האַנט,
ריס, ריס, בלעטער־ריס, —
רייסט דער בוים פון זיך די בלעטער,
בלעטער — פאַרעטער —
האַלב־גרין און האַלב־רויט
בלעטער וואָס האָבן געשלאָסן אַ בונט מיטן טויט.

נאַקעט, נאַקעטער, נאָך נאַקעטער.
נאַקעטער קאָפּ,
הויך, העכער — ביימער ריזן!
האָבן זיך אין נאַקעטקייט באַוויזן
הענט, אַזוי פיל אָפּגעדעקטע הענט, —

אויף יעדער האַנט, אויף יעדן מינדסטן פינגער
זונען-גליטער —
זילבער-שפּליטער.
גלי—
האַרבסטיקער בלי,
וועט וואַקסן, וועט בליען —
ניט איצטער איז שפּעטער.
און ביי די פּים —
רים, רים, בלעטער-רים,
בלעטער האַלב-גרין און האַלב-רויט,
— טויט!

2. די שרפה

פייערן, —
פון וואָרצל אויס,
פון שוואַרצן אויסגעזייגטן גרונט
אַרויף,
און פון דעם אָפּגעבליטן שפּיץ
אַראָפּ,
אַ רויטער ציטער — ווי אַ רויטער בליץ,
האָט דורכגעיאָגט דאָס בוימערדיקע האַרץ,
האָט אָנגעפלאַמט דעם גוף פון אונטער דער צונויפגעשרומפּטער
קאָרע-הויט, —
אויף צווייג און בלאַט זיך אויסגעשפּרייט,
און אָנגעצונדן רויט דעם גאַנצן בוים,
אַ בוים אין אַן אָקטאָבער-טאָג.
— רויט, —
— האַרבסטיקער פייער.
— הייסער אָטעם פון טויט.

און אַז עס האָט דער ערשטער בוים אין שטאַרבנדיקן פייער זיך
צעברענט, צעגליט, —

איז באַלד דער רויטער פיבער — ווי געטראָגן פון אומזיכטבאַרע הענט
און טריט —
אַריבער אויפן צווייטן בוים, אויפן דריטן,
און קיינער איז פון פייער ניט געוואָרן אויסגעמיטן.
מילי־מיליאָסן צווייגן, מילי־מיליאָסן בלעטער,
אַ שרפה אויף מיילן און מיילן!
און איבער אַלע גליענדיקע, טליענדיקע ביימער,
אַ זון אין פאַרנאַכטיקן נעפּל פון אַש.
אַ פייגעלע אַנטרינט פון נעסט,
אַ פעדער אין די פיסעלעך צונויפגעפּרעסט,
און רופט: —
— וויף — היף, —
— העלפט, ראַטעוועט!

— „אַ דאָרן ברענט און ווערט דאָך ניט פאַרלענדט".
נאָר האָט דאָס פייער אינעם הארצן פון אַ בלעטערדיקן בוים
זיך אָנגעצונדן —
געקומען איז דאָס פייער פון פאַרלענדונג,
— רויט, —
— הייסער אָטעם פון טויט!

3. שטורקאַצן

טופּעריי, קלאַפּעריי — הילכנדיקע פויקן און טאַצן
זיי קומען די נאַכט דערשרעקן.
שרפהס אויף הענט געטראָגענע — פונקן־שפּריצנדיקע ליכטער,
שטורקאַצן, —
צינדן אָן די נאַכט פון אַלע עקן.

טראָטן אויף טראָטן — לייבער אין לייבער געקנאָטן;
דאָס בלוט אין די קנעכטישע אָדערן האָט אויפגעזאָטן.

אויגן , ליכטער, פאַקלען —
דערנענטערן זיך, דערווייטערן.

טריט אָפּגעשטאַנענע וואַקלען
אין אייגענעם פלאַם זיך צו לייטערן...

קום, חבר, די ערד ווערט פאַרשרפהט, — אויף צווייען צעשפּאָלטן,
באַלד און מיר פאַלן אין בראַנדיקער נידער פאַרשאָטן, פאַרשאָלטן.

4. האָלעוועשקעס

פון א זייטן געסל פאַרביי מיין שטאָטישן וועג
אין אַ האַרבסטיקן פרימאָרגן,
איז צו מיינע נאָזלעכער פלוצעם דערגאַנגען
אַ רויך-גערוך.
אַ פייערל פון העלצלעך, ברעטלעך אויפן ראָג.
האָלעוועשקעס ניט דערברענטע, קויליק-געקאַרבטע —
סטאַרטשען אַרויס פונעם גלי.
טופעריי פון פרימאָרגנדיקע, איילנדיקע טריט,
קלאַפּעריי פון טירן, שלעסער, שטאַנגען —
יאָגט זיך געשטאַלט נאָך געשטאַלט,
און נאָך זיי דער סקריפּנדיקער רעדער-גוואַלד
— גוואַלד, —
בהלה.

מיינע נאָזלעכער האָבן שווער אויפגעציטערט;
אַזוי מסתמא ציטערן אויף די נאָזלעכער פון אַ הונט,
וואָס דערשמעקט דעם ריח פון היימישן גרונט...

אַלץ ווילדער ווערט די בהלה,
פון אַלע זייטן און ווינקעלעך טופּנדיקע טריט,
לויפן, אַנטלויפן — — —
סאַזשיקער, שווערער גערוך,
האָלעוועשקעס ניט דערברענט,
קויליק-געקאַרבטע,
ביינער, ריפּן, סקעלעטן, —

קינדערשע פּים און הענט,
אַש פון פאַרשרפהטע ווענט.
יונג און אַלט —
געשטאַלט נאָך געשטאַלט
אין לויף, אין געלאַף;
קלאַפּעריי פון טירן, שטאַנגען,
כליפּנדיקער, סקריפּנדיקער רעדער-גוואַלד,
— גוואַלד, גוואַלד. — —

רוישיקער, ראַשיקער ווערט די בהלה,
לאָז איך זיך אויך — ווי אַ הונט אין אויסגעשטרעקטער שרעק —
אין געלאַף אויף מיין שטאָטישן וועג.

5. איבער אונדזערע קעפּ

איבער אונדזערע קעפּ, — —
איבער פאַרגליווערטע קופּעס פון שטאָטישע מויערן;
איבער צעדריוולטע בייטן מיט אָפּגעצופּטע וואָרצלען און גראָז-שטאַמען;
איבער טייכן און ימען; —
איבער וואַרעמע דאָרפישע כאַטעס,
וואָס ליגן ביי די פּיס פון שפּעדיקע שייערן,
זיכערדיק, ווי קינדער ביי די קני פון טאַטעס,
ציטערדיק, ווי קעץ ביי פעלדיקע האַרבסטיקע פייערן, — —
שלעפּן זיך, ציען זיך האַרבסטיקע רויכן —
האַרבסטיקע פלאַמען.

פון מערב, פון מזרח, פון דרום, פון צפון,
פון אַלע זייטן, פון אַלע ווייטן
הויערן זיי, ווינטיקע, איבער אַלע וועגן.
סאַזשיק-טונקעלע, גאָלדיק-ווייסע, בלאָע, גראָע, — —
האָט איינער דעם צווייטן געטראָפן,

געקומען אַנטקעגן,
באַהעפטן זיי זיך,
גיסן זיך צוזאַמען,
הייבן זיך,
נידערן
אין ווינטיקן זיג-זאַג,
און פאַרשווינדן —
הויך, הויך, ווי אויף שווינדלענדיקע טרעפּ,
איבער אונדזערע קעפּ.

.1935

2

פון די אייגענע שטאַמען

א. באַנציע שוייג

ב. ייִנגעלע פון חומש

ג. עלעגיעס

— אַ ליד צו מיין אומה, צו טאַטן און מאַמען,
מיין טרייסטונג אין טונקעלע שעהן.
אין ווייטן, פאַרנאַכטיקן הימל אין בלאָען,
אין שיין פון אומצאָליקע שטערן —
דאָרט גליט נאָך גאָטס ברכה פון פרוכפערן, מערן,
און ס׳ציט זיך דורך נאַכט, און דורך פיין, און דורך יאָכן,
מיין אַלטער, מיין הייליקער, בלינדער בטחון —
דאָס ליד פון די אייגענע שטאַמען.

איד

בין קליין, און דאַר, און שפּיציק.
האָב געקענט אויך הייסן איציק, —
נאָר אַז איציק הייסט דער טאַטע,
און ס'ליגט דער עלטער־זיידע אין דר'ערד
אַכט יאָר שוין אָן אַ נאָמען — —
טאָ זאָל שוין זיין בנימין.

געדייט און אויסגעוואַקסן
אויף סקריפּנדיקע אַקסן —
אַזאַ יידל נעמט אַ פידל,
שטעלט אין גאַס זיך, זינגט אַ לידל —
מיט זיין אָרעמאַנסקן הוילעך,
ברענט מיט טרערן, ווי מיט פלאַמען.
נאָר אַז ווייגען איז דאָך אייביק
שוין באַשערט געווען מיין מאַמען, —
טאָ לאָמיר זיין שוין פריילעך . . .

לידער, מיינע לידער

לידער, מיינע לידער,
וואָס זייט איר אַזוי דערשראָקענע געבליבן שטיין,
און ווי וואָל אויף ווייסע שעפּסעלעך,
ציטערט איר מיט אַלע גלידער דין און קליין?

לידער, מיינע לידער,
וואָס טוליעט איר זיך אות צו אות אַזוי אין שרעק?
פּאַרוויין־פּאַרוויין, קומען שורות אויפגעשויבערט,
ווי די פייגל אויף פאַרוויסטער שטרעק.

כ'האָב דאָך אייך דורך נעכט געקליבן,
איינציקוויים געוואָרעמט און געהיט,
און געהאָפט: ווען אַלץ זאָל זיך פאַרלעשן,
וועט דאָך אייער פייער בלייבן העל צעגליט!

ענטפערן די לידער: — זיי אונדז מוחל,
עס שרעקט אונדז אינעם חושך אַזאַ ברענענדיקע רויט,
אַז מיט יעדן וואָרט, און יעדן אויסגעשריי,
שרייט אַרויס פאַרצוקונג און פאַרגאָסן בלוט.

העלף און ראַטעווע — ווי שטיקער וואָלקנס יאָגן,
קולות וואָיען אין געוויטער,
ווערטער פאַלן ווי אַ האָגל אויף די מענטשן,
און די אותיות שפּאַלטן, שטעכן זיך, ווי שפּליטער.

ניט נאָר מיר, אויך דו, געטרייער היטער,
זוך אַ שוץ באַצייטנס, אין דעם בלענד פון בליצן, —
ניט מיר קענען זיך אַליין באַשירעמען,
ניט מיר קענען דיך באַשיצן.

האָב איך אויסגעהערט די צערדיקע רייד,
און געזעצט זיך אין דער נאַכט אַליין,
און געקוקט, ווי מיינע לידער ציטערן אין חושך,
ווי די וואָל אויף שעפּסן — דין אַזוי און קליין.

דער שפּיגל

וואו איז געבאָרן געוואָרן דער משל,
משל פון אומעט און משל פון לאַכן?
אַז ווי אַ שפּיגל, פון איין זייט באַזילבערט,
וואַרפט ער אַ שיין אויף די טונקעלע זאַכן?

לויכט אויף אין שפּיגל אַ ווייטע דערמאָנונג:
בויגט זיךביים חומש מיין גרייז־גראָער זיידע,
און אין דער הויך, אויף דעם באַרג פון מוריה,
שטייט שוין פאַר יצחקן גרייט די עקדה.

משל — ניט משל, נאָר הייליקע פּרואוואונג,
גאָט דער גערעכטער — ער וועט דאָך ניט שעכטן;
אָבער אין האַרצן געבליבן איז מורא —
שרעק פאַר דער פּרוואואונג פון גאָט דעם גערעכטן.

לויכט אויף אין שפּיגל אַ צווייטע דערמאָנונג:
שבת פאַרנאַכט אין דער קלויז פון אביונים,
— שיע דער שוסטער און שימע דער שניידער —
שקיעה פאַרגייט מיט אַ משל אַ שיינעם.

שטייט אויף דער טונקעלער בימה מיין טאַטע:
— איז דאָך אברהם און יצחק — זיי ביידע,
משל און רמז, אַז ווייט דורכן גלות —
שטיין וועט פאַר יידן געגרייט אַן עקדה . . .

אָט, און עס קומט שוין אַ סוף צו ישראל, —
ניין, ווידער ניין! קומען נסים אַ פולע,
און אין דעם קץ, אין דעם אחרית הימים,
ברענגט שוין משיח די לעצטע גאולה.

טרייסטן זיך יידן — דער חומש איז הייליק,
האַרציקער אָבער דער משל, דער שיינער;
שטיי איך אַ קינד צווישן פאַרכטיקע טאַטעס, —
יידישער יינגעלע, יינגעלע קליינער.

משה אין קעסטל — שווימט מיט אויך דער משל,
גייט ער אויך אויף אין דעם פייער פון דאָרן —
אַז ווי דעם סנה וועט אונדז גאָט ניט פאַרלענדן,
לייטערן נאָר אין דעם פלאַם פון זיין צאָרן.

עמוד הענן און עמוד האש —
אַלץ איז דאָך משל, און אַלץ איז דאָך רמז;
תנו רבנן — ביים איינזאַמען שטענדער,
שטייט שוין דער משל ביים זייט פון דעם אמת.

באַלד וועלן ביידע אַ גיי טאָן אין שטעטל:
— לאָזט אונדז אַריין אין אַ ווינטיקער נאַכט!
גייט שוין דער טאַטע אַהיים פון בית-מדרש,
זוכט אין דער פינצטער אַ טיר מיט אַ דאַך.

— גוט-וואָך! ווי קען דאָ זיין גוט, אַז ניטאָ איז
וויין אויף הבדלה, פאַרשעמט ליגט דער טלית . . .
וויים איך: דער משל, ער וועט אים שוין פירן,
פירן דורך וואָך, דורכן נאַקעטן דלות.

אָט, און דער טאַטע באַגלייט מיך צום גרענעץ,
מאַמע יאָגט אָן און פאַרשפּילעט מיין העמד;
וויים איך: פאָרוים גייט אַ צווייטער באַגלייטער —
משל וועט היטן מיך ווייט אין דער פרעמד.

טיף איז די נאַכט, און דער שפּיגל פאַרמאַכט זיך,
נאָענט איז דער חושך, און וואַלדיק דער וועג —
ליכטיקער משל, אַ, טרייסט פון מיין טאַטן,
היט מיך און היט ביזן סוף פון די טעג!

מיין זיידע

אומעט אויפן הארצן, לידער אויפן גומען, —
ווייס איך, אַז זיי לעבן, ווייס איך, אַז זיי קומען.

ווייס איך, אַז די אותיות העפטן זיך צוזאַמען,
ווי אויף תפילין-זעקל — ליבשאַפט פון מיין מאַמען.

בויגט זיך פלויט ביים גאָרטן, קרימט זיך שטעג דורך יאָרן, —
איז אַ בויד פון שטעטל ערשט אַוועקגעפאָרן.

יאָגט פאַרביי אַ צלם — שרעק פון קינדער-וויגן, —
וויגט זיך ביים נר-תמיד בענקענדיקער ניגון.

ליטע, מאַמע מיינע, שטעטלדיקע אויגן —
איבער קליינע היימען שיינט אַ רעגנבויגן.

עפענען זיך וועגן; פליען פייגל, פליען, —
קינדער, ווי די פייגל, אין דער ווייטקייט ציען.

טרערן אויף אַן אייזן אַנגעגליטן זידן, —
בריט מיין טאַטנס אָנזאָג: — בלייב, מיין קינד, ביי יידן.

לעצטער קוק אויף באָבען, זיידישע מצבה:
— כ'וועל נאָך בשורה ברענגען, ווי די טויב פון תיבה.

מיט דעם בלינדן נעפל צו אַ ברעג געקומען, —
וויפל יאָרן-כוואַליעס זיינען שוין פאַרשוואומען?

לידער אויפן הארצן, טרערן אויף די ברעמען;
וואו זאָל איך איצט, יורש, גוטע בשורה נעמען?

— איז די טויב געפלויגן, האָט קיין רו געפונען...
דאַכט מיר, כ'בין אַ פליט — כ'בין פון זיך אַנטרונען.

זיידע מיינער, חלוש, שטאַרק און אומבאַזיגבאַר,
שטאַרקער פון מיין לעבן — לעבט אויך דיין: „פה-נקבר"...

באָבעס

צוויי אַלטיטשקע פרויען, אין אָוונט אין בלויען,
זיי זיצן צוזאַמען אין שטומען פאַרטרויען.

דערביי בויגט אַ בוים זיך מיט קאָפּ און מיט צווייגן,
ער קוקט אויף זיין אייגענעם שאָטן אין שווייגן.

די פרויען —— צום מערב צעגליטן, דערהויכטן,
ווי דאָרט וואָלט די האָפענונג לעצטע געלויכטן.

און איבערן טייך פליען פויגל אין פאָרן,
אין מערב צעשפילט זיך די שפּיל פון די יאָרן.

פון ערגעץ, פון נעכטן, די וואָלקנס, ווי צייכן,
זיי איילן אַהינצו — צו שקיעה דערגרייכן...

און פאַרבן און כוואַליעס, זכרונות זיך וועקן,
אַ האַנט אויפן מערב טוט שרייבן און מעקן.

אַ צורה, אַ פּנים, און אותיות צעצונדן, —
עס לעשט זיך, עס עקט זיך — פאַרלאָשן,
פאַרשוואונדן.

און ווייט אויפן טייך, דוכט זיך, טויכן געשטאַלטן,
זיי טוקן צום אָפּגרונט — די שפּיל צו באַהאַלטן...

ווערט שטילער און שטילער, ווערט פאַרהאַנג
פאַרצויגן, —
אַ ליכט ניט פון דאַנען, שיינט אויף פאַר די אויגן.

צוויי אַלטיטשקע פרויען, צוויי אַלטיטשקע פרויען,
זיי מורמלען אין שווייגן, אין שטומען פאַרטרויען.

דערמאָן איך זיך מורמל פון חנה, מיין באָבען,
ווען זיידע איז פלוצלונג ביים תהילים געשטאָרבן.

גערעדט ווי אין חלום אין הייליק-געגאַרטן:
— הירש-עליע, ווערסט לאַנג שוין אויף מיר דאָך ניט
וואַרטן...

צוויי אַלטיטשקע פרויען, צוויי אַלטיטשקע פרויען,
ביים ברעג פונעם האָדסאָן אין אָוונט אין בלויען.

מיין מאַמע

ווי אין שול ביים ארון קודש
לויכט זיך ווייס א ליכט,
איז דער אָפשיין, מאַמע מיינע,
פון דיין אַלט געזיכט.

גראָז א הינטער זיך געוואָרפן
אויף בית-עולם שטעג —
זיינען ווי פון ווינט פאַרטראָגן
אַלע דיינע טעג.

זון פאַרגאַנגען, האַרץ געשרומפּן,
ווערט אַלץ שטילער, שטיל.
ווי די וואַסער-גרוב פאַרזונקען
אין דער חורבה-מיל.

„באַנציע שווייג"

1

איך האָב דיך דערזען אמאָל, אין שעה פון טאָג,
ווען יצחק לייבוש האָט דיך געבראַכט אין הויז פון אונדזער לעבן.
איך בין געווען דאַן יונג, מיט רויש פון נייעם טאָג געשטיגן,
נאָר דו, געבויגענער, ביסט שטיל אריין — און האָסט געשוויגן.
האָב איך געקריגט:—אין שוויגן ליגט דאָך אונטערטעניקער פאַרגעבן,
א פלייצע בויגט זיך איין: — נאַ, טו מיך שלאָגן...
נאָר איצט, ווען ס'פאַלן טעג, ווי ברוכשטיקער. מיט אַש פאַרשאָטן,
און פליט יאָגט א נאַקעטער אָן גואל און קרוב, —
האָב איך דערשפּירט, דיין שוויגן רוקט זיך צו, ווי אוונט-שאָטן.
א וועלט, און נאָך א וועלט, ווערט חרוב.
דער לעצטער אויסגעשריי פאַרשטומט אויף מערבדיקן שייטער, —
דיין שוויגן אָבער רינגלט מיך אַרום, און גרייכט אַלץ ווייטער, ווייטער.

2

דאָס צינגל פון דער וואָגשאָל האָט זיך געוויגט, געצויגן, —
אַזוי אויך דער בערדיטשעווער, און ס'האָט געמאָנט זיין הויכער שטערן:
— כולו זכאי! און אַז ניט, איז וואָס? דאַרף ישראל פאַרטיליקט ווערן?
וואָס האָסטו צו דיין פאָלק? — און וואָג האָט אַלץ געוואויגן...
עס האָבן זיך געשפּיזט די גרויע, טרערנדיקע ברעמען,
און איך, מיטן יונגן האַרץ, האָב מיטגעוויינט: — א סוף זאָל נעמען!
נאָר דאָ ביסטו אריין, אָן וואָג — ניט צו וועגן, ניט צו מעסטן, —
ניט אייגענע, ניט פרעמדע זינד — און האָסט געשוויגן.
פאַרפייניקטער, פון בייטש געבייטשט, פון מענטש — פאַרשפּיגן;
אָן קנאה און אָן שנאה נאָר מיט א פּנים אַזאַ בייניק-פעסטן,
און מיט הכנעה אויף די פלייצעס — ניט גרייטקייט צו פאַרגעבן, —
נאָר גרייט צו טראָגן לאַסטן — די לאַסט פון אונדזער לעבן.

3

דערמאָן איך זיך: אין הויז האָט פינצטערניש געפּאַכט מיט פליגלען,
און אין דער פינצטער, רופט ר' שלמה:—די וועלט וויל מער ניט וואַרטן!
איך וועל די הימלען אַלע איצט צעעפענען, צעריגלען,
שבת זאָל זיין! — דער רוף פון איינגעשפּאַרטן.
און איך, אַ קינד ביי שלמהס זייט, האָב גיריק מיטגערופן:
— פאַרפרוירענע נשמהלעך, איר, יידעלעך מיט איינגעשרומפּטע גופן,
איר זוכט אַ פונקעלע, אַ שבתל, — נאָר וואָך זייט איר גאָר אויסן,
איר רייסט זיך צו די קרעמלעך גאָר, איר חלומט נאָר פון שילדן...
נאָר דאָ ביסטו אַריין, געטריבענער פון דרויסן,
און האָסט אַ זאָג געטאָן מיט קול אַזאַ פאַרטראַכטן, מילדן,
אַז אַלע מיר — מיר האָבן קוים געקענט דערהערן:
— יידן, גוט־וואָך, עס לייכטן שוין די ערשטע שטערן.

4

די וועגן רייסן זיך, עס שווינדן די געשטאַלטן,
די מאַנער מיט די מאַנונגען, משיח מיט די וואונדן.
די שרעק פאַרשאָטנט ליגט אין פעלזן־שפּאַלטן...
נאָר דו אַליין בלייבסט איבער, מיט שטריק אַרום דיין דיך פאַרבונדן.
מיט שווייגן אין דיין גוף, געדולד און גאַנג דורך יאָכן.
קום, שוויגעניש, הכנעה, פעלזיקער בטחון!
קום, באַנציע שווייג! די קברים מערן זיך, מצבות וואַקסן,
אַן אָרון ציט, עס הערט זיך אָוונטיקער סקריפּ פון אָקסן,
דאָס גייען מיר צום פעלד פון קדושים, אויך זיי — אין טיפן שווייגן,
נאָר איבער זיי—דאָס קול פון דורות, וואָס הויבט זיך אויף אין שטייגן,
אַריבער פלויטן, מענטשן, אַריבער שפּיצן, דעכער, —
און שטייגט אַלץ צו די הימלען העכער — „אויב ניט נאָך העכער"...

אין נאַכטיקן רויש פון די ראַסן

ויעקב יושב אוהלים. —
בראשית, תולדות.

אין נאַכטיקן רויש פון די ראַסן,
בראָווייאישער שייטער!
עס גליען געשטאַלטן, עס פלאַקערן ליכטער,
אַליין, אין המון, צווישן פרעמדע געזיכטער,
איך גיי, און מיר דוכט זיך: דער אָנהויב פון יאָרן:
עס איילן די פעלקער אַלץ ווייטער און ווייטער,
נאָר איך ווער ערשט איצטער געבאָרן, —

עס יאָגן די מחנות אַריבער דער וועלט,
נאָר איך בלייב אַליין אין געצעלט.

איך גיי, און איך וויג זיך אין גאַפן,
אין וואַנזין, און דרעמל, —
געדראַנג פון פילגרימער, און מאַגיק פון שפּרוכן,
איך ווייס נים, צי איז דאָס אַ בענטשן, אַ פלוכן,
מיראַזש פון די ווענט, פון די טורמעס, —
מיר דוכט זיך, איך זע גאָר אין מדבר אַ קעמל,
עס קריכן געשטאַלטן פון פורעמס:

עס קריכן געשטאַלטן אַריבער דער וועלט,
נאָר איך בלייב אַליין אין געצעלט.

אַ גלי פון פּראָזשעקטאָר דורך נאַכטיקע ווייטן,
מצרימשער שאָטן;
עס ציען זיך צונגען, עס רייסן זיך גלידער,
עס שפּאַלטן זיך ימען, באַהעפטן זיך ווידער,
איך זע ווי עס בליען פאַרשיידענע הויטן.
מיר דוכט זיך, דורך וויסט און דורך זאַמדן געטראָטן,
עס שיילן זיך מענטשן אַזוי ווי פון שויטן,

עס בלאָנדזשען די מחנות אַריבער דער וועלט,
נאָר איך בלייב אַליין אין געצעלט.

וואָס ווערט אויף די ווענט דאָ מיט פייער געשריבן?
ווער בין איך אין נאַכטיקן ווימל?
אַ ברי האָט געטאָן מיט אַמאָליקן אָטעם,
מיין ברודער אַוועק איז אויף יאָגד צו די שבטים,
איך גיי, און מיר דוכט זיך: דער רויש פון געפעכטן,
די רויטקייט פון בלוט, און דאָס בלוי פון דעם הימל,
ביי איינזאַמער שוועל אין פאַרצייטיקן נעכטן.

עס יאָגן די מחנות אַריבער דער וועלט,
נאָר איך בלייב אַליין אין געצעלט.

אַלץ העכער און העכער, אין בונט פון דער שרפה,
צעשפּילטער, צעבלענדטער!
עס ציען זיך סדומישע שוועבל-געררוכן,
מיר דוכט זיך: ס'איז יעדער אַנטלאָפן צו זוכן
אַ נאָרע, אַן אָרט, אין באַהאַלטענע ווינקלען, —
נאָר איך בין געבליבן, דער פלאַם קומט אַלץ נעענטער,
די צונגען, זיי רינגלען אַרום מיך, און רינגלען —

עס זוכן די מחנות אַ שוץ אין דער וועלט,
נאָר איך בלייב אַליין אין געצעלט.

און אַט, דוכט זיך, ווערט אַלץ פאַרשלונגען,
פאַרצוקנדער שייטער!
ניטאָ מער ביי וועמען קיין רעטונג צו קויפן,
ניטאָ מער קיין אָרט וואו צו לויפן, אַנטלויפן,
פאַרשוואונדן די מחנות — ניטאָ מער קיין שונא,
איז שפּרינג איך אין פייער: — אָ, ברען מיך און לייטער!
איז שפּרינג איך, און שריי: אדוני אלהינו!

אַ פונק אין דער רויכיק-צעצונדענער וועלט,
אין אַש פון מיין איינזאַם געצעלט.

אַ ייד אויף בראָדוויי

אַ ייד מיט אַ באָרד, מיט אַ היימישער הוט,
אַ פּוילישע, שוואַרצע, אַ ראַנדיקע הוט.

פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין מיטן בראָדוויי,
פאַרבלאָנדזשעטער רב אין דעם קאָך פון בראָדוויי.

עס מישן זיך מענטשן פון שבטים, פון ווייט,
געמיש פון די הויטן, געמיש פון דער צייט.

און ער מיט זיין הילוך — אַליין און אַליין,
ער קוקט אין געזיכטער, וואָס וויל ער דערגיין?

צי זוכט ער אַ פּנים פון אייגענעם שטאַם,
פון יידישן שטאַם אין געלאָף פון אַ ים?

צי זוכט ער זיין עדה־הקדושה — אָט־דאָ?
ער ווייס, ס׳איז זיין עדה פאַרטיליקט, ניטאָ.

אַ ייד מיט אַ הוט, מיט אַ שפּיציקער באָרד,
געבליבן אין אומקום, געבליבן אין מאָרד.

כצאן בלי רועה — אַ טרויעריקער סוף,
נאָך ערגער אַ פאַסטעך וואָס האָט ניט קיין שאָף...

— וואָס זוכט איר ר׳ ייד? — ניין, איך זוך ניט, איך גיי! —
גייט לך־לך, גייט דורך דעם רויש פון בראָדוויי.

פון וואַנען, ר׳ ייד? — ס׳הייסט, פון וואַנען, וואוהין?
ער שמייכלט: — וואָס אַרט אייך פון וואַנען, איך בין...

פון ווייטע מרחקים, פון מדברשן זאַמד,
און גאָט האָט געזאָגט — דו וועסט אַרבן דאָס לאַנד.

אַ סנה, וועלכער ברענט און ער ווערט ניט פאַרברענט,
און משה וואָס האָט צו זיין פאָלק זיך דערקענט.

געגאַנגען דורך חושך, אויך חושך — ער היט,
פאַרדעקט און באַהאַלט די געשטרויכלטע טריט...

נאָך באַלד, נאָך דער נאַכט — און אַ שמייכל פון ליכט,
צעלייכט זיך ביים רב אויף זיין מילדן געזיכט.

אַ ייד דאַרף ניט וויינען, דאַרף צוימען זיין טרער,
אַז זי אויך, די שכינה, זיליידט דאָך פיל מער.

איז, גייט ער, דער רב, דורך געגיי און געשריי —
פאַרבלאָנדזשעטער רב אין דעם מיטן בראָדוויי.

אָפּגעהוליעט...

אָפּגעהוליעט און פאַרהוליעט אונדזער גאַנצן יום־טוב,
שיכורע פאַרשיכורט ביזן דעק דעם ויין;
זיצן מיר איצט ניכטערע, ווי פליטים אויף אַן אינדזל:
— וואָס וועט איצטער זיין?

אויסגעליידיקט אַלע כוסות, ניט לחיים, נאָר למות —
איז פאַרלאָשן לאַנג דער וואַנזין־פלאַם;
איז דער נעכטן — שיף צעשמעטערט, מיר ווי שפּענדלעך
אַרויסגעשליידערטע פון ים.

ניט קיין אבות, ניט קיין קברים, שטעכיק ווי דער מדבר־דאָרן
רינגלט אונדז אַרום די אויסגעהוילטע וואָר . . .
אָפּגעהוליעט גאָר דעם יום־טוב, וואָס וועט בלייבן בירושה
פאַרן נייעם דור? . . .

איכה ישבה

שווערע בשורות, שווערע נייעס —
הריגות, זעלבסטמאָרדן, לויות.

פאַרפייניקטע, בלויז ביין און הויט,
באַגלייטן זיך אַליין צום טויט.

און טויטע אויך מיט שאַרבן־ציין,
שלעפּט יעדערער זיין קבר־שטיין, —

פון טויט צו טויט, אין טויט־געדראַנג,
אָן־סופיקער לויה־גאַנג.

און גרויל אויף גרויל, און טראַף נאָך טראַף, —
שוועבט וויסט און לער — פאַר וועלט־באַשאַף.

דער הימל ברענט מיט שוואַרצן פלאַם,
און תוהו פינצטערט איבער ים.

— אָ, שומר מה מליל? וואָס ווערט?
אַ תהום־אַ מויל שלינגט איין די ערד.

ווער רופט און בעט אין צוועלפטער שעה?
אַז קיין אַנטרינונג איז ניטאָ.

וואָס רוישט אין חושך וואַל נאָך וואַל?
ניט וואַסערפאַל, נאָר טויטנפאַל.

ער שטראָמט און טראָגט אַ מת נאָך מת,
און טראָגט אַוועק דעם לעצטן נס.

די תיבה אויף אַררט רוט?
— ניין, תיבה שווימט אין ים פון בלוט.

עקדה און אַ מלאך שיצט?
— דאָס קינד איז טויט מיט בלוט באַשפּריצט.

א מדבר און אַ סנה וואָס ברענט?
— ער ברענט און ווערט ביז גרונט פֿאַרלענדט.

און זעאונגען מיט טייפל־שפּאָט:
— נעם שרייַ — אחד, נעם קני פֿאַר גאָט...

איך גרויל פֿון שרעק, און איך ווער בין?
צי בין איך גאָר ביים קלאָרן זין?

איך זע, איך זיץ אין נאַכט אַליין,
און: איכה ישבה, וויין און וויין.

און בלאַט נאָך בלאַט, איך זוך און זוך,
אַ טרייסט אין דורותדיקן בוך.

פֿון וואָרט צו וואָרט, פֿון זילב צו זילב, —
דערשראָקן יאָגט אַרום אַ מילב.

די מילב זוכט שוץ ביי יעדן אות,
נאָר איך, אַ שוץ? פֿאַר וועם? פֿאַרוואָס?

אַז פֿון מיין קלאַן, ביים אונטערגיין,
געבליבן בין איך איין־אַליין.

אַליין — אָן אָנהייב און אָן סוף, —
פֿאַלט שווער אויף מיר אַ שווערער שלאָף.

און ס'חלומט מיר, איין־איין, אַליין,
מיין קאָפּ ליגט אויף אַ קבר־שטיין.

איז פֿרואוו איך נאָך, אין שרעק פֿאַרמאַכט,
אַרויסהויבן מיין קאָפּ פֿון נאַכט.

דערהער איך ווי פֿון יעדן קנאָך,
עס וויינט אַ קול: — כ'וויל לעבן נאָך!

נאָר אויג פֿון אומקום גליט און היט —
דער לעצטער קאָפּ, דער לעצטער ייִד.

1945

די האַנט

די האַק, וואָס האַקט דעם בוים אין וואַלד,
— פאַרוואָרף!
דער בוים אין רים — ער שרייט און פאַלט,
עס קען די האַק מיט זעלבן שאַרף —
אַ מענטשן טרעפן.

דער לאָם, וואָס זינקט אין דר׳ערד אויף שטיין, —
— באַהאַלט!
עס שפּריצט אַרוּם פון שטיין געוויין,
דער זעלבער לאָם קען האַרט און קאַלט —
אַ מענטשן שלאָגן.

די ביקס, וואָס יאָגט אַ האָז אין שרעק
— פאַרהויל!
אַ רויטער שפּור אויף אַלטן וועג,
עס קאָן די זעלבע, הייסע קויל —
אַ מענטשן טויטן.

פאַרוואַרפן אַלץ שוין מיטאַנאַנד,
ניטאָ!
געבליבן נאָר איז מענטשנס האַנט,
די האַנט וואָס בויט, די האַנט וואָס טויט, —
די האַנט אַליין.

אונדזער דור

פון מינסקער בלאָטעס, פון ווילנער טורמעס, ביז שנייאיקן סיביר,
און פון סיביר ביז אונדזער יידישער אַמעריקע, —
זכרונות, ווי די פליטים, קלאַפּן אין דער טיר:
— נעמט מיט צום יום־טוב אונדז — איר פופציק־זעכציק יעריקע!

די טישן ווייס, די קליידער ניי, און סאַרווערס קלאַפּן מיט געשיר;
אויף טאָצן טראָגט מען צום בעל־יובל איצט אַ ברכה, —
— נאָר מיר, זכרונות, וואָגלען אום און שלעפּן זיך נאָך איר,
נאָך אונדזער הייליקער און טראַגישער עפּאָכע.

מיין אויסגעפּרואווטער דור! צי האָבן מיר פאַרזען? צי האָבן מיר געבלאָנדזשעט אויפן וועג?
אין פיין, אין קריג, געוועזן זיינען מיר בטחונדיק, געדולדיקע, —
געטרוימט, נאָר אונדזער טרוים האָט זיך אין שוים צעשלאָגן,
הארט ביים ברעג;
מיר פראוון שמחות — קען זיין מיר זיינען גאָר די שולדיקע.

עס איז געווען אַ שעה פון יונגשאַפט, האָט אויפגעפלאַטערט אונדזער פאָן, —
נאָר וואו איז זי אַוועק, פאַרשוואונדן, יענע לויטערע קדושה?
קען זיין, אין רים פון טאַטעס, מיר האָבן צופיל שוין געשטעלט אין קאָן,
ווי יורשים, ניט געטראָגן, נאָר אייליק זיך צעטיילט מיט דער ירושה.

די בעכערס פול — מיר קוקן טיף אַריין אין דעם זכרון, —
פון טיף, פון דנאָ, גייט אויף אַ פריילעכער: לחיים!
אין אונדזער דור — געוואָרן, אין זעלבן דור — פאַרלאָרן,
מיר יום־טובן, נאָר לעבן לעבן מיר אויף די שיריים.

ווער האָט געצונדן גרויסן פלאַם? פון אויסלייזונג דאָס ליכט??
פאַרטיליקט איז געוואָרן אונדזער גאַנצע עדה.

דער פּלאַם האָט אויפגעברענט מיט טייפל-זשאַר, —
ווער האָט זיך דאָס געריכט ? —
און איז פאַר אונדזער פאָלק געוואָרן אַן עקדה.

מיר האָבן וואונדן אָפּגעדעקט, אַראָפּגעריסן מאַסקע-קלייד,
קען זיין, מיר האָבן אויך פּרוכתן פאַרלענדט און הייליקייט
פאַרשוועכט —
און אויפן מלך-שליאַך אַוועק איז ניט אַ מענטש אין פרייער פרייד,
נאָר ס'איז אַוועק אַ מענטש, וואָס איז נאָך אַלץ אַ קנעכט.

וואו איז דער וועג געוועזן גלייך ? און וואו געוועזן קרום ?
אַ,ליידנדיקער דור, אַ, דור פון הייליקער מרידה !
אַ טרייסט איין איינציקע : — מיין זיידע, לויטער, פרום,
אויך ער פלעגט טרייסטן, טראַכטן פון עליה און ירידה.

נאָר טרייסט, זיי שטיל, אַז קברים זיינען אונדזער טרעריקער פאַרמעג,
אַ, סאַרוועדם, טראָגט ניט מער די יום-טובדיקע כלים !
די גזלן-האַק צעשניטן האָט אויף שטיקער אונדזער וועג —
ניט בעלי שמחות זיינען מיר, מיר זיינען גאָר אבלים.

מיר, טרוימער ! מיר טרינקען כוס פון איובס סם,
דאָך אים, דעם טרוים אַליין, לאָזט פריי, און זאָל ער פליען איבער
תהומען,
און, ווי אַ טויב וואָס זוכט אַ נעסט, זאָל טרוים זיך זוכן נייעם שטאַם,
און אין דעם עתיד הייליקן אויפסניי גאָטס נאָמען.

.1945

אין די פוסטריט פון גלוביקן

יידן גייען, גייען אין די גאַסן,
אין די עוועניוס, אין די מאַרקן פון נויאָרק, —
מיט די יידן דורך די איילנדיקע מאַסן,
מיט די יידן דורכן טומלענדיקן טאָרג, —
גייט ער מיט זיין הויכן שטערן, מיט די זילבערדיקע האָר,
גייט ער, זעט ער העלע טרוימען אויפן וואָר:

יידן בויען, יידן טראָגן ליים און שטיינער,
אין די טאָלן לעבן אויף פאַרדאַרטע ביינער;
וואו אַ ייד — איז דאָרט אַ ישוב, וואו אַ ישוב — דאָרט אַ כּישוף,
פון נויאָרק ביז תל־אביב, פון כאַסלאַוויטש ביז באַרדיטשעוו!

קאַראַהאָדן — אָנגעלאָדן שווימען שיפן, פּיאָנערן,
פּיאָנערן ווי די שטערן, לייכטן איבער אַלע סקווערן.
אין די פּאַלעס, אין ראַגאָזשעס, אין די טאָרבעס, אין די זעק, —
ליגן אוצרות נאָך באַהאַלטן פאַרן ווייטסטן וועג.

רעדער אונטן, רעדער אויבן — איבער הענגענדיקע בריקן,
מיט די מאַסן, דורך די מאַסן, אין די שטראָמענדיקע רייען —
גייט ער — שמייכלענדיקער פּנים, טרייסטנדיקע בליקן:
יידן וואַקסן, יידן בויען, יידן אַקערן און זייען!

1930

התגלות

אין אָנדענק — דר. חיים זשיטלאָווסקי

ביסט געבאָרן געוואָרן צו זיין אַ געשטאַלט —
גוטע געשטאַלט פון לעגענדע.
— איבער אָרעמע הייזער גייט ער,
— וואַנדערער העלפט ער טראָגן די זעק,
— פאַרבלאָנדזשעטע פירט ער אַרויף אויפן וועג —
— ליכטיקע אויגן,
— בענטשענדיקע הענט!

נאָר איך האָב דיך געזען ביים אַקער אין פעלד,
מיט ליימיקע פלעקן אויפן שטערן,
האָסט אויפגעגראָבן הארטן גרונט,
האָסט געשפרייט און געזייט,
און מיט האַנט איבער אויגן געבליקט צו דער זון:
— ניט פאַרגיי!
ס'האָט זיך ברייט נאָך געצויגן פאַרשלאָסענע ערד,
און ביים זייט האָט געבויגן געאומערט דאָס פערד.

ביסט געבאָרן געוואָרן צו זיין אַ געשטאַלט,
הייליקע געשטאַלט פון לעגענדע,
— ער'שט געוועזן — און ניטאָ,
— זע, ברויט אויפן טיש,
— ליכטיקער קאָפּ,
— שפורן אויפן זאַמד!
נאָר איך האָב דיך געזען ביי אַ טונקעלן וואַלד,
מיט אַ האַק אין דער האַנט — אינעםביימער־געוואַלד.
איינער און נאָך
צווישן ווילדגראָז און מאָך.
האָסט געהאַקט און געזעגט,
און אַ פייער צולייגט,
און איבער אַ יונגן, צעשויבערטן קאָפּ. —

מיט די פונקען אַרויף,
מיט די שאָטנס אַראָפּ, —
האָט פאַרצויגן אַ קול:
— עי אוכניעם!
— איז נאָך אַמאָל, נאָך אַמאָל, נאָך אַמאָל־מאָל!

דער אָטעם פון פראַצע, די האַרטקייט פון וואָך
געשריי פון דעם מענטשלעכן יאָך.

ביסט געבאָרן געוואָרן צו זיין אַ געשטאַלט,
וואונדער־געשטאַלט פון לעגענדעס:
— אַ, רבי גייט אום אין אַ בעטלעריש קלייד,
פאַרהוילן, פאַרשטעלט,
צו זוכן דאָס גוטס פון דער וועלט.
— זייטיקער וועג,
— פאַרבאָרגענע טעג.

נאָר איך האָב דיך געזען צווישן ברידער אין גאַס,
מיט אָפּענעם פּנים און אָפענעם האַרץ,
אַנטפּלעקטע געשטאַלט!
אין דער פרעמד, אין אַ מאַרש, ביי אַ פאָן וואָס איז רויט,
— ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט!
איז געגאַנגען אַ המון — האָט געשימערט דיין לויב,
האָט געמוטיקט דיין וואָרט, און געהויבן פון שטויב.
און פון וויטעבסק די שטאָט ביז ניויאָרקישן טראָט *)
איבער ימיקן שיין, האָט געפלאַטערט אַ ליד,
פון אַ פאָלק אין זיין פּיין, און פון מענטש און פון ייד —
פון אַ שפּראָץ אויף קאַיאָר — —
אַ געזאַנג פון אַ דור!

---

*) דר. חיים זשיטלאָווסקי, ווי זיין יוגנט־חבר, ש. אַן־סקי, פאַרפאַסער פון דער שבועה: „ברידער און שוועסטער", — האָבן ביידע געשטאַמט פון וויטעבסק.

דאס ליד פון די אייגענע שטאַמען

געווידמעט מײַן ליבן פריינד
יודל באָרענשטיין —
יודל — פון אָרבעטער־רינג,
פון ייווא, פון ידישלאַנד.
ב. י. ב.

איך זינג איצט אַ ליד פון מײַן טאַטן און מאַמען,
פון אלף, פון בית און פון גימל.
אַריבערן שטעטל — דער פאָרכטיקער הימל,
און דאָרט וואו די זון איז צעברענט אַזוי צונטער,
דאָרט זיינען אברהמס מלאכים אַרונטער.
זיי רוהיק, מײַן קינד, און ניט שרעק זיך, ניט ציטער,
דער מלאך דער גוטער, דײַן אייביקער היטער —
דער ניגון פון שטאַמען.

דורך פינצטערע גרענעצן, רווישיקע ימען —
אַ קינד שווימט אַוועק דורך צעריסענע יאָרן.
אַ שטערנדל האָט זיך אין וואָלקנס פאַרלאָרן...
געדענק איך: די פייערלעך וואָרפן סיגנאַלן,
דאָס ליכט פונעם שוים אויף די נאַכטיקע וואַלן,
עס רייסן די ווינטן, עס טראָגן די אויגן:
— אַריבערן ים איז אַ פאַווע געפלויגן, —
אין פלי פון די שטאַמען.

דורך בלוט און דורך פלאַמען, דורך גליאיקע סמען —
עס וואַקלען זיך זײַלן פון שמשון הגיבור.
צעשפּאָלטענע גרונטן, איך שפּרינג איבער גריבער,
דורך שטעט און דורך גאַסן מיט פאָנען און לידער.
דערהער איך: עס שרייען געפייניקטע ברידער.
דאָס קול פון מײַן בלוט, איך דערהער און דערקאָן אים,
אין גאַנג צו — „והיה באחרית הימים“, —
אין קאַמף פאַר די שטאַמען.

מיט אַלעמען גוט, און מיט יעדן — צוזאַמען,
מיט ברוינע, מיט שוואַרצע, מיט אַלערליי הויטן.
נאָר, אָט, זע, ווי אדם זיך וויקלט אין טויטן,
ער פּראַכט ווי אַ חיה, מיט ציין צום פאַרצוקן,
אַ פּאַך מיט די לאַפּעס, אַ שפּרונג אויף מיין רוקן...
אַ, זיידעשי, זע, ווי עס לעשט זיך דיין תּפילה,
ווי קען איך איצט בעטן פאַרגעבונג, מחילה,
פאַר אַלערליי שטאַמען?..

אַ ליד צו מיין אומה, צו טאַטן און מאַמען,
מיין טרייסטונג אין טונקעלע שעהן.
אין ווייטן, פאַרנאַכטיקן הימל אין בלאָען
אין שיין פון אומצאָליקע שטערן —
דאָרט גליט נאָך גאָטס ברכה פון פּרוכפּערן, מערן,
און ס'ציט זיך דורך נאַכט, און דורך פּיין, און דורך יאָכן,
מיין אַלטער, מיין הייליקער, בלינדער בטחון —
דאָס ליד פון די אייגענע שטאַמען.

1946

די בשורה

אַריבער קעפּ געבויגענע מיט אַש באַשאָטן,
אַריבער היימען חרובע און האָב־און־גוטס צעטראָטן,
אַריבער קינדס געוויין און מאַמעס קלאָגן —
האָט זיך אַ קלאַנג, אַ גאולה־קלאַנג צעטראָגן.

און ס'האָט דער קלאַנג, געהייליקטער דורך בלוט און פלאַמען,
צעטראָגן זיך אַריבער אַלע שבעה ימען;
און איינגעשטילט האָט זיך דאָס בלוט, וואָס האָט די ערד געבאָדן,
וואָס האָט זיך ניט פאַרזאַפּט אין זאַמד און דורות־לאַנג געזאָדן.

און אָפּגעלאָזט האָט מאַמע־האַנט, וואָס האָט די האָר געריסן,
די ציין, וואָס האָבן זיך אַליין דאָס פלייש ביז בלוט געביסן;
עס האָט דער זקן, אַ ציטערנדיקער, אין טיפן גלויבן,
דעם קאָפּ געבויגן טיף און וויינען אָנגעהויבן.

נאָר דאָ האָט ער דערפילט אַ האַנט רירט אָן זיין נאַקן:
— נעם, וויש די טרערן אָפּ, פאַרבינד די אַלטע וואונדן;
אין מזרח, זע, גייט אויף אַ טאָג אין נייעם פלאַקער:
דער אַלטער סנה אין מדבר האָט זיך ווידער אָנגעצונדן!

.1917

יינגעלע פון חומש

אַ געזאַנג פון ערשטע צייטן, הערט זיך ניגון, יונגע שטים —
זיצט אַ יינגעלע ביים חומש: — בראשית ברא אלהים.

ויהי ערב, ויהי בקר — אָוונט-פרי, כי טוב, ס'איז גוט —
ווייטער, ווייטער — קומט אַ הונגער, קנעכטשאַפט, מדברשער
מאַרשרוט.

יינגעלע פון חומש. לערן: וואונדער, וואַנדער, זון און בראַנד,
ציט אַ מחנה מיט אַ משכן, מיט אַ חלום פון אַ לאַנד.

מתי מדבר. איינער — קיינער, „גאָט — ער היט פאַר דיר דיין אַרב,
דו, נאָר זע דיין טרוים פון ווייטן, בלייב אין וואַלקנזייל און שטאַרב".

ניסים פון די אַלטע צייטן — שפּרונג אַריבער טויט און מת!
יינגעלע פון חומש, זע נאָר, ווי עס בייט זיך נס אויף נס.

מישן זיך די אַלטע בלעטער, מישט זיך אויף אַ נייע בלאַט:
גייט אַ שיף איצט דורכן ים-סוף, גייט זי, שווימט זי קיין אילת.

פירט זי נאַפט אין פולע פעסער, פירט פון האָפענונג אַ פלאַם,
פאַר די קינדער פון ישראל, פאַר די ברידער פון מיין שטאַם.

טאַנצן איר די פיש אַנטקעגן, און די כוואַליעס — שפּרונג נאָך שפּרונג,
דוכט זיך, קאָפּ גאָר פון לויתן גיט זיך קיניגלעך אַ טונק . . .

גייט די שיף צום מפרץ שלמה, גייט זי דורך עקאַבאַ-גאָלף,
און דער שונא אויף די פעלדזן, הויערט, לויערט, ווי אַ וואָלף.

שטאַמט דער שונא פון עמלק, שפּיז פון בלוטיקן אַגג, —
יינגעלע פון חומש, העכער, שריי: חזק ונתחזק!

דאָ געזונקען איז דאָך פרעה מיט זיין רייטוואָגן געשפּאַנט:
— לאָז די קינדער פון ישראל גיין צום צוגעזאָגטן לאַנד!

דאָ האָט דוד אויפגעפּעסטיקט אונדזער גרענעץ, אונדזער טיר —
און אויף האַרף געשפּילט צום בורא: — למנצח, מזמור שיר!

דאָ אַמאָל האָט מלך שלמה מיט זיין קענטשאַפט זיך געשטעלט,
אויפצוזוכן זיינע שיפן צו די פעלקער פון דער וועלט.

דאָ האָט ער אַמאָל געמשפּט צווישן מאַמעס צוויי, פון זינד,
און געוויזן, אַז די פאַלשע, זי נאָר וויל צעשניידן קינד.

דאָ האָט ער זיך דאָך געלערנט פון די פייגל זייער שפּראַך,
און גערעדט צו זיי מיט קלוגשאַפט, ווי עס זאָגט זיך אין תנך.

דאָ האָט שלמה אויפגעצויגן ווי אַ שטערן דודס פאָן,
און געקיניגט לאַנג אין פרידן פון באר-שבע ביזקל דן.

ייִנגעלע פון חומש, ווייטער — ווי דער ים-סוף טיף און העל,
לויכטן מעשיות פון פאַרצייטן — קיין זאַך, קיין זאַך ניט פאַרפעל.

הערט די מלכה שבא פון ווייטן פון זיין חכמה און זיין פּראַכט.
לאָזט זי זיך אין שיפן שווימען — שווימט דורך טאָג און שווימט
דורך נאַכט.

און דער אויערהאָן צעפליגלט פליט פאָרויס — אַ רויטע פלאַם,
פירט ער זי דורך גוסן-פלוסן ביז צום ברעג פון אונדזער שטאַם.

ברענגט זי פימפּסנהאָלץ פון קיטור, ברענגט זי טייערן געשטיין, —
קומט זי, זאָגט זי: — קיניג שלמה, וואָס דו ווייסט פון אַלץ דעם מיין,

וואָס פון דיר אין אַלע לענדערריידן פעלקער אַ גערייד —
איך וועל רעטענישן פרעגן, הער און גיב מיר דעם באַשייד.

— זאָג, וואָס קומט אַרויס פון ערדן און ווי וואַסער גיסט זיך אויס,
קען אַמאָל אָבער פאַרלענדן, אויפעסן דאָס גאַנצע הויז?

ענטפערט שלמה: נאַפט, ווי וואַסער, קוועלט פון טיף, פון טיפסטער
שיכט,
נאַפט קומט אָן מיט מזל-ברכה, נאַפט קומט אָן מיט פרייד און ליכט.

אָבער אַז מען וואַרפט אַ פייער — ווי צו רויבערישע הענט! —
קען דאָס הויז פאַרטיליקט ווערן — פונעם דאַך ביז פונדאַמענט.

זאָגט די מלכה: קיניג שלמה, ווייסטו נאָך און ווייסטו מער?
וואָס איז ליכטיקער פון שטראַלן, וואָס איז ריינער נאָך פון טרער?

ענטפערט שלמה: ליכט פון חכמה העלער איז פון יעדן שטראַל,
ליבשאַפט צו מיין פאָלק ישראל איז ביי מיר דער ריינסטער קוואַל.

חידות אַלטע, קומען נייע — ווער האָט פתרון, ווער האָט פשט?
גייט אַ שיף איצט דורכן ים־סוף, גייט זי, שווימט זי קיין אילת.

ייִנגעלע פון חומש, דוכט זיך, ס'איז דער סוף שוין — תם נשלם,
איז געווען אַזוי מיט פעלקער, ניט אַזוי מיט אונדזער שטאַם.

איז פאַרגאַנגען דער באַפרייער, מיט דער קרוינונג פון דער זון,
אויפגעשטאַנען איז יהושע — „שטאַרק זיך, שטאַרק זיך, זון פון נון!"

מישט זיך סוף צונויף מיט בראשית, עפנט זיך דער אַלטער שליאַך,
ווי געזען האָט אין חזיון גרויסער נביא פון תנך.

אין די טעג פון אומקום, חורבן, ווילנע־וואַרשע — טרערן־טייך,
איכה ישבה בדד — יאוש קומט מיט האָפענונג צוגלייך.

אין די טעג פון דיינע יאָרן, וואָס מיט טרויער זיינען זאַט —
גייט אַ שיף איצט אויפן ים־סוף, גייט זי, שווימט זי קיין אילת.

1957

װערטער

איך צעבלאָז מײַנע װערטער אויף אַלע שבעה ימען,
אַלפֿן, ביתן, גימלען —
אותיות, חלומות, פֿלאַמען,
בלאָקײַט פֿון הימלען,
לבנה און שטערן;
באַגערן —
אַנטפּלעקט און פֿאַרהוילן;
שלאַנגיקע קנוילן,
צעציען זיך, װינקען און בײגן —
מיט הײסע, מיט בלענדיקע פֿאַרבן,
פֿאַר מײַנע טריט, פֿאַר מײַנע אויגן.
פֿאַרפֿליט — פֿאַרפֿלויגן!
אַז אַלץ װאָס איך װיל, און פֿאַרװאָס איך בין דאָ —
איז ערדיש, איז נאָענט, און גראָ.

איך װיל זען מײַן מאַמען, אײדער זי װעט שטאַרבן,
און מײַן קינד זאָל אויסװאַקסן פֿריש און געזונט,
און איך מיט מײַן װײַב —
זאָלען צעזאַמען אויסלעבן די יאָרן אין פֿרײד ביז —

ביז —
טויט?
װעמעס טויט?

פֿאַלט פּלוצלונג דער געדאַנק אַן אָפּגעריסענער אין קאָפּ
אַראָפּ,
װי ס'פֿאַלט פֿון מויל אַ ביסן ברויט.
אַ, זינקנדיקע לעבנס-שעה!
טית, — װאו — יוד — טית —
אַ װאָרט האָט אַ קוק געטאָן מיר אין געזיכט:
— טויט
— ט-ו-י-ט!
אותיות פֿיר — פֿיר שװאַרצע ליכט.

װערטער, מײַנע װערטער,
קלײַבט װידער זיך צענויף!
עס רײַסט מײַן בליק זיך פון דער ערד שוין װידער — אויף, אַרויף!
אלף, בית, גימל —
אַ, טרײסטנדיקער, אויסגעטראַכטער הימל!

כ׳האָב געקליבן...

כ׳האָב געקליבן און געשריבן לידער, —
און זיך ניט צענויפגערעדט מיט מײַנע ברידער.

צום געבראַכן און געהאַפּט אַלץ: מאָרגן, מאָרגן!
הינטער ריטמען איז געבליבן אַלץ פאַרבאָרגן.

רייד פון מויל געצופּט, געריסן, װי אַ זויג־קינד בײַ אַ מאַמען,
און געקומען זײַנען זילבן, אויסגעציילטע גראַמען.

און דאָס רויע, און דאָס קוואַליקע פון טיפן,
האָב פאַרביטן אויף לעגענדעס און אויף מיפן.

הער איך: אײנער גריסט אַ צװייטן, װאָרט האָט װאָרט געטראָפן,
איך — מיר דוכט, איך זינג נאָר, װײַל איך קען ניט רעדן אָפן.

זאָל מיך טרייסטן, בענטשן, װער עס קען נאָר בענטשן,
מיך — דעם װערטער־האַר, דעם שטומען פון די שטומסטע
צװישן מענטשן.

דער טאַנץ פון די מאַסקעס

איז ער געקומען צו אונדז מיט אַ טאַרבע אין האַנט, —
פּישקע דער קרומער.
שווערע טעג,
ביטער איז דאָס לעבן;
גוט אַזוי מיט מאַסקעס זיך פאַרשפּילן,
און מיט בערד און פאות זיך פאַרקלעפּן,
העי, און העי!
גיי אַ טענצל, קרומער בעטלער,
מיט דיין שטאַמל, מיט דיין טרער, —
שלעפּ דיין האָרב, און פיר די כלה,
ס'וואַרטן מחותנים אַלע,
מאַסקעס דרייען זיך אין שער:
— האָפּ — האָפּ, אָט אַזוי,
זינגען יידן: אוי און אוי.

איז ער געקומען צו אונדז מיט אַ ספר-תורה אין פלאַמען, —
משה דער שמש.
שווערע טעג,
ביטער איז דאָס לעבן;
גוט אַזוי מיט מאַסקעס זיך פאַרשפּילן,
און מיט דער תורה אַרום בימה שוועבן.
העי, און העי!
טאַנץ זשע „קדוש", אַלטער שמש,
טאַנץ מיט תורה קעגן גאָט!
גאָט איז איינער, איינער, איינער,
אַז געבליבן איז דאָך קיינער,
חרוב איז די גאַנצע שטאָט:
— קדוש, קדוש, אָט אַזוי,
טאַנצן יידן, אוי, און אוי.
איז ער געקומען צו אונדז מיט אַ וואָגן און טעכטער, —
טביה דער מילכיקער,
שווערע טעג,

ביטער איז דאָס לעבן;
גוט אַזוי מיט מאַסקעס זיך פאַרשפּילן,
און מיט מזל די מיזינקע אויסגעגעבן,
העי, און העי!
הויב דיין פּאָלע, גוטער טביה,
טראָג דעם עמער, קנאַל די בייטש,
איז דיין לעצטער אָקס צעבראָכן,
נעם, פאַריכט עס מיט בטחון,
מיט אַ פּסוק, מיט אַ טייטש.
— הענט געפּלאָכטן, אָט אַזוי,
טאַנצן יידן, אוי און אוי,

איז ער געקומען צו אונדז מיט דעם חלום פון שבת,
דער הויכער ר׳ שלמה.
שווערע טעג,
ביטער איז דאָס לעבן;
גוט אַזוי מיט מאַסקעס זיך פאַרשפּילן,
און צו טאַנצן טאַנץ פון שבת מיטן רבין,
העי, און העי!
העכער, העכער! שפּאַלט די הימלען!
צינדט ניט קיין הבדלה־ליכט;
ניט געבויט און ניט פאַריכט;
איבער חורבות יידן טרעטן,
ניט צו בעטלען, ניט צו בעטן, —
— הענט אויף אַקסל, אָט אַזוי,
טאַנצן יידן, אוי און אוי —

איז ער געקומען צו אונדז מיט אַ שטריק אַרום האַלדז, —
דער שוסטער, הירש לעקערט.
שווערע טעג,
ביטער איז דאָס לעבן, —
גוט אַזוי מיט מאַסקעס זיך פאַרשפּילן,
און מיט נאָל און דראַטווע אויף אַ תליה שוועבן.
העי און העי!
מאַכט די ראָד אַלץ בעסער, גרעסער,
טאַנצן מיר דעם טאַנץ פון אַלע;

טאַנצט דער עמער, טאַנצט די קוליע,
טויטער שמש, בלינדע כלה, —
און אויף שטריק טאַנצט די גאולה...
— אָט אַזוי, און אָט אַזוי,
טאַנצן יידן, אוי, און אוי...

נאָך דער לויה

אַז יצחק אייזיק איז געשטאָרבן —
האָבן מיר אים פאַרבראַנט.
און סירקינען האָבן מיר געטראָגן אויף די הענט,
צען אבלים שטאַרק,
אויף דעם ליים פון זיין קבר געטראָגן,
מיט געבויגענעם קאָפּ און געבויגענעם קאַרק,
באַגראָבן, פאַרשאָטן —
אַראָפּ פון מאַרק.

דערנאָך זיינען מיר זיך צוזאַמענגעקומען
אין „ליטעראַרישן קאַפעי".
— העי,
— וועיטער!

לויה-באַגלייטער
האָבן געטרונקען טיי
און געפּלאַפּלט נאַכלעסיק און גערעדט
ווער עס שטאַרבט פרי, און ווער עס שטאַרבט שפּעט..
דערביי האָט איינער אומעטיק געקוקט
אין די אויגן פון דעם צווייטן:
— נו, מען דאַרף זיך נעמען גרייטן!
— ווער וועט וועמען באַגלייטן?
— באַלד וועט שוין אָנקומען אויך אונדזער ריי.

און נאָך אַ ווייטיק האָט טונקלדיק אין האַרץ
גענומען גיין :
אַז ס'איז אונדז — אינגערע און גרינגערע,
אומעטיק אַזוי — אַ שרעק !
צו בלייבן מיטן ביסל יידישקייט אַליין
אויף איסט-בראָדוויי,
און זיי —
וואָס זיינען אַוועק —
גלוויביקע,
העל-אויגיקע.

— העי,
— ווייטער !
— טיי !

לויה-באַגלייטער —
פון אונדזער „ליטעראַרישן קאַפעי".

1) דר. יצחק אייזיק הורוויטש פּובליציסט, געלערנטער; דר. נחמן סירקין — פּובליציסט, רעדנער, באַגרינדער פון ציוניזם-סאָציאַליזם.

2) ווייטער — סאַרווער, קעלנער.

מיין היים

די גאַס איז אויפגעקאָכט — געיעג, געליאַרעם!
היסטעריקע פון מאַבישן געווימל.
ווי קען איך דאָ, אַמעריקע, אין פעלקערדיקן האַרעם
ראַטעווען מיין וואָרט, מיין שטיקל ערד, מיין פיצל הימל!

די רעדער גרילצערן — איטאַליענער און כינעזער,
און יידן, נעגער, אַליקע — אַ חכמל, אַ תמל —
און אויג אויף אויג — פאַרדעכטיקע, מען קוקט זיך אויף די נעזער,
און איינער צו דעם צווייטן גיט חרטהדיק אַ שטאַמל.

סיגנאַלן קרייצן זיך — אַ הונט פאַר טירן, שוועלן,
ער יאָגט מיט ביסן בלוטיקן צו שלינגען וואו געהיים;
אַזוי יאָג איך אַפּטמאַל, דורך סאַבווייס און טונעלן, —
און טראָג מיין יידיש וואָרט מיט זיך, און איַל צו זיך אַהיים.

די קוימענס רויכענען, די רעלסן פינקלען איבער טייך,
אַט קומט זי שוין מיין אַפּגעשפּאַרטע, פּאַטערליכע שעה;
לייכט לופטיק אויף אַ שורה — רעלסעדיק און גלייך,
און פון דער שורה טרייסטנדיק גייט אויף אַ מאָדנער בלאָ.

די שורה אויסגעווירעטע — אַן אַלף, בית און גימל,
און וואָס עס יאָגט אַנטקעגן אַן — ווערט דוכטעניש און טרוים;
שווינדט וועג נאָך וועג, שווימט וואָלקן־פּלעק אין הימל, —
מיר דוכט, איך יאָג דורך רחבות גאָר צוריק צום זיידנס צוים . . .

לייכט אויף אַ שויב, אַ פּנים — מילד, צוויי תפילהדיקע אויגן,
די שטאָט — זי ליגט שוין הינטער מיר, פּאַרנאַכטיק שטילט דער טאָל—
עס בליצט די רעלס, איך ווער פון רויש אַרויסגעצויגן,
און דלד־אמותדיק זיך העפט מיין היינט מיט דעם אַמאָל.

עס קומט מיין היים — אַן אינדזל אין אַן אויפגעקאָכטן ים, —
נאָר כ׳ווייס זי איז באַשיצט מיט ליבשאַפט, פרייד און רו.
רייד מיידעלע, דער טאַטע קומט — איך שפּיר דעם אָטעם פון מיין
שטאַם —
און טיף אין האַרצן זינגט אַ ליד — שלאָף־איין, שלאָף־איין לו־לו,

ווילנע

דיין נאָמען, ווילנע, קומט צו מיר פון טיפעניש פון יאָרן,
ווען איך האָב, ווייט פון דיר, געטרוימט פון דיין געשטאַלט
איך ווייס ביסט אָרעם, איך ווייס ביסט אַלט,
דאָך ווי אַ מאַמע ברענגסטו מיר — ניט אונטערגאַנג, ניט אָרון,
נאָר טאָג פון מיין געבאָרן.

די שטאָט, די גאַסן פון מיין איצט, אין כוואַליעדיקן ברומען, —
אין מיטן קאָך, מיר דוכט, איך שאַר זיך ביי אַ צוים.
אַהיים אין ליטע, בית-עולם-בוים,
אַ הימלראַנד, וואָס האָט ווי אַ פּרוכת זיך צענומען,
מיט יעדן גרוס וואָס איז צו אונדז פון דיר געקומען.

אַ שטעטל ביי אַ טראַקט, וואו ס׳בייטן זיך די שעהן,
אַן אורח גייט, — שלום! — עליכם-שלום!
פון וואַנען? אַ, וואונדערלעכער חלום!
דער זיידע גלעט די באָרד, די אויגן טוקן זיך, אין גרויען,
— דער אורח איז געווען, געזען דעם אוהל פונעם גאון.

לעגענדעס, איינס און צוויי, אַ שיכט אויף שיכטן:
— דער ווילנער גאון מיט אַ זאַק אויף זיינע פּלייצעס,
— דער גאון פירט אַ פערד פאַרבלאָנדזשעטן ביי לייצעס,
— דער גאון אין אַ וואַלד, אַ פינצטערן-געדיכטן,
— דער גאון איז אַוועק אויף וועגן גלות אָפּצוריכטן.

אַ שטעטל ביי אַ טראַקט, וואו ס׳הערט זיך קנאַל פון בייטשן.
עס קייקלען רעדער זיך אַוועק אויף שווערע אַקסן,
דער זיידע איז שוין טויט, די אייניקלעך — שוין אויסגעוואַקסן,
די באָבע קרעכצט וואָס יונגוואַרג גייט אַרום ווי גאַנצע דייטשן
די ווערטער אַלט-פאַרוואָרצלטע, נאָר נייע טייטשן.

און ווידער איז אין שטעטלע אַ נאָמען אויפגעגאַנגען:
געקומען מיט דער שניידיקייט פון בליץ.
— הירשל, הירשקע! — אין האַרצן גיט אַ קריץ,

— דערצייל, דערצייל! — אין ווילנע איז מען אין אַ מאַרש געגאַנגען,
אין ווילנע האָט מען לעקערטן געהאַנגען.

די טאַטעס סודען זיך, די קינדער הערן מיט די אויגן:
— די ווילנער יונגען גייען קעגן ניקאָלאַיען;
— די שניידער-שוסטער זאָגן אַז מען דאַרף די וועלט באַפרייען!
אַריבער שטעטלעך ליטווישע, אַריבער פּלויטן אײַנגעבויגן,
האָט זיך צעשפּרייט אַ רעגנבויגן.

עס רוישט דער ים געזאַלצענער, עס לויפן נײַע יאָרן,
געשטאַלט האָט זיך געביטן אויף געשטאַלט.
איך וויים ביסט אָרעם, איך וויים ביסט אַלט,
דאָך ווי אַ מאַמע ברענגסטו מיר ניט אונטערגאַנג, ניט אָרון, —
נאָר טאָג פון מײַן געבאָרן.

(1938 — ווען ווילנע איז נאָך געווען ווילנע...)

עלעגיעס

א. אויפן טויט פון אַ יונג מיידעלע

ניין, זי פליט ניט איבער דעכער,
טויב אין אוונטדיקער שפּיל.
צוגעפּוצט און צוגעקאַמט,
ליגט זי אונטער געלן זאַמד,
אין דער ערד, אין ריטשמאָנד-היל.

ערד פאַרלאַשענע פון ניי-לאַנד —
טרער אומזיסטע, וואַרג זיך, וואַרג!
ערשט אַ פלי געטאָן פון שטוב, —
אויסגעוואַקסן איז אַ גרוב,
אויסגעוואַקסן איז אַ באַרג.

קינדער, קינדער זיבניעריק,
זיבן, זיבן איז ניט אַכט.
אויגן שוואַרץ און אויגן בלאָ,
אײַער חברטע ניטאָ,
האָט די אייגעלעך פאַרמאַכט.

ב. אויף מיין פעטערס טויט

דער פעטער איז שוין טויט. די מומע ברעכט די הענט;
דער מלאך המות איז אַרוים שוין דורך די ווענט.

ברענג שטרוי, ברענג ליכט — פאַרלאָשן איז דער גוף,
נעם, וואַרף אויף אים די שוואַרצע טוך אַרויף.

נעם אָן אים ביי די פיס, דער שמש נעמט ביים קאָפּ,
און העלף אַראָפּהייבן דעם מת — אויף דר'ערד אַראָפּ.

אָ, טויטע! קינדווייז נאָך — פון לעבן קוים באַרירט —
האָב איך אין זייער פינצטערקייט אַ נאָענטקייט געשפּירט.

און, ווי די שאָטנס אין מיין זיידנס הויקער־שטוב,
האָב איך, ווי לעבעדיק, געזען דעם טויט, די גרוב.

נאָר אַז איך האָב איצט אָנגערירט דעם מת אַליין,
און האָב דערפילט די ליימיקייט פון יעדן ביין —

האָב איך דערזען, אַז טויט איז טויט — דער טויט אַרויס, —
און וואָס עס בלייבט מיט אונדז, פאַר אונדז, איז לעבן בלויז.

נאָר דו, מיין מומעלע, געבליבענע אַליין,
וויין, וויין, איך וויין מיט דיר, פאַרגיי אין דיין געוויין.

ניטאָ פאַר דיר קיין טרייסט, ניטאָ פאַר דיר קיין וואָרט,
ניט קוק זיך אום צוריק — ס'קומט קיינער ניט פון דאָרט.

דער עולם גייט; די זון פאַרגייט — די נאַכט זיך שפּרייט, —
דער טאָג, ווי אַלעמאָל, בלייבט פון דער נאַכט צעשיידט.

ג. וויג-ליד

— אַ־אַ־אַ, דו, אומרו מיין,
וויג איך איין אין זיך מיין פּיין,
רייד איך צו מיין האַרץ און זאָג:
— ס'קומט נאָך אָן פאַר דיר אַ טאָג.

איז פאַר דיר אַ יום-טוב-קלייד
ערגעצוואו שוין אָנגעגרייט —
אַ־אַ־אַ, דו אומרו מיין,
וויג איך איין אין זיך מיין פּיין.

הענגט פון באַלקן נאָך אַ שטריק,
וויגט די מאַמע מיך אין וויג:
— א־א־א, נשמה מיין,
קומען וועט דער טאַטע דיין.

וועט ער ברענגען מאַנדלען, ניס,
מאַנדלען רויטע צוקערזיס, —
— אַ־אַ־אַ, נשמה מיין,
קומען וועט דער טאַטע דיין.

וויגט די וויג זיך הין-און-הער,
שלינגט די מאַמע טרער נאָך טרער,
אַ־אַ־אַ, דו, אומרו מיין,
אומרו מיין!

ד. קבורה

הענט מיינע הענט, מיינע בייניקע הענט,
פינגערדיק, שפּיציק, צעצויגן, צעצענט.

איר האָט געטראָגן אַ קינד צו אַ גרוב,
רויבערשע הענט אין געפאַלענער שטוב.

טויט איז דאָך טויט — יאָ, איך ווייס און פאַרשטיי,
הענגען די הענט דאָך ווי לאַפּעטעס צוויי.

ארון — פאַרלוירן אין ליימיקע טריט,
טאַטע און מאַמע, אבלים, פאַרגיט!

אַט איז דאָס העמדל, צי האָט איר דערקענט?
לעבן ניט מיינס — דאָך דער טויט איז מיר נאָענט.

איבער די זיידישע קברים צום קינד,
איבער די יאָרן — פאַרלאָשן און בלינד —

טויט האָט געיאָגט מיך, פאַריאָגט צו מיין היים —
טרייסל זיך אָפּ פון בית-עלמישן ליים.

טאָג הייבט זיך אויף, רייסט פון אָפּגרונד זיך אָפּ,
הענט, מיינע הענט, איבער קינדערשן קאָפּ.

קינד הייבט צו מיר אירע אייגעלעך אויף,
הענט, מיינע הענט, צו דעם הימל אַרויף.

ה. אַ ליד פון אַ בר־מינן

און אַז איך האָב שוין ניט געגעבן מער קיין בלאָז
דעם פעדער, וואָס איר האָט געלייגט מיר ביי דער נאָז,
האָט איר מיט קעפ צעשאָקלט זיך (ווי ס'האָט דער שיכור לוט...)
און איינס דעם צווייטן אָנגעזאָגט: — ער איז שוין טויט.
אַראָפּגעלייגט אויף דר'ערד. אַ ליכט, אַ שוואַרץ געוואַנט, —
געקומען זיינען זקנים מיט די נאָדלען אין דער האַנט,
מיט ברילן אויף די נעזער געלביקע פּאַרוקט,
אויף מיר, דערנאָך צום באַלקן תפילהדיק געקוקט ...
מיין לעצטער וועג: פאָרויס און ביים בית־עולם פּלויט
אַ טוצן אַלטיצקע מיט אויגן פרומינקע און רויט,
וואָס רופן: צדקה וועט אונדז ראַטעווען פון טויט.
די קברים־לאָפּעטע האָט מיר אַ קבר צוגעגרייט,
זי וויסט די מאָס: פיר איילן לאַנג און איינס די ברייט.
גייט צו דער שמש און שיט די ערשטע לאָפּעטע אַראָפּ
דערנאָך אַ מחנה הענט: טיפּ־טאָפּ, טיפּ־טאָפּ...
עס איז אַ מצוה דאָך צו טאָן אַ בר־מנין זיין רעכט.
דערנאָך זענט איר אַוועק צו וואַכן טעג און שלאָפן דורך די נעכט.
און מיך האָט איר געלאָזן אין דער ערד אַליין
פאַר הונגעריקע ווערים אויפצופרעסן מיין געביין;
פאַרוואָרפן, ווי דאָס אויסגעריסענע בית־עולם־גראָז, —
און אַלץ, ווייל איך האָב ניט געגעבן מער קיין בלאָז
דעם פעדער, וואָס איר האָט מיר צוגעלייגט צום נאָז.

ז. אַ ליד פון קבר

האַלט מיך פעסט די מאַמע ערד,
ווערט מיין גוף אין איר פאַרצערט.
פרעסן ווערים מיין געביין,
מיטאַמאָל אַ גרויס געוויין,
אַ געיאָמער אַזוי שוואַרץ,
ווי די ערד, וואָס אויף מיין האַרץ.
— ווער רייסט קריעה זיך אין הויט?
ווער באַקלאָגט אַזוי מיין טויט?
ריר איך מיט מיין שאַרבן-קאָפּ,
קוק אַרויף און קוק אַראָפּ,
שטרעק דעם האַלדז און הער זיך צו —
ווער-זשע שטערט מיר דאָ מיין רו?
ריר איך, שפּיר איך מיט די הענט,
טאַפּ איך אָן די שוואַרצע ווענט,
ערשט איך האָב דעם קול דערקענט:
מיינע שעהן, מיינע טעג,
אויסגעוואָגלטע אין וועג,
ניט דערחלומט, ניט דערלעבט,
האָבן זיך צו מיר דערשלעפּט.
ווערט אַלץ שטאַרקער דאָס געוויין:
— האָסט געלאָזן אונדז אַליין
וואָגלען מיר — יתומים אום,
טרייבן זיך אין ווינט אַרום,
וויינען, ווי דער שטויב אין וועג,
דיינע ניט דערלעבטע טעג...
קלאַפּט אין קבר דאָס געוויין,
פרעסן ווערים מיין געביין.

די נאַכט נידערט אַראָפּ אין טאָל

די נאַכט נידערט אַראָפּ פון הויכן באַרג,
פון מערב-ראַנד;
זי גייט —
אַריבער דער וואַלדיקער,
משופּעדיקער ברייט,
און קומט אַלץ נעענטער צום טאָל.
זי איז ווי זי איז,
ווי איצט, ווי אַמאָל —
הייליש, טיף, געדיכט;
אָן גרענעץ צווישן איר און ליכט,
אָן סוף.

אַ שטילקייט האָט ביים הויכן מערב-זוים
באַגולדט די פעלדזן-קאַרבן;
אַ צויבער האָט געשוועבט אויף טורעם-טרוים —
האָסטו געמיינט ס׳איז שפּיל פון פאַרבן.

נאָר, זע:
דער האָריזאָנט האָט זיך פאַרמאַכט,
ס׳איז אַלץ צעשוואומען;
פאַרלאָשן און פאַרמעקט,
אַלע מאַסקעס אַראָפּגענומען —
די נאַכט האָט איר אמתן פּנים אָפּגעדעקט.
ניט אָוונט, און ניט שפּיל פון פאַרבן, —
ס׳איז שטומער שלאָף,
צייכן פון אונטערגאַנג,
אָנזאָג פון שטאַרבן.

זי גייט,
זי שפּרייט...

און פון אַלע אָפענע און געהיימע וועגן,
קומען אונטערטעניק איר אַנטקעגן:
שאָטנדלעך — קרייזעלעך פוןביימער,
שאָטנדלעך — מייזעלעך פון בייטן;
שאָטנדלעך — רונד־שפּיניקע פון שטיינער —
איינס, צוויי, דריי — איינער!

דער פויגל יאָגט מיט לעצטן ברעקל טאָג צום נעסט,
די וועווערקע האָט זיך באַהאַלטן;
דער טאָל האָט זיך צונויפגעפּרעסט,
זיין אָטעם איינגעהאַלטן;
איך איינער, בין אַליין,
ווי פריער ביי מיין שוועל געבליבן שטיין,
און מיט אַ ליכטל, מיט אַ קליינעם קנויט,
שטיי איך אַנטקעגן נאַכט — דער ריזיקער, געשטאַלטיקער, געוואַלטיקער.
קוק איך אויפן ליכטל, ציטער־פלאַם,
און עפּעס ווייט צעפינקלט זיך אין מיין זכרון:
דערזע איך שטוב פאַרשאָטענע אין טיפעניש פון יאָרן,
און איך דערפיל דעם אָטעם פון מיין שטאַם:

— צינד אָן און האָף,
שיין העל, דו, קנויט,
דאָס איז ניט סוף,
דאָס איז ניט טויט!

עס האָט די נאַכט
ניט ס'ערשטע מאָל,
מיט שאָטן־מאַכט
פון באַרג און טאָל —

אַדורכגעדרונגען
יעדער צוים,
און איינגעשלונגען
ערד און רוים.

פאַרדעקט, פאַרשטיקט,
אי שאָף, אי רינד;
און אויסגעשריי
פון קליינעם קינד.

נאָר אָט, און באַלד, —
ווי חיה-צונג
אַנטלויפט צום וואַלד
אין לעצטן שפּרונג, —

איז נאַכט, אין שרעק,
פאַר אויג, וואָס זעט,
פון נייעם ליכט —
אין אייל אַוועק.

קומט טאָג מיט לוין,
זיי שטיל, מיין האַרץ,
ניט איינמאָל שוין
געווען איז שוואַרץ.

צינד אָן און האָף,
ברען העל, דו, קנויט.
דאָס איז ניט סוף,
דאָס איז ניט טויט!..

3

אין לאַגער פון די אָרעמע

א. ניו-יאָרק

ב. הונגער

ג. ליכטיקע טריט

...נים דו אַליין, נים איך אַליין — די זון טראָגט
ליכט צום ווייטן לאַנד,
און דאָ, אין פינצטערניש — דיין נאָענטקייט,
דיין האַנט.

און דאָ, אין וואַרטעניש, כאָטש וואָרט איז שטום,
דאָך רייסט מיין שאָטן זיך פאָרויס: — איך קום!

אין לאַגער פון די אָרעמע

אָוונט

ס'איז אָוונט שוין. דער טאָג אין גאַנג
האָט מיך געשלעפּט, געלאָזן מיד.
וואו ביסטו היינט געווען געזאַנג?
וואו ביסטו היינט געווען מיין ליד?

די ווייט ווערט שאַרף, דער אומעט גליט,
דער מענטש בלייבט מענטש אין דאָרף, אין שטאָט.
צו נאַכט וואָס קומט, צו נאַכט וואָס ציט,
האָב איך ניט צוגעגרייט מיין טראָט.

דער הימל רונד, מיין ערד אַ פלאַך,
ס'איז טאָג געווען אי דאָ, אי דאָרט,
צי בין איך ניט געווען היינט וואַך?
ניט אָפּגעשפּאָרט קיין איינציק וואָרט.

ס'האָט הויך און ברייט די זון געשיינט,
און מענטש אין גאַס האָט זיך געפּלאָגט.
נאָר וואו איז מיין געזאַנג פון היינט?
פאַרוואָס האָט ליד ניט אויפגעטאָגט?

געגריסט זיי נאַכט, איך נעם ביי דיר,
די לעצטע רו, וואָס איך פאַרמאָג.
נאָר ווי ס'וועט אויפמאַכן די טיר
אין מזרח-זייט אַ נייער טאָג,

וועל איך אַרויס און זיין געהיט,
און זען און הערן שאַרף און ניי, —
עס זאָל דער טאָג פאַר מיר אָן ליד,
און אָן געזאַנג שוין ניט פאַרביי.

פשטות

... און פשטות גייט צו זיך, צו איך — איך וויל, איך וויל, —
אַ ליד אין שרייאיקייט, אַ ליד אין שטיל.

גייט איינס נאָך איינס, — אַ פויק, צי וויינענדיקע האַרף,
די זעלבע זאַך: איז גיב מיר זון, איז גיב מיר נאַכט, איך דאַרף!

און ס׳הוידעט זיך אַ ליד אין רוים — אַ חללדיקע וויג,
עס שווייגט דער טאָג אין ליכטיקייט, נאָר ס׳ווייגט אין הויז אַ פליג.

עס רוט די נאַכט אין שאָטן-הייל, נאָר ס׳ווייגט אַ הונט, אַ קאַץ, —
פאַרקלינגט עס ניט מיט כישופדיקער, ווייערכדיקער טאַץ.

פאַרזינגט עס ניט, פאַרשלינגט עס ניט מיט שפּילעוודיקן כוס,
פאַעט, האָסט צוגעזאָגט, האָסט אויסגעטרוימט — איז וואָס?...

עס שפּראָצט, עס וועלקט, — ניט זינג פון דעם, וואָס וועט ערשט זיין,
נאָר זע וואָס ס׳איז, און וואָס ס׳איז דאָ — איז דיין.

אין טאָרבעלע אַ ברויט, אַ ביסל זאַלץ, אַ בריוו, —
טריף, מיין ליד, ווי אַ חלב-ליכטל טריף.

גיי מיט, הינק מיט, פאַרשטעל זיך ניט פאַר למד-וואָוו,
ניט רייד זיך איין, אַז ס׳איז אַן אָנהייב גאָר דער סוף.

ס׳איז פיין, ס׳איז סוף, פאַרנעם, אַליין הויב אָן,
פאַרגיב און אין פאַרגעבונג ווידער מאָן.

ניט דו אַליין, ניט איך אַליין, — די זון טראָגט ליכט צום וויטן לאַנד,
און דאָ אין פינצטערניש — דיין נאָענטקייט, דיין האַנט.

און דאָ אין וואָרטעניש, כאָטש וואָרט איז שטום,
דאָך רייסט מיין שאָטן זיך פאָרויס — איך קום!

נ ו י אָ ר ק

אָט איז דער בעי, אָט איז דער ים — צעשפּרייטער מאַסט!
איך שטיי ביים ברעג נויאָרקישן און זע דעם פּאַקל ווייט;
אַ הינטער זיך — די גאַסן נידעריקע, געבויגענע אין לאַסט,
געפּעק מיט ברוכוואַרג פול, און מענטשוואַרג זייט ביי זייט —
געשטאַלטלאָזע געשטאַלטן — געמיש פון שטאָם און צייט.

כ׳בין דורך די אָרעמקייט — און אָט, באַפרייטער האָריזאָנט!
כ׳האָב קיינמאָל נאָך אַזוי, אָ, ים, דיין גרויסקייט ניט געאָנט;
די ערד געדולדיק ליגט אין מיסט, איך האָב זי ניט דערקענט,
נאָר דו דערמאָנסט אָן אומרו, רחבותדיקע האַנט,
און איבער דיר שוועבט זעאונג פון אַ ווייטן לאַנד.

איך שטיי און זע — באַוועגלעכקייט פון עק צו עק!
ס׳איז דאָ נאָך תהום, און שטראָם, און שוימיקייט, און האַסט.
נעמט ברענגט אַהער די בעטלערישע זעק און פּעק —
דורך וואַל און איבערוואַל — באַפרייטע פון דער לאַסט —
לייכט טראָציק אויף די ווידערשפּעניקייט פון מאַסט!

הונגער

אין הונגעריקן מויל, ווי אין אַ מולטער,
גייט אויף געזייערטער געזאַנג פון ברויט.
דער הונגעריקער דאַרף געווים זיין הונגער שטילן,
נאָר ס'איז די נויט, וואָס שלעפּט צו דר'ערד זיין שולטער
צעלעכערט און מען קען זי ניט אָנפילן.
גייט היימלאָזער און טראָגט אַ קאָפּ — בית-עולם-גראָז,
דער בעטלער טראָגט פאַרוים זיין מאָנענדיקע נאָז,
און אַז עס קומט אַ פאָן פון ווייס, אַ פאָן פון רויט,
ווערט אַלץ פאַר אים פאַרוואַנדלט אין אַ פאָן פון ברויט.

אויף אַלע פיר קריכט אום דער הונגער,—פיר ווינקלען פון דער וועלט,
אין אָפּפאַל, אין געפאַלנקייט, פאַרשימלטקייט און קויט, —
אפילו זשאַבעס, דוכט זיך, קוואַקן: ברויט!
עס ווייען טעג, עס קאָרטשעט זיך דער גאַנצער שטאָם,
פון גומענס אָנגעשאַרפטע טריפט אַ הייסער סם,
עס פאַלן געטער, נאָר ס'הויבט זיך אויף אַ נייער געץ,
עס טראָגט אַ לעבל ברויט אַ צינגלדיקער לץ,
און ס'פּאַלק אין אויסגעשריי,
צעשויבערט ווארט עס זאָל געשען דער נס,
און אויפשטיין זאָל פון דר'ערד דער מת!

געבענטשט זיי, אַקער-פעלד! געבענטשט זיי, ברויט!
עס מאָנט די ערד — ס'איז דאָ אַ הונגער אויך וואָס בויט.
דורך זומפּ, דורך זאַמד, פון וויטן כנען,
דערגאַנגען איז אַהער דער שווערער קאַראַוואַן.
און מיר, וואָס יאָגן שוין אין גיבורדיקער באַן,
און פליען צו די וואָלקנס אין אַן עראָפּלאַן,
וואָס וועט דאָ זיין מיט אונדזער פאָן פון ווייס, און פאָן פון רויט,
אַז איבער אַלע פאָנען ווייט נאָך אַלץ די פאָן פון ברויט.

לבנה לייכט, ניט לבנה, נאָר לעבל ברויט אין בלויער הויך,
די ערד אין אייביקן געדריי — דער הונגער דרייט זיך אויך;
דער הונגער שפּילט אויף פלייט — ניט פלייט, נאָר ס'פּייפט אַ גריל,
אַ „מלאך פליט" — דאָס זיינען פליגלען פון אַ מיל.
געליבטער גייט, און אין זיין בלוט — דער ערשטער רייץ,
נאָר צווישן ציינער — טעם פון קאָרן, טעם פון ווייץ.

אַ, אָרעמאַן, פאַר ווען זאָל איצט אויפגיין מיין געזאַנג,
אויב ניט פאַר דיר — דורך פּיין צו ביסן-ברויט דיין גאַנג!
נאָר, ס'טרעפט, ווען כ'קוק זיך איין אין שוואַרץ פון ברויט,
און כ'זע — פון טיפענישן גייט אַ הונגער אויף וואָס טויט,
און מיטן הונגער, ווי אַמאָל, אַ טאַנץ אַרום אַ קאַלב,
מיט שאַרבן אויסגעצערטן, און מיט הייליקייט און זאַלב, —
דאַן פאַלט דאָס וואָרט, ווי לערער גאַרב צו דר'ערד,
ווי פאַן פאַרשניטן פון אַ שווערד.

דאָס הויז אויף טשערי סטריט

אויף טשערי־סטריט איז דאָ אַ הויז,
אין הויז — עס וואוינט שוין דאָרט ניט קיינער.
די ווענט — סקעלעטנווייז צעשפּרונגען,
און ברעטער סטאַרטשען, ווי די ביינער.
פון פענצטער קוקן בעלמע אויגן,
און אויפן דאַך אַ הוילער שאַרבן —
אַרום ליגט אַלטקייט אויסגעצויגן,
דאָס הויז פאַרמשפּט איז צום שטאַרבן. —
נאָר דאָ האָט מען אַמאָל געזונגען
די ראָזענפעלדישע געזאַנגען.

ליגט טשערי סטריט ביים עק פון שטאָט.
פאַרלאָזנקייט פון אַלטער געגנט.
אַמאָל אָבער האָט מענטש מיט מענטשן —
אין ערשטן בוי זיך דאָ באַגעגנט.
און צווישן מענטשן — מיינע ברידער,
מיט זעק, מיט האָפענונג באַלאָדן;
אין קאָך פון ראַסיקן האַרמידער,
באַטראָטן דאָ דעם „טויטן באָדן".
איך שטיי ביים שוועל, און ס'ווילט זיך בענטשן
דעם שפּור פון יענע פּיאָנערן.

ליגט טשערי סטריט אין גאָלדענעם לאַנד.
אַ, ניט קיין גאָלד איז דאָ געוואַקסן!
נאָר האַרבע נויט — דורך האַרבע יאָרן,
געריפּט האָט דאָ, ווי פעלד אין שלאַקסן.
אין איינזאַמקייט, מיט האַרץ צעריסן ,
געזונגען האָט מען ביי מאַשינען:
— וואו ציינער קריצן, טרערן פליסן,
נאָר דאָרטן קענסטו מיך געפינען.
פּאָעט, לאַטוטוסדיקער צאָרן,
עס זידט נאָך אַלץ דיין טרער אויף אייזן.

איך קוק אויף טרעפּ, אַ גאַנצער דור,
פון ווילנע, ביאַליסטאָק און וואַרשע, —
געגאַנגען איז, און ווי אויף פליגל
אַוועק אין שרייענדיקע מאַרשן.
נאָר באַלד נאָכדעם צו זיך געקומען,
געבענקט נאָך קינד, געבענקט נאָך מאַמען,
און אין דעם נאָדלדיקן זשומען
געחלומט פון אַ וועלט אין פלאַמען!
עס וויגט זיך טיר אויף זשאַווער־ריגל,
ווי ס'וויגט זיך טרוים פון אַלטע יאָרן!

אָ, טשערי סטריט! אָ, לעצטע טיר!
איך זע דאָס הויז פון מיינע ברידער.
עס קומט פון טיפעניש אַנטקעגן
פּאָעט, אַנטרונענער מיט לידער!
דורך טעג פון פּיין, דורך פּיין פון יאָכן,
אין גלי פון פלאַמענדיקע אויגן,
האָט ליד, ווי לאַווע דורכגעבראָכן,
נאָר הויז האָט זיך צו דר'ערד געבויגן,
געבליבן הויל ביי שמאָלע וועגן —
וואו לעבן מיינס איז אויפגעגאַנגען!

לודלאָוו סטריט

יידן מיט פּעלצלעך און יידן מיט בערד,
יידענעס בייכיקע — שוועסטער און ברידער!
גיי איך אויף לודלאָוו סטריט — וואַכיקע ערד,
מיט מיינע פרעמדע, דערוויטערטע לידער.

איר זענט געקומען מיט האַק און מיט פּאַק,
שטערנס פאַרשוויצטע אין זוניקן תמוז,
לאָמיר זיך זעצן ביי אייך אויף אַ זאַק,
הערן די רייד פון די טאַטעס און מאַמעס.

טונען מיט עפּל און בערגלעך מיט קרויט —
פורן און וועגעלעך — גאַס פון יאַרידן;
ווערטער פאַרוואָקסענע, פּראָסט ווי דיין ברויט,
שטויביקע, גלויביקע ערדישע יידן.

מאַנדאַ, צי פּיט סטריט, אין קעלערדיק הויז,
לייכט נאָך אַ יום-טוב אויף טישן אויף ווייסע,
און אין באַגין אין פיר-ווענטיקער קלויז,
הערט איר דעם סוף פון דער באָבישער מעשה.

אָ, לעגענדאַרישע יידן מיט בערד,
יידענעס אַלטיטשקע, שוועסטער און ברידער!
שלעפּ איך זיך אום אויף ניו-יאָרקישער ערד,
מיט מיינע פרעמדע, דערוויטערטע לידער.

ראָטגערס סקווער

נאָך זע איך זי, די אָרעמע, פון הענרי סטריט,
(אַבי מען זאָגט, אַז אַלע יידן זיינען רייך געוואָרן...)
באַגינען שלעפּט זי זיך, די אַלטיטשקע, מיט שלורע־טריט,
אין האַנט אַ קעסטל, אויפן פּלייצע אַ פּאַק מיט יאָרן.

דער מאַרק אויף סאַפאָלק סטריט וואו יידן קויפן עסן,
די אַלטיטשקע האָט ווילנער ברויטלעך צו פאַרקויפן.
אַ הילצערן קעסטל — אויפן קעסטל איז זי שבעה שוין געזעסן,
ווען ס'איז איר טאָכטער דאָ אַוועק זיך טויפן.

— ברויטלעך, עסט געזונטו! — אַ, ווילנער מאַרק, אַ, יידן
פון סלאָבאָדקע!
דער פייער־טאָפּ פאַרגליט, אַ שווערער גענעץ,
אַ דרעמל קלעפּט זיך צו, זי זעט זיך אין אַ לאָדקע,
אַ מאַן פאַרנורעטן, זי גנבעט ערשט די גרענעץ.

און יאָרן קייקלען זיך, און קינדער זיך דערוויטערן,
און אויף די פּלייצעס וואַקסן אוים צוויי האָרבן.
און ער — דער מאַן אירער — אַ וואונד טוט אייטערן —
— ער איז, צו לאַנגע יאָרן אייך, שבועות־צייט געשטאָרבן.

די זון דערציט. אַ טאָג אַוועק. מע לויפט, ווי פון יארידן,
(די אַלטיטשקע וועט ווידער קומען — אַבי ניט אָנקומען צו לייטן.)
און ביים פאַנטאַן וואָס איז שוין טויט, דאָרט זיצן יידן,
דערציילן לעצטע מעשיות פון פאַרצייטן.

אַ יידעלע — אַ לידעלע

ער טראָגט אַ באָרד, אַ גראָע באָרד,
נאָר איזן איז ער גאָר אַ יינגעלע.
קען זיין — האָט גאָר נאָך ניט געלעבט,
די באָרד איז אים בלויז צוגעקלעפּט.
— האָסטו געזען אַ ביסעלע!
אין מיטן טאָג, אין מיטן גאַס,
ער קען אַ שפּרונג טאָן אויף אַ פּאַס,
אַ טאַנץ טאָן מיט אַ פיסעלע
און אויסשטעקן אַ צינגעלע.

אויף סקווערן, וואו עס זידט און קאָכט,
אַ טאָג — הו־האַ, יאַרידעלע;
ער האָוועט אום, ער שלעפּט אַ האַק,
ער שאַרפט אַ זעג און פּאַקט אַ פּאַק —
און זינג דערביי אַ לידעלע.
— ווער זענט איר? — איך בין בערל באָם!
שפּרינגט אום אויף שפּאַס פון גאַס צו גאַס
און פידלט ווי אַ פידעלע,
דאָס קליינע, גראָע יידעלע.

שטילער זיי, נשמה מיין...

ווערט מיר בּיסלעכווייז שוין קלאָר,
אַז פֿאַרגיין וועט יאָר נאָך יאָר —
וועסט שוין גליקלעכער ניט זיין,
שטילער זיי, נשמה מיין!

וויש דיין פֿייכטן פּנים אָפּ,
און הויב העכער אויף דיין קאָפּ;
וועסט דאָך ניט פֿון העלער הויט
מאַכן זיך אַליין דעם טויט.

ווי אַ הונט די ברעקלעך שלינג,
און אַ הונגעריקער זינג;
זינג צו זיך, צו גאָט אַ לויב:
— הויבּסט דעם אביון אויף פֿון שטויב!

פֿינסטער. שלאָף אין שטילער רו,
וויג זיך איין: לו-לו-לו-לו...
וועסט שוין גליקלעכער ניט זיין, —
שטילער זיי, — נשמה מיין!

דאָס בעטלער־ליד

. . . וועלן אַלע שוין, דערוואַכן, —
רייכע, אָרימע געזינדן;
וועט אַ מאָרגן ליד זיי גריסן:
— האָט רחמנות אויף אַ בלינדן!

גאַס צו גאַס — וועט ער זיך שאַרן,
ס'וועט זיין שטעקן טריי אים פירן;
וועט ער קנייטשן טיף זיין שטערן,
הונגעריקע ציינער שטשירן.

וועלן מאַמעס דורך די פענצטער
קוקן מיט פאַרטרערטע בליקן,
וואַרפן פענים, — און דער בלינדער
וועט צו זיי אַ ברכה שיקן.

און ביי קינדערלעך, ביי קליינע,
וועלן אייגעלעך זיך צינדן,
און אים נאָכגיין אין די גאַסן:
— האָט רחמנות אויף אַ בלינדן!

און דערנאָך אַהיים צוגיין זיך,
אייגלעך זיך אַליין פאַרבינדן, —
און ביי אייגענע טאַטעס בעטלען:
— האָט רחמנות אויף אַ בלינדן!..

אין אַ קאַלטן, וויסטן טאָג...

ווען איך אומגיין אין די גאַסן,
גיין און וואַנדלען הין־און־הער, —
ווערט אַ בעטלער מיך באַגעגענען:
— אַ גוט־מאָרגן, ליבער הער!

ווען איך אים אַ פּעני געבן
אין זיין האַנט — פאַרקרומט און דאַר;
וועלן זיינע ליפּן שעפּטשען:
— זאָל אייך בענטשן גאָט דערפאַר!

געבן אים די לעצטע פּעני,
(דאָס איז אַלץ וואָס איך פאַרמאָג...)
וועל איך כאָטש אַ ברכה הערן.
אין אַ קאַלטן, וויסטן טאָג...

דער בעטלער אויף קאַנאַל סטריט

האָט ער זיך צעלייגט אויף מיין שטאָטישן וועג.
ער — מיט זיין געלביק־אָדערדיקער קני,
רוי און הויל;
מיטן פייערדיקן שראַם
אַרום זיין אויסגעקרימטן, הענגענדיקן מויל.
מיט זיין אויפגעשפּיצטער, דערנערדיקער באָרד, —
ער, וואָס האָט אין וואונדיקייט און שאַנד
אויף קוליעס מיך דעריאָגט אַריבער ים און לאַנד.

בעטלער אויף קאַנאַל סטריט.
אין בריאַזגיקן זיג־זאַגישן גערויש פון שטאָט
דערהער איך פלוצלינג —
צי אויפן בריק, צי אויפן גראָ־פאַרגליווערטן אַספאַלט —
— טראָט־טראָט.
האַרטע טריט,
קוליעס־טריט.
שלעפּט זיך אַ וואונדיקע, פאַרשפּיגענע געשטאַלט.
טעמפּע טריט,
טויטע טריט, —
וואָס פירט און באַגלייטן מיך — מיין גוף און זעל —
ביז צו מיין שוועל.

בעטלער אויף קאַנאַל סטריט.
ער — מיט זיין אָפּגעדעקטן, אויסגעשטעלטן בעטלען.
אין זיינע טרוקענע, שיטערדיקע בליקן,
וואָס ליגן אונטער מיינע טריט,
ווי דער שטויב אויף דר׳ערד,

האָב איך דערהערט:
— קליפּ־קלאַפּ
קלאַפּט אַ פּושקע: צדקה תציל ממות;
אַ לוויה —
אויף אַן אויסגעטראָטענעם בית־עולם שטעג.

גייט נאָך מיין טאַטע־מאַמע,
מיין יינגסטער ברודער און מיין עלטסטע שוועסטער;
פאַרבראָכענע הענט,
צעלאָזענע האָר —
דער גאַנצער דור.
— צדקה תציל ממות,
— קליפּ־קלאַפּ,
— טראָט־טראָט, —
קוליעס־טריט,
טעמפּ־שווער, —
טויטע טריט
אינמיטן אַנגעגליטן רויש פון שטאָט.

דאָס ליד פונעם שטילן

אַלע לעבן גוט מיט מיר,
קיינער מיידט ניט אויס מיין טיר, —
קריצט אויף מיר ניט מיט די ציין,
קיינער שילט ניט מיין געביין.

אָרעם קלייד איך מיר מיין לייב,
כ׳רייד ניט אָפּ קיין פרעמדע ווייב;
און מיט פרעמדן יום-טוב-ווײַן
וויל איך ניט באַטרונקען זיין.

ווער עס קלעטערט אין דער הויך,
ווער עס יאָגט זיך נאָכן רויך;
ניט איך קריג און ניט איך זיג,
כ׳לעב ווי אויף דער וואַנט אַ פליג.

לעב איך מיר אַזוי אַליין,
וועט זיך שטיל מיין צייט פאַרגיין.
ביז אַמאָל — ניט דאָרט, ניט דאָ —
שלאָגן וועט מיין לעצטע שעה.

דריי פייגל

דריי שטאָטישע פייגל אין שטאָטישן פּאַרק,
אין אָרעמען, ענגן, געדריקטן קוואַרטאַל;
די פליגעלעך ברוינע, אין שפּרונגען נאָך דרויב,
די העלזעלעך גרויע, פאַרפלעקטע פון שטויב,
און אויגעלעך בליציק און בלאַנק,
דריי פּשוטע פייגל, ווי פּשוט, באַנאַל,
עס זיינען די היימלאָזע דאָ אויף דער באַנק.

דריי שטאָטישע פייגל אין שטאָטישן פּאַרק,
די הימלען קוקן פאַרגליווערט אין טויט,
אַ נעגער אין שוואַרצקייט, אין גרויקייט — אַ פרוי,
אַ דריטער מיט רויטלעכן שראַם אַזוי רוי, —
געפונען אַ שטיקעלע ברויט!
טאַנצט פייגלשער הונגער אריבער דעם צוים,
אַ שפּרונג און אַ זונג — און צום שפּיץ פונם בוים.

דריי שטאָטישע פייגל אין שטאָטישן פּאַרק,
אין אָרעמען, ענגן, געדריקטן קוואַרטאַל;
אין שנאָבעלע הונגער, אין פליגעלע — פלי,
די היימלאָזע אָבער ווי גאָרניט פון הי,
פאַרגעסן דעם אייגענעם גאַנג!
דריי פּשוטע פייגל מיט הילכיקן שאַל —
אָ, אייביקער הונגער, אָ, אייביק געזאַנג!

יינגלעך אויף איסט-בראָדוויי

— ער איז ריגעז, איך בין טשיקאָ,
זיינען מיר פון פאָרטאָ-ריקאָ.

יאָגן ברידערלעך אַ טוץ,
יינגל-קלינגל: — פוץ און פוץ.
ברוינע שיך צו שווארצע שיך,
יאָגט דאָס בערשטעלע גיך-גיך,
גיב אַ צי און גיב אַ הויך,
וואקס און שמאַטקע, ס׳גייט אַ רויך!
בליץ פון אויגן, קויל פון האָר,
וויפל טעג און וויפל יאָר?
— ער איז אַכט און איך בין ניין —
— שאַין, שאַין, שאַין!

ער איז ריגעז, איך בין טשיקאָ,
זיינען מיר פון פאָרטאָ-ריקאָ.

אָרעם-אַלטע איסט-בראָדוויי,
„אימער — גיי, גיי, גיי",
שווימט און שווינדט אַ צייט נאָך צייט,
און אַ טאָג אויף טאָג זיך בייט;
בייט זיך, שניידט זיך הויט אויף הויט,
ווייסע נויט צו ברוינע נויט.

צינגל-יינגל, יידיש קינד,
איז אַמאָל אין שניי און ווינט,
דאָ געגאַנגען — גיי און גיי —
ראָזענפעלדישער געשריי,
„אימער פיין, פיין, פיין" —
— שאַין, שאַין, שאַין!

ער איז ריגעז, איך בין טשיקאַ,
זיינען מיר פון פאַרטאָ־ריקאַ.

שיינט שוין שפיגלדיק דער שוך,
קוק זיך איין, און זע, און זוך:
יאָגט אַ קינד פון אַלטע טעג,
איז געווען און איז אַוועק;
גיט דער שפיגל זיך אַ בויג,
שיינט אַ פּנים — אויג אויף אויג;
בייט זיך קינד אַזוי אויף קינד,
ייד אויף קריסט און קריסט אויף ייד;
הער איך קלאַנג פון אַלטן ליד —
ייִנגל מיין צי ייִנגל דיין —
— אימער פיין, פיין, פיין...

ער איז ריגעז, איך בין טשיקאַ,
זיינען מיר פון פאַרטאָ־ריקאַ.

קוק אין שפיגל, זע אין טיף:
ס׳וואַרפט מיט רויך אַ גראָע שיף,
ווייטע פעלדער, צוקער־ברוין,
וואַקסט דער טויט — דער גרעסטער לוין.

בליט די שפע — קניט דער יאָך,
— בויג זיך, פלייצע, נאָך און נאָך...
רויטער טאַבאַק, געלבער רייז,
און די הויט איז שוואַרץ און ווייס;
און דאָס האַרץ איז פול מיט רוף,
און מיט ציטערניש דער גוף;
און ניו־יאָרק — אי מיין, אי דיין —
ווי לויתן שלינגט זיי איין.

— ער איז ריגעז, איך בין טשיקאַ
זיינען מיר פון פאַרטאָ־ריקאַ.

1957

די שטאָטישע נויט איז נאָך נאַקעט

(„סלאַמס")

די שטאָטישע נויט איז נאָך נאַקעט,
ניט באַשוכט און ניט באַקליידט,
מיט לעגענדעס ניט פאַרשפרייט, —
הענגט עס אויף די פייערטרעפּ
גופימווייז, אָן קעפּ,
אָפּגעדעקט און אָפּגעקראַכן,
הויל און אָפן, ווי די קנאַכן,
אויף צעטריקנטע סקעלעטן, —
„סלאַמס" פון הארלעם און מאַנהעטן.

און ביינאַכט, ווען איבער ברוקן
קריכן קעץ און קוקן, קוקן:
— זוך אַ מויז, מייד אויס סכנה!
קומט פאַרחלומט די לבנה,
גנבעט זיך דורך שטריק און דראָטן,
שאַרט זיך איבער ווענט אין שאָטן,
קומט און מאָנט די אַלטע טרוימען,
קומט און בענקט נאָך בלויע רוימען,
ווי אַמאָל אין זיידנס קוימען...

פראַלט באַגינען. אונטן-אונטן
קראַכן איינגעדעמפּטע גרונטן,
שפּרינגען אויף די מאַנעקענען,
אָנגעדרודלטער הארמידער,
קאַטערינקעס — טויטע לידער,
ציפּצן פייגל אויף געזימסן,
שפּרינגען, ווי אויף ווייסן פּימסן,
ניט געענוג זיי די געזאַנגען
פון די דורות לאַנג-פאַרגאַנגען.

זשומט דער טאָג פון אַלע עקן,
ברענען ווענט מיט רויטע פלעקן,
שטאַרטשען וואונדן, גליען שטראָמען,
מיט געררוך פון אַלטע שטאָמען;
ציען זיך די ברעגן, צויטן,
שוואַרצע, ברוינע, געלע הויטן,
און דער הימל — פּאַס־צעשניטן —
בעט זיך שטיקערווייז ביי לייטן:
— גיט מיר רחבות פון פאַרצייטן!

אַ רחמנות, ניט צום שפּאַסן,
אויף די הימלדיקע פּאַסן,
ווי די נויט — די נויט צעפליקטע,
מיט ניגונים ניט־פאַרוויגטע,
קריכט אַ הוילע אין די גאַסן,
און לבנה, פויגל, הימל,
יאָגן נאַקעטן געווימל,
און זיי בעטן זיך, און בעטן, — — —
„סלאָמס” פון האַרלעם און מאַנהעטן.

נ יי - ג אַ ס

געזונקענקייט, דערנער, פאַרשטייניקטע גריבער. —
געגראָבן, פאַרשאָטן — עס שטייען שוין שטיבער.

די ווענט ניט־באַוואוינטע — זיך טוליען, זיך האַלטן,
אַן שאָטנס געשטרעקטע, אַן בלינדע געשטאַלטן.

און זי, די לבנה — זי קומט שוין מיט טרוימען,
אַ שטוב — און זי כאַפּט שוין אַ קוק דורכן קוימען.

פון דאַך צו אַ דאַך, ווי אויף זילבערנע לאַנען,
ווי ס'וואָלטן די הייזער דאָ אייביק געשטאַנען...

ליד פון מענטש

ליד פון רויט, ליד פון רויט.
— נעם, זינג פאַר אונדז דאָס ליד פון רויט.
ווי קען איך זינגען ליד פון רויט,
אַז מענטשן גייען אום אָן ברויט,
אַז מענטשן זיינען שווארץ, ווי קויל,
און ווי אַ גרוב איז פוסט דאָס מויל.

ליד פון ברויט, ליד פון ברויט!
— טאָ זינג פאַר אונדז דאָס ליד פון ברויט!
ווי קען איך זינגען ליד פון ברויט,
אַז נישט אין ברויט נאָר איז די נויט,
עס האָט דער מענטש צו עסן קוים.
דאָך רייסט ער זיך צום וויטן רוים.

ליד פון רוים, ליד פון טרוים!
— טאָ זינג פאַר אונדז דאָס ליד פון טרוים!
ווי קען איך זינגען ליד פון טרוים,
אַז שלעכטסקייט ווייסט נישט פון קיין צוים,
און מענטש וועט פאַר אַ לעפל יויך,
פאַרקויפן זיך, די מאַמע אויך.

— אַז נישט פון רויט און נישט פון ברויט;
און נישט פון טרוים, טאָ זינג פון טויט!
ווי קען איך זינגען ליד פון טויט,
אַז בלוט פון מענטש, ווי זון איז רויט,
ער גייט דורך פיין, און בויט, און בויט —
ווי קען איך זינגען ליד פון טויט!

ליד פון מענטש, ליד פון מענטש!
— נעם זינג פאַר אונדז דיין ליד און בענטש!
דאָס ליד פון טרוים ,וואָס גייט דורך טויט,
דאָס ליד פון רויט, וואָס גייט דורך נויט —
אַ ליד פון אַלט, אַ ליד פון ניי,
ביז וואַן דער מענטש וועט ווערן פריי *).

*) וואַריאַנט: אַ ליד פון איינס, און צוויי און דריי.

אָרעמע מענטשן

אָרעמע מענטשן — די קינדער פון פּראַצע,
קויטיקע פּנימער, בלאָטיקע פּיס,
גליקלעכע לעבט איר אָפּ אייערע יאָרן, —
קויטיקע פּנימער בלאָטיקע פּיס.

גריבער צעגראָבן, און וועגן צעאַקערט,
פּלייצעס געבויגן, געשוואָלענע הענט,
זונען פאַרגייען און גייען אויף ווידער,
פּלייצעס געבויגן, געשוואָלענע הענט.

רויקע שלאָפט איר די נעכט ווי געהרגעט,
וואַקסן אוים קינדער פון אונטער דער ערד.
בעטן די ווייבער: „אוי, ראַטעווע, יעזוס!"*
וואַקסן אוים קינדער פון אונטער דער ערד.

זעק אויף די אָרעמס, די דיכן פאַרגאַרטלט,
קליידער פאַרלאָזן — אַ רים אויף אַ רים.
אומגליקלעך לעבט איר אָפּ אייערע יאָרן,
קויטיקע פּנימער, בלאָטיקע פּיס.

---

*) אין בוך „געזאַנגען" פון דעם קאָמפּאָזיטאָר מיכל געלבאַרט, איז די שורה געביטן אויף:

— „בעטן די ווייבער: אָ, גאָט, האָב רחמנות!"

די באַלאַדע פון די דריי פרויען ביים איסט־ריווער

דריי פרויען ביי שטוביקע, אָרעמע טרעפּ,
מיט הענט אַף די בייכער, מיט טיכלעך אַף קעפּ.

דריי שכנות — צוזאַמענגעדריקטע אין פּלאָג,
ניט ווייט פון איסט־ריווער, פון אָפענעם טאָג.

רעדט איינע פון קינד, און פון קלייד, און פון שוך, —
די צווייטע פון מאַן — און זי פּליסטערט אַ פלוך.

די דריטע, זי רעדט, און זי שווייגט, און זי וויינט —
איר זון אין אַ שאַכט איז געוואָרן פאַרשטיינט.

דריי פרויען — אין עק פון אַנטבלויזטן ניו־יאָרק,
מיט נאַקעטע הערצער, מיט נאַקעטן זאָרג.

און יעדערע עפּנט אין טונקעלן ליכט,
מיט צוטרוי, מיט טרייסטונג — איר טרערן־געזיכט.

צוזאַמען — דאָך יעדערע טראָגט אין איר בליק,
אַן אָפּשיין פון אייגענעם, ווייטן צוריק.

און ס׳קאַרבט זיך ביי יעדער אַזוי ווי אַ שראַם,
דער אָנבליק צעקנייטשטער פון אייגענעם שטאַם.

דריי פרויען — פאַרוואָרפן אין טרויער און נויט,
פאַרשוועסטערט אין אומגליק, געשוועסטערט אין טויט.

אַרום ליגט דער עלנט, טאַנצט פויגל אין דרויב,
אַ שפּליטער פון שויב, און פאַרבלאָנדזשעטע טויב.

דערביי גייט דער טייך, אויפן טייך שווימט אַ שיף, —
אַ שוים, ווי געשריי, שלאָגט אַרוים פון דער טיף.

שווימט איינע מיט אויל, און צעעפנטן מויל,
אַ צווייטע מיט קויל, און מיט רויכיקן גרויל.

אַ דריטע — מיט קוימנס, מיט מענטשן אַ סך,
זי פירט מיט זיך מיט אַ ווייט-לענדישן שליאַך.

און אויבן אַ בריק — מאַיעסטעטיש געשפּאַנט,
און ס׳דוכט זיך, אויך זי פירט פון לאַנד צו אַ לאַנד.

און דאָ אין דער נידער, ביי אָרעמע ווענט,
אַ פרוי צו אַ פרוי האָט אין אומגליק געגעגנט.

אַ לעבן צו לעבן, און וואונד צו אַ וואונד,
אַנטפּלעקט זיך אַ הייליק ניטדאַיקער בונד.

אַנטפּלעקט זיך אַ וועג איבער בריק, איבער שטראָם, —
אַ שוים, ווי געשריי, רייסט אַרויס זיך פון תהום.

דריי פרויען, דריי שכנות — דריי שפּענדלעך פון ים,
וואָס יעדערע שטאַמט פון באַזונדערן שטאַם —

שווייגט איינע, די צווייטע — די דריטע, זי וויינט,
צעוויקלט זיך פיין, ווי אַ פאָן וואָס פאַראייניט!

די באַלאַדע פונם לעבעלע ברויט

איבער ערד, איבער ים, אין דעם לאַנד טריט־און־טראָט
ליגט צעשפּרייט אין אַ טאָל אַ פאַרכישופטע שטאָט.
קומט אַ טאָג — ניט אַ טאָג, נאָר אַ פלי פון אַ ווינט,
אַלט און יונג אין געיעג, גאַס אין גאַס — לאַבירינט.
און מיט אָפענעם מויל, מיט פאַרחלשטע ציין,
ווי דער הונגער פון הונט נאָכן ריח פון ביין —
ראַד־אַריין, ראַד־אַרויס — דאַכט זיך דאָרט, אָט גאָר דאַ, —
פאַרביי טורעמס אין גאָלד, פאַרביי מויערן גראָ.

ווי דער טאָג נאָר פאַרפליט מיטן ווינט, מיטן רויך,
ווי עס נידערט די נאַכט נאָר אַראָפּ פון דער הויך —
שטילט זיך איין דער צעשוויבערטער לויף מיטאַמאָל,
און אַ שלאָף פאַלט אַרויף אויף די מענטשן אין טאָל;
אין דער מיט פונעם וועג — מיט אַ פאַל צו דער ערד,
ווי פאַרשניטענע פון אַ באַהאַלטענער שווערד.
אויף דער גאַס, אויפן ראַג, און ביים הויז, וואו ניט איז,
גאַס־נאָך־גאַס — אַ געפלעכט פון פאַרגליווערטע פיס.

ווי עס ברעכט זיך די נאַכט, ווי עס שפּראָצט נאָר אויף טאָג,
ווי פון דר'ערד וואַקסט אַרויס אויף אַן אָרעמען ראַג
אַ געבויגענער מאַן אין פאַרמעליקטע שיך,
מיט אַ וועגל אין האַנט, מיט אַ שטריק אַרום דיך;
און ער גייט, און ער פירט זיינע רעדעלעך פיר,
ביז ער קומט צו אַ קעלער — פאַרזשאַווערטע טיר.
און די שאָטנס, מיט סוד, גייען נאָך שפּאַן נאָך שפּאַן,
בלייבן שטיין ביי דער טיר, בלייבט דאָרט שטיין אויך דער מאַן.

פייער בריט, אויוון גליט, שפּריצן פונקען אויף רויט,
קריכט פון קעלער דער מאַן מיט אַ לעבעלע ברויט.

ווי דער ריח פון ברויט זיך אין לופטן צעגייט,
אין פאַרכישופטער שטאָט מיט די מתים צעשפּרייט,
זיך צעזינגט באַלד דער פויגל ביים נעסט אויפן דאַך,

זיך צעבילט באַלד דער הונט אויף דער קייט,אויף דער וואַך.
באַלעבאָס, צי אין הויז, צי באַם שוועל, כאַפּט זיך אויף,
עפנט מויל, עפנט צײַן — לאָזט זיך ווילד אין געלויף,
און נאָך אים לויפט זײַן ווײַב, און נאָך זיי יאָגט אַ קינד.
קומען נאָך, ראַד־אין־ראַד, גאַס־אין־גאַס, לאַבירינט.
לויפן אַלע שוין נאָך — אין אַ זון וואָס איז רויט —
נאָך די רעדעלעך פיר, נאָכן ליכטיקן ברויט.
נאָך געבויגענעם מאַן, מיט צעריסענע שיך,
נאָך געבויגענעם מאַן מיט פאַרבונדענעם דיך.

זומער־נאַכט אויף אַלטשטאָט

הויך, הויך...
אויף די דעכער שלאָפן זיי,
באַ די נעסטן טויביקע...
און חלומות שטויביקע,
פון דער נידער, ווי די שפּינען,
דורך די נעכט און ביז באַגינען,
פויזן, זשאַווערן אויף ווענט —
פּיס און הענט.

אַלטשטאָט איז אין שלאָף פאַרנומען,
נעפּלען — נעפּלען, פליגן — זשומען,
זומער־זום, זומער־זום.
בריקן — טאָג איז צו דער נאַכט געגאַנגען,
טורעמס — נאַקעטע פאַרלאַנגען, —
ווייט, ווייט,
פאַרשייט,
און ניט־געדאַכט.
קריכט דער לעצטער מידער טראָט
איבער דאַך און איבער שטאָט —
נאַכט,
נאַכט.

די באַלאַדע פון ריווינגטאָן סטריט

— פייערל, פייערל ברען.
יינגלעך און מיידלעך — אַ ראָד זאַלבע צען,
רונדאום — אַ פייער צעלייגט אויף אַ ראָג,
ריווינגטאָן סטריט אין אַ הארבסטיקן טאָג.
רונדאום — מיט בלישטשנדיקע אייגעלעך און ציין,
ווי די אינדיאַנער ביים „הייליקן שטיין״.
— לאַ־לאַ — געקייטלטע טראָטן און הענט, —
הינטער די קינדער פאַרזשאַווערטע ווענט,
הינטער די ווענט — טריט־און־טראָט אין געלאָף,
און אַ קאַט׳רינקע מיט בעטלער׳שער אָף.
פליט דער זיג־זאַגישער רעדער־גוואַלד
אויף צו די טורעמס און שפיצן — אַ וואַלד —
ראָש צו דעם אַשיקן נעפּל פון רויך
און צו דער הארבסטיקער זון אין דער הויך.

רוישיקע שטאָט אין אַ הארבסטיקן טאָג.
קרייזט זיך אַ קינדערשער מאַרש ביי אַ ראָג,
מאַרש פון די פעלקער צום יובל פון לאַנד, —
גייען צען קינדער — צען פעלקער — באַנאַנד,
פאָכען מיט שמאַטעס — מיט פענער פאַרוים.
ענגלענדער, שפּאַניער — און דייטש און פראַנצויז,
סלאַוו, איטאַליענער, אַראַבער און רוס,
גייען אויך נעגער און ייד — פוס אין פוס,
פלוצים —און ס׳שפּרינגט אָן פון ערגעץ אַ מויז,
טוז — און אַריין אינעם גרונט פון אַ הויז.
פאַלט אום דער קרייז פון די פעלקער צען,
אוים מיטן מאַרש — ווי ס׳איז גאַרניט געווען,
לויפן די קינדער דעם מייזעלע נאָך,
און איינער וואַרפט זיך אויף דר׳ערד ביי דער לאָך:
„מייזל, דו מייזל, מיר שפּילן אין קאָן,
נאַ דיר אַ ביינערנעם, גיב מיר אַן אייזערנעם צאָן״!...

* * *

—לאַ-לאַ-לאַ,
פּייערל,
פּייערל,
ברען!
יינגעלעך און מיידעלעך אַ ראָד זאַלבע-צען;
הינטער דעם לויף און געלאַף פון דער שטאָט
דרייט זיך שוין ווידער דאָס קינדערשע ראָד.

קלינגט און זינגט...

קלינגט און זינגט — — —
קלינגט אויף טורעם און שפּיץ דער מעטאַלענער צונג;
פליט דער קלונג, ווי אַ בליץ, אין דער לענג, אין דער ברייט, —
איבער מויערן-טרעפּ, איבער מחנות פון קעפּ;
פאַלט דער קלונג אינעם שטויב, און — צעשפּליטערט, צעשפּרייט.
ראָד אין ראָד אין געיעג — אינעם בריאַזגיקן וועג;
טוט דער בריאַזג זיך אַ הייב, ווי דער שטויב, צו דער זון
העלדזער, צינגער און טריט — טויזנט טריט אין גאַלאָפּ —
אין געדריי, אין געדרענג — אויג אויף אויג, קאָפּ אויף קאָפּ;
הילכט דאָס רויטע געזאַנג פון צעגליטן טשוגון,
רופט דער רוף פון פאַבריק, פון טראָמפּייט און פון פלוט.

קלינגט און זינגט, — —
קלינגט און זינגט דאָס געזאַנג פונעם רוישיקן בלוט, —
ניט דער אומרו פון ים, ניט די רויטקייט פון פלאַם,
ס'איז דאָס רויטע געזאַנג פונעם בלוט אין זיין גאַנג,
פונעם מענטשלעכן בלוט הער-און-הין,
צווישן ביינער און פלייש, אין די אָדערן דין.
פאַלט דער מענטש אויף דער ערד און — פון ווערים פאַרצערט,
בלוט געשטילט, בלוט פאַרקילט און אין קבר פאַרשיט.
יאָגט פאַרביי פאַר דער גרוב דער גאַלאָפּ פון די טריט.
קלינגט און זינגט —
קלינגט דורך אייביקייט יונג — די געהאַמערטע צונג!

פרויען אין אַלטשטאָט

זיי רעדן גאַנצע טעג פאַרזאָרגט פון קראַנקייטן, מגפות,
פון אומגליקן אין אייגענעם און אויך אין פרעמדן לאַנד ;
און כאַפּן זיך געהיימערהייט אַרונטער צו מכשפות,
צו זוכן זייער מזל אין די שפּאַלטן פון דער האַנט.

זיי טראָגן שווערע קאָשיקעס — קאַרטאָפל, ברויט און מערן, —
אין שטוב צעשפּרייט זיך האַרב און רוי דער ריח פון דער ערד ;
די קינדער דזשיגן, שפּרינגען אום, און זיי — אין הוילן קלערן :
ווער ווייסט וואָס ס׳קומט אַנטקעגן אָן, וואָס מאָרגן איז באַשערט ?

פאַרנאַכט. די שפּייזער קומען אָן פון שעפער און פאַבריקן,
דאָס הויז ווערט פול מיט האַרטע רייד, מיט מאַן, מיט שווערן טראָט ;
די ווייבער אויפגעלעבט, באַנייט, מיט פינקלענדיקע בליקן,
זיי פרעגן פאָרשנדיק : וואָס טוט, וואָס הערט זיך דאָרט, אין שטאָט ?

באַנאַכט. פאַרמאַכט. די מענער שווער, אין כראָפּנדיקן כריפּען,
די הענט און פיס צעוואָרפענע — געזעטיקטע מינוט :
און זיי, די פרויען, הייבן קעפּ מיט וואַכנדיקע ליפּן,
און פילן נייער לעבן שלאָגט און שפּראָצט ביי זיי אין בלוט.

טויטע

טויטע — טויט פון דורות לאַנג,
מיט אַ בייניקן געקלאַנג,
גייען, גייען, גייען,
איבער מיין געביין.
איך — פאַרטראָגן אין דער נאַכט,
און צו קבורה ניט געבראַכט.

(אוי, מענטשן, שלימזלדיקע,
איר קענט דאָך אַפילו אייערע טויטע ניט באַגראָבן.)

מיין הארץ — אַ הויפן שטויב,
האָבן ראָבן ניט קיין רויב,
וואַלגער איך זיך דאָ ביים ברעג,
לעבן אייער שטיינערדיקן וועג.
קומען, שווינדן נעכט און טעג,
טויזנט פיס און טויזנט הענט,
אָן אַ סוף און אָן אַן ענד,
גייען, איילן, לויפן, יאָגן,
ווי פון תהו־ווינט געטראָגן,

טויטע — טויט פון דורות לאַנג,
מיט אַ ציק־צאַקיקן קלאַנג,
איבער מיין געביין,
איך וואָס וואַלגער זיך אליין.
אויף און אָפּ, ארויף, אראָפּ,
טרעטן טויטע אויף מיין קאָפּ. —
ווער מיט פלוך און ווער מיט לויב;
ווערט צעשאָטן דאָ מיין שטויב,

ווי ס'צעשיטן זיך די טעג,
נעבן אייער ברייטן וועג.

(אוי, מענטשן, שלימזלדיקע,
איר קענט דאָך אפילו אייערע טויטע ניט באַגראָבן.)

אויף דער בויערי

אויגן רויט, ציינער שוואַרץ, האָר צעשויבערט און גרוי
און די באַקן צעלעכערט אַזוי ווי אַ זיפּ;
שטייט ער היימלאָז ביים שענק, רעדט צו זיך אין דער שטיל,
מיט אַ שמייכל פאַרקרימט אויף זיין אונטערשטער ליפּ.

און דערביי אויפן ראַג זיצט אַן אַלטיטשקע פרוי,
וואַרפט איר עמיץ אַ סענט פאַר די קרומלעכע פיס;
ניט זי בעט, ניט זי דאַנקט — ס'טוט אַ ציטער איר מויל
און אַ צוק מיט אַ ברעם — אַזאַ שראַמיקער ריס.

— „איילעלו, איילעלו. — מאַ-אַ-מאַ, מאַ-אַ-מאַ".
פירט אַ מאַמע אַ וועגעלע אום הין-און-הער;
וויינט דאָס קינד אַזוי הויך, בויגט זיך די מאַמע און שרייט: —
— איילעלו! — האָסט געזויגט, כ'האָב קיין זאַך דיר ניט מער.

— „איילעלו, איילעלו. — מאַ-אַ-מאַ, מאַ-אַ-מאַ".
וויינט דאָס קינד און פאַרגייט זיך אַ כליפּ נאָך אַ כליפּ.
זיצט באַוועגלאָז די פרוי, רעדט דער שכור צו זיך
מיט אַ שמייכל פאַרקרימט אויף זיין אונטערשטער ליפּ...

---

*) באָוערי — לאַנגער פון די היימלאָזע אין ניו-יאָרק אין משך פון יאָרן און יאָרן.

ווייס ליכט

באַגינען אין ניו־יאָרק, אַ פריילעכער געבראַזג,
דער טאָג קומט אָן אָן אָנגעגאָסענער אין פולע קאַנען.
גערויש פון רעדער, גלעקער, יאָגנדיקע באַנען.
סטאַנציעס לויפן — „פרימאָן", „פּראָספּעקט", „סימפּסאָן", —
דער נעפּל הענגט אַף די געזימסן,
צעריסענער, צעשניטענער פון ווענט, —
אָ, נעפּל, איך האָב דיך דערקענט!!

צעזילבערט זיך פאַרגאַנגענער אַמאָל,
און כ'זע: עס הענגט דער נעפּל איבער זיידנס דאַך,
פאַרכישופט ליגט דער גאַנצער שטעטלדיקער טאָל,
דער טאָג קומט אָן אָן אויסגעוואַשענער און וואַך,
די באָבע זאָגט דער נעפּל טריפט ווי אויסגעמאָלקן מילך, —
פון מזרח קומט די זון מיט אָנגעצונדענעם געהילך,
די ווייסקייט טוט זיך אָפּ, און מיט פרימאָרגנדיקן לויב,
באַגריסן זיך די ווענט, און לייכטן שויב צו שויב...

... און איצט איז שטאָט, און איצט איז נעפּלדיקער דאָ,
די סטאַנציעס יאָגן, עס בייטן זיך די ווענט, —
דערמאָנונג טריפט אין האַרץ, — די זילבערדיקע שעה, —
אָ, נעפּל, איך האָב דיך דערקענט!

דיין צוואה *

איבער טויזנטער קעפּ אויף יוניאָן־סקווער,
באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע,
איבער פּנימער צווייפל אין שוואַרצן באַצויגן,
האָט אַ בלענד געטאָן פאַר מיינע אויגן —
בלאָנדהאָריקער,
יינגלשער —
ד אַ נ ט ע !
קליין יינגל,
וועסט דאַרפן גיין איצט צו אַלע שבעה ימ׳ן,
צונופקלייבן אַש צעשאָטענעם.
וועסט דאַרפן גיין איצט צו אַלע שבעה ימ׳ן —
צעשיטן די אַש פון דיין טאַטן.
דו, וואָס דו האָסט געזען די פינצטערקייט פון גראַטן,
מיט יתומדיקייט אַנטקעגן,
מיט מאַמעס טרויער —
ווי שאָטנדיקער פליגל־פלאַטער אויף אַלע וועגן —
דו טראָגסט דעם טאַטנס קייטן אויף די הענט,
און ווי דער טאַטע האָט געבעטן —
ווען מען האָט אים פאַרברענט —
קאַליקעס פירן, —
וועסטו גיין מיט דער מאַמען שפּאַצירן,

בלאָנדהאָריקער,
ליכטיקער
ד אַ נ ט ע !

---

*) די צוואה וואָס דער אַנאַרכיסט־מאַרטירער, סאַקאָ, אַ שוסטער, האָט איבערגע-לאָזט פאַר זיין צוועלף יעריקן זון, דאַנטע. סאַקאָ איז צוזאַמען מיט זיין אַנאַרכיסטישן רבין, וואַנזעטי, הינגעריכטעט געוואָרן אין באָסטאָן, דעם 22טן אויגוסט, 1927, אויף אַ בלבול פון באַגיין אַ רויבעריי און מאָרד. זייער הינריכטונג האָט צו יענער צייט אויפגערודערט דאָס לאַנד.

אין ניו־יאָרקער טונעלן

איך האָב געזען מענטשן אָרעמע, היימלאָזע,
מיט קעפּ אויף צעמענט,
מיט איינגעצויגענע אויגן
און צעוואָרפענע הענט,
צעלאָזטע, פאַרבונדענע, אָפּגעשוונדענע —
האָב איך צו זיי געזאָגט:
— שטייט אויף און פאַרברענט!
ס'איז אייער ערד!
און ניט קיין מאַמע איז זי — נאָר קאַלט און האַרט,
און ווי אייערע ביינער פאַרדאַרט;
שטייט אויף און צעשטערט!

האָט מען מיך אַ כאַפּ געטאָן אויף
אויסגעריסענע אַקסל,
געמאַכט פאַר טריבון —
גערודער:
— ביסט אונדזער ברודער,
ביסט אונדזער זון!

האָב איך אַן אָנגעצונדענער גערעדט:
— ווער אין שמאַטעס,
ווער אין לאַטעס,
פון אַלע גריבער,
פון אַלע שימלדיקע שטיבער,
פאַרזאַמלט זיך געדיכט,
די ראָד גייט מיט ליכט,
די מאַשין שלאָגט מיט דאַמף,
שטייט אויף צום לעצטן קאַמף!

— הורא, בראַוואָ, און — בים!!

ווערטער זיינען גוט, און לויב־געזאַנג איז זיס.
נאָר, אַז עס שטייען אַרום דיר מענטשן — אַ רים אויף אַ ריס,

און עס גלאָצן געשטאַלטן מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט,
און עס קריכן פּיס אויף שטאָטישן צעמענט,
און סע רינט דער גאַוועער פון די מיילער — ברויט!
און אויגן זיינען קליין, און אויגן זיינען רויט, —
הויבסטו אליין אָן איינשרומפּן, פאַרגיין,
דערזעסטו פּלוצלונג זיך אליין
צווישן אָפּגעצוימטע ווענט.

נאַכט, לאָמפּ.
אַנטקעגן דיר דיין שאָטן, ווי אַ גלאָמפּ.
הויבסט אויף דיין אויג, גיט דער שאָטן זיך אַ בויג,
לאָזט אָפּ דעם קאָפּ, קוקט דער שאָטן אַראָפּ,
דו רעדסט — דער שאָטן מאַכט דיר נאָך,
און טונקל וואַקסט אַרום דער אַלטער יאָך,
און ניט טריבון ביסטו, נאָר איין־אַליין,
ווי אַלעמאָל, ווי אייביק, ווען נאַקעט־הויל,
ביסטו פון נאָרע־גרוב אַרויס מיט הונגער אינם מויל,
און זיך געלאָזט דורך וואַלד און שטיין,
אויף שפּור פון בלוט, מיט קריץ פון ציין,
און נאָך דעם אַלעמען — געוויין.

און נאָך געוויין — געשריי,
און ווידער זיך געשטעלט אין ריי,
און ווידער מענטש צו מענטש באַנאַנד,
און זייט צו זייט, און האַנט צו האַנט,
און ווידער טאָג, און ווידער זון,
און דו ביסט ווידער שוין טריבון:

— שטייט אויף! פאַרזאַמלט זיך געדיכט!
עס גייט די ראָד מיט ליכט,
עס שלאָגט מאַשין מיט דאַמף,
עס נענטערט זיך דער לעצטער קאַמף!

1935

אין לאַגער פון די אָרעמע

ווער ס׳איז געווען און האָט געזען די אָרעמקייט, די מיסטיקייט,
פון טשערי סטריט, און וואָטער סטריט,
ביים ברעג פון שוואַר-באַלאַדענעם איסט-ריווער;
און האָט געזען די אָרעמקייט צעלייגט אויף פּאַרפּוילטע טרעפּ,
מענטשן מיט אַראָפּגעלאָזטע פּנימער,
וואָס קוקן אויסגעגלאָצט, דערשראָקן, רוי און שטאַר,
מיט איינגעקאַרבטן צער,
אויף יעדן נייעם דורכגייער, וואָס גייט אין גאַנצע שיך, —
און ניט געזען ווי אין די אויגן פון די שלעפּער
זידט בייז, טליעט שנאה אונטער אַש —
דער איז בלינד.

ווער ס׳איז געגאַנגען ביי די פּיערס, ביי די דאָקס,
און געזען די סקלאַדן, די לאַד און פּאַק געשטעלן,
און געזען די ווייסקייט פון ברויטיקן מעל
זיך וויגן אין לופט, אויף די אייזערנע הויב-מאַשינען,
און דערפילט אין די נאָזלעכער דעם ריח פון פיש,
לאָנג-איילענדער געפאַנג,
דעם שאַרפן גערוך פון קאַפע-בראַזילאַנער —
דעם געשמאַק פון פלייש, דעם שמעק פון זאַלציקן הערינג, —
און ניט געזען מענטשן, ווי הינט,
ליגן אויף די בריקלעך, שטאַלן, טרעפּ, און שנאָרן,
שאַרן מיט די יאַסלעס, און שאַרפן געלע ציין, —
דער איז בלינד.

ווער ס׳האָט ביי דער זייט פון מיסטיקייט, אין נאָענטקייט,
געזען די הונדערט-שטאָקיקע קאָמערץ-געביידעס פון ניו-יאָרק,
דעם גאָלדענעם געמאַרק,
און דאָ: אַלטע הייזער, קאַרק אויף קאַרק,
סאַלוויישאָן-אַרמי, קאַטוילישע שוועסטער, פּעניצלעך ברויט מיט זופּ,
און רייען, רייען, רייען, —
שטייען:

לאַנג-נאָזיקער גריך,
קינבאַקיקער נעגער,
לאַנג-פּנימדיקער אירלענדער,
שאַרף-געזיכטיקער פיליפּינער,
סלאַוו, איטאַליענער, ייד, —
געמיש, געפלעכט, צונויפגעשלעפּט, צונויפגעשטעפּט —
און סתם אַ מחנה, וואָס דער חותם פון די פּנימער,
איז שוין לאַנג פאַרוועלקט, פאַרגעלט,
אָראָפּגעוווישט דורך גאַווער, זשאַווער, שטינקענדיקן אַווער, —
און ניט געזען, ווי ס׳ביילט דיך פויסט,
ווי שנאה וואַקסט און שפּראָצט,
ווי בושה פון צו זיין אַן אָרעמאַן ווערט כעס,
ווערט פלאַם — ווערט בליץ,
וואָס רייסט זיך שלאַנגיק, שניידט זיך ביז צו דעם העכסטן שפּיץ, —
דער איז בלינד!

1935

די באַלאַדע פון איסט בראָדוויי

האָט איר געזען דעם בלינדן גיין
דורך ראַטגערס פּאַרק, ביי איסט-בראָדוויי?
איך האָב געזען דעם בלינדן גיין
דורך ראַטגערס פּאַרק, ביי איסט-בראָדוויי.

אויף בענק פאַרלאָזטע זיצן זיי —
די אָרעמע פון יעדן שטאָם:
אי ברוין, אי געל; אי שוואַרץ, אי ווייס;
ווי שפּענדלעך-פּליטים, איינציקווייס,
אַרויסגעוואָרפענע פון ים.
ניו-יאָרק עיר-מקלט, לאַגער-שטאָט!
און צווישן בענק, דאָס איז דאָך ער,
מיט אויגן אָפענע, נאָר בלינד,
מיט שווערן קאָפּ, מיט האַרטן טראָט,
נאָר אויך מיט שטאָלץ אין יעדן קער,
ער גייט, זיין שטעקן שאַרט זיך, רוקט, —
נאָר פּלוצלונג זעט — דער בלינדער מאַן! —
ס'ווערט זעעוודיק און גיך זיין טראָט,
ער הייבט דעם קאָפּ, דער שטעקן קוקט —
און זיינע ליפּן צוקן-צוקט:
— „אָ, דאָקטאָר גראַן, אָ, דאָקטאָר גראַן!

אָ, דאָקטאָר גראַן! אָ, דאָקטאָר גראַן!
צי ווייסט איר ווער ער איז געווען?
דאָס ווייס גאַנץ גוט דער בלינדער מאַן,
ער האָט דאָך אים אַליין געזען.

„דאָקטאָר גראַן", אָדער „דער קינדער-מערדער" — אַ דעקלאַמאַטאָריש ליד פון דוד עדעלשטאַט. דאָס ליד איז געווען זייער פּאָפּולער צווישן די יידישע אימיגראַנטישע אַרבעטער אויף דער איסט-סייד צום סוף פון 19טן יאָרהונדערט, ביי דער אָרגאַניזירונג פון די יידישע אַרבעטער-פאַכן, אין קאַמף קעגן די שוויץ-שעפּער. טענער פון יענעם ליד האָב איך אַריינגעוועבט אין דער דאָזיקער באַלאַדע.
ב. י. ב.

די נויט איז אומעטום דאָך גלייך,
ווי קראָפּיווע, וואָס שטעכט און ברייט,
האָט זי געבליט אויף העסטער סטריט,
ווען ס׳האָט זיך, ווי צעפּלייצטער טייך
געטראָגן וואַנדער־דור אַהער.
נאָר פריער נאָך — אויף לעסטער סקווער,
אין לאָנדאָנס נעבלדיקן טאָג,
צי דאָרט אין וואַיטשעפּל, אין גרוב,
אין איסט־ענדס קעלערדיקער שטוב,
האָט זי מיט פּוסטן מויל געקייט,
געבליצט מיט אירע שוואַרצע ציין,
פאַרגאַנגען אין אַ בלינד געוויין —
און דאָרטן צווישן יתום־לייט,
געלעבט האָט ער, דער דאָקטאָר גראַן,
ביי רייכע אָפּגעלעקט אַ ביין,
צומאָל געהיילט דעם אָרעמאַן.

דער בלינדער האָט אַליין געזען...
ווי קען אַ בלינדער אָבער זען?
פאַראַן אַ זען, וואָס איז גאָר בלינד,
און בלינדקייט, וואָס איז מער פון זען.

נאָר ער, ניט בלינד איז ער געווען:
מיט אויגן ליכטיק, יונג און שטאַרק,
מיט לאָקן לאַנגע ביזן קאַרק,
האָט ער דערציילט אין „מיטינג־האָל"
פון נויט, און טויט, און „דאָקטאָר גראַן" —
און האָט געשאַלט מיט העלן קול:
— שטייט אויף פון שטויב דער אָרעמאַן!
גייט אויף, ווי זון, דעם מענטשנס זין;
דער קנעכט דערקענט: — איך בין! איך בין!
דער חלום באַלד מקוים ווערט;
ווערט אויסגעגלייכט, וואָס ס׳איז נאָר קרום, —
דער רשע ווערט פאַריאָגט, פאַרשטיינט;
און גוטס פאַרנעמט די גאַנצע ערד!

האָט אָרעמאַן פון נאָדל-זשום,
געזען אַ שיין, די רייד געהערט,
געהאַפט, געטרייסט, און שטיל געוויינט.

ווער האָט דאָס טרערן-ליד פאַרפאַסט?
דאָס ליד שטאַמט אָפּ פון לודלאָו-סטריט;
— אַ זינגער, קראַנק און אויסגעבלאַסט,
געזונגען האָט דאָס טרערן-ליד:

— אַן אָרימאַן מיט קינדער צען,
קומט אַן און וויינט פאַר דאָקטאָר גראַן:
— מיין ווייב איז ווידער שוואַנגער, ווי!
וואָס וועל איך, אביון, טאָן פאַר זי?
מיר אַלע זיינען נאַקעט, הויל,
און הונגעריק איז יעדנס מויל, —
ווי קען איך שפּייזן נאָך אַן-עלפט?
איר העלפט אין וואוילטאָג רייכע לייט,
אויך מיר, אין נויט, אָ, קומט און העלפט!

דער דאָקטאָר וואַרט צו לאַנג, דאָך שווינדט
אין גרוב דורך נידעריקסטער טיר
צו טייטן ניט-געבאָרן קינד.
נאָר ס'איז געווען צו שפּעט די שעה:
דאָס קינד דערשטיקט, יתומים — וויינט!
די מאַמע איז שוין מער ניטאָ.

האָט איר געזען, אַ וואָלקן יאָגט,
און ציט מיט רוגזה, גרויל און שרעק?
אַזוי איז אויך די נויט וואָס טראָגט
דעם אָרעמאַן אין וויַיטן וועג.

ניו-יאָרק האָט אין איר גרויסן בויך,
פאַרשלונגען ראַש, מיט שנעלן כאַפּ,
אַנטרונענע אַריבער ים,
און זיי דערצו געגעבן אויך —
מאַשין, און פייער-טויט, און שאַפּ.

מיט זיי געקומען איז אַהער
דער יונגערמאַן פון „דאָקטאָר גראַן״,
צום זינגערם לאַנד, צו נייער שאַנד.
האָט ער גערעדט אויף נייעם סקווער:
— אַ, ברידער, בעסער זיין שוין בלינד,
און ניט צו זען אומשולדיק בלוט;
ניט זען די רשעות, ווי און ווינד,
וואָס איין מענטש צו אַ צווייטן טוט!

געבעט פון טראַגישער מינוט
מקוים איז געוואָרן, ווי! —
ביי ראַטגערס פּאַרק, ביי איסט-בראָדוויי.

— „ווער זייט איר, ווער? איך ווייס, איר זענט״ —
און האָט דעם נאָמען גלייך געזאָגט;
אין בלינדקייט אַלעמען דערקענט.
דער בלינדער האָט אַזוי געזאָגט:
— „ווען ס׳האָט מיין ראיה זיך פאַרמאַכט,
געבליבן איז מיר אין מיין נאַכט,
קאָליר פון שוואַרץ, און רויט צומאָל;
דערקען איך באַלד, נאָך פאַרב פון קול,
מיט וועמען כ׳רייד.״ — זיך ניט געקלאָגט;
האָט זיך געשאַרט ביי נייע טעג,
ווי צווייטער בלינדער — ביי די ווענט;
דורך רווישיקייט פון איסט-בראָדוויי
האָט אַלטע צייט צו אים גענענט
דורך נייעם ליד: — „נו, לייענט, זאָגט!״
געקוקט אויף מענטש, ווי אויף אַ בלאַט —
האָט ער געהערט די אַלטע שטים,
האָט ער געזען פאַרשטילטן קלאַנג
און קיינמאָל ניט פאַרגעסן אים —
דעם דאָקטאָר גראַן פון עדעלשטאַט!

ווער איז דער מלך אָן אַ טראָן
ביי איסט-בראָדוויי, אין פּאַרק, אָט-דאָ?
די עלנטקייט דאָ הערשט אָן טראָן,

און בעטלט חיות, חיי־שעה.
געמיט פון פנימער, און קלייד, —
אַ פאָרטאָריקער, נעגער, ייד —
באַלד קומט דער סוף(אַנטקעגן גייט!)
פון מיין באַלאַדע, פון מיין ליד.
אין זקנה זינקט דער בלינדער מאַן,
זיין דור — לוויה־מאַרש — ניטאָ!
אָן איבערבלייב נאָר שלעפּט זיך דאָ..
צי איז נאָך וואו אַ פונק פאַראַן,
פון יענער נויט, געבענטשטער נויט,
וואָס האָט געוואוסט — ניט אַלץ איז ברויט!..
דער הימל בויגט זיך רונד און גראָ, —
אַ בלינד אויג אויפן בלינדן קוקט, —
דער אַלטער זיצט, דער פאַרק ווערט לער,
פון בלינדן אויג גייט־אויס אַ טרער,
און זיינע ליפּן צוקן־צוקט;
— אַ, דאָקטאָר גראַן, אָ, דאָקטאָר גראַן! *)

*) ווי אַ מאָדעל פאַרן „בלינדן" האָט מיר געדינט די געשטאַלט וואָס איז מיר פאַרבליבן אין זכרון פון דעם אַנאַרכיסט און ליטעראַטור־ליבהאָבער (אויך דע־קלאַמאַטאָר אין זיינע יונגע יאָרן) א ה ר ן מ י נ ץ. ער האָט בלינדערהייט פאַרבראַכט אַ סך יאָרן אין דער ניו־יאָרקער „ליטעראַרישער קאַפעי" און איז גע־שטאָרבן אין יאָר 1940.

איך האָב באַזונגען...

איך האָב באַזונגען שוין דעם טרעמפּ מיט זיינע זשמורע אויגן —
און פאַר דעם בעטלער מיט זיין פייערדיקן שראַם,
פאַר זיינע קני מיט געלער הויט באַצויגן,
האָט זיך מיין ליד הכנעהדיק געבויגן,
דער טרויער פון דער וועלט איז טיפער נאָך פון ים.

אין קליינעם שטעטעלע אַמאָל אין מיטן אינדערוואָכן,
האָט זיך אַ מענטש צעזעצט מיט רויע הענט אויף דר׳ערד.
דער מענטש איז ווי אַ חיה אומגעקראָכן,
ער האָט געוויינט, געשלוכצט, די הענט געבראָכן, —
פון יענעם טאָג האָב איך זיין טעמפּן קול געהערט.

מיין ליד, מיין ליכטיקייט, מיין ווייטער רעגנבויגן!
פון אַלע לידער בלייב איך אומעטיק און קאַלט.
אַן אַנגעלאָדענער האָב איך געצויגן
מיט חלום און באַגער — ס׳איז ניט געשטויגן! —
צעשפּליטערט אַלע רייד פאַר וואונדיקער געשטאַלט.

איך קוק אויף זיי — ס׳איז יעדער וואָרט אַן אָפּגעדעקטער קנאָכן,
פון אַלע אותיות טריפט אַ ברענענדיקער סם.
איך שעלט דעם טאָג פון יענעם אינדערוואָכן,
ווען ס׳איז דער אָרעמער פאַר מיר געבראָכן,
ווען ס׳האָט פאַר מיר אַ שיין געטאָן זון פייער-שראַם.

לאָזט דעם ים גיין שלאָפן...

אין דער ליכטיקער פרי האָט דאָס דאָרף, וואָס ליגט ביים ים
אויפגעציטערט,
אַ מויל האָט צו אַ מויל געטראָגן: —
— דאָס וואַסער האָט אַ דערטרונקענעם געבראַכט.
(פאַרנאַכט האָט דער ים געוויטערט,
מיט טויזנט מיילער אין אימפּעטיקן יאָגן —
האָט כוואַליע אויף כוואַליע געוואָרפן זיך מיט חיהדיקן שרייען,
צו שלינגען, איינצושלינגען און אויסצושפּייען).

בלאָ, וואַסער בלאָ.
אויגן בלאָע — צוויי גלעזערנע שפּיל־רעסלעך,
בלאָקייט אויפן פּליך,
בלאָקייט אויף די הענט צוגעדריקט צו דיך.
קאַלט, וואַסערדיק, פאַרפרוירן.
שטייען ווייבער און שאַצן זיינע יאָרן.

(אין דער זוניקייט פינטלט דער ים שלעפעריק מיט זיינע אויגן.
די כוואַליעס האָבן זייערס אויסגעשפּיגן
און ווערן אַנטשוויגן).

און ביים טויטן — פון ים אַרויסגעשליידערטע,
האָלץ, שטרוי, צעבראָכענע פעסלעך,
בראָכוואַרג.
און פון אונטערן בראָכוואַרג אַ גרינלעך־גראָער עק פון אַ ראַץ.
(אַ היימישער ראַץ אויף אַ שיפל פאַרקראָכן,
געשמוגלט חיונה, גערייזט איבער ימען ביז ס׳האָט דאָס שיפל
זיך צעבראָכן...).

קינדער גראָבן אַ גרוב אין זאַמד,
צוויי קברים שטייען אָפן:
ש—ש—ש—
לאָזט דעם ים גיין שלאָפן.

די אלמנה אין לבנה־שיין

אַלע האָבן געזען טויטע,
געגאַנגען צו לוויות, —
איך אויך, — — —
שטאַרבן איז ביי קיינעם דאָך קיין נייעס.
נאָר אַז איך האָב היינט אין געסל וואו איך וואוין,
אין שיין פון זילבערנער לבנה,
דערזען אַנטקעגן מיר די קינדערלאָזע אלמנה,
שפּאַן, שפּאַן, שפּאַן, —
— וואָס מאַכט דער מאַן?
כ'האָב זיך פאַרשעמט פאַר זיך, אין ווען בין איך דאָ געראָטן?
מע האָט איר מאַן ערשט נעכטן דאָך פאַרשאָטן.

אַ פּשוטער ייד געווען,
אַ שטילער שכן.
נאָר זי ווער איז? זי מיט די גראָע האָר?
אַ יאָר פערציק, צי פופציק יאָר?
איין־אַליין,
אָן קינד, אָן קול,
אַ שאָטן איז געלאָפן, אויף די טירן געקראָכן,
אין זילבער־שיין האָב איך געזען,
ביי די ווינקלען פון איר מויל,
האָט געוויין זיך נאָך געצוקט, געבראָכן.

לבנה שיינט. די פענצטער שלאָפן.
אַלץ איז, דוכט זיך, רואיק, — ס'האָט קיינזאַך ניט געטראָפן.
ניט אַנדערש, אַז זי מיט איר געשפּענסטער־בליק,
שטייף און שטאַר,
איז געקומען ערגעץ פון דער וויים, פאַרשוויגן,
מיט פרעמדער עלנטקייט און צער,
מיט פוסטקייט הינטער זיך, צו שרעקן
קליינע קינדער אין די וויגן,
און אין שוואַרצן טרויער,
אונדזער געסל צו פאַרדעקן . . .

— גוט-נ׳אָוונט.
— גוט יאָר!
ביי אונדז אין געסל איז געווען אַ פּאָר.
אַ שוועל האָט זיך באַנאַכט פון אַלע שוועלן אָפּגעטיילט,
אַ הויז האָט זיך פאַרצויגן און אויסגעהיילט,
איין-אַליין,
געלאָזט זיך גיין, — —
אלמנה אין לבנה-שיין.

פאַרביי ברוקלינער בית-עולמס

ס׳איז גוט צו זען שניי אויף דער ערד.
שניי אונטער טריט,
ס׳איז גוט צו זען ווי שניי אויףביימער בליט.
נאָר אומעטיק איז צו זען,
שניי אויף קברים.
טויטע זיינען טויט — וואָס דען?
נאָר אונטער שניי ווערן די טויטע נאָך טויטער,
פאַרשאָטן, פאַרפרוירן,
ווי זיי וואָלטן קיינמאָל ניט געווען געבוירן.

אַלט-ברוקלין, נעגער-קלאַן,
שווערע, סקריפּנדיקע קאַלווער-באַן.
שטעקן שוואַרצע קעפּ אַרויס פון סאַזשע-ווענט,
איינגעמויערטע אין ציגל,
און הינטער זיי בית-עולמס, כהונהדיקע הענט,
און סעמעטערים, צלמים, יונג-פרויען מיט צעבראָכענע פליגל,
נויט-לאַגערן, טויט-לאַגערן פון נויאָרק.
און אויף דעם אַלעמען, אויף די נעגערישע קוואַרטאַלן,
אויף די פנימער פון דרום,
און אויף קברים,
איז אויסגעפאַלן,
שניי, ווייסער, צפונדיקער שניי.
אַ ליכטיקער טאָג ליגט פאַרשאָטן, פאַרפרוירן,
די טויטע — טויט, ווי קיינמאָל ניט געבוירן.
אַלץ ווייל איך בין היינט פאַרביי בית-עלמינס געפאָרן...

ליכטיקעטריט

געווידמעט מיין ליבן פריינד
לואיס נעלסאָן
אַרבעטער־פירער, קולטור־חבר און
אַ מענטש מיט אַ ליכטיק האַרץ.
ב. י. ב.

מיט געהויבענעם טראָט, ווי צעעפנטער וועג,
ווי אַ פויגל באַפרייט פון זיין פאַנג,
ווי דורך לאַנקע און גרין, מיט דעם זשום פון אַ בין —
גיי איך היינט דורך דער שטאָט מיט געזאַנג.

קוק איך דאָ, קוק איך דאָרט, איך האָב יעדן דערקענט,
בין געווען און וועל זיין און איך בין, —
שטייען טורעמס און ווענט, — ניט צעמענט, ניט צעמענט! —
איז דאָך אַלץ אַזוי לופטיק און דין.

— גיב מיר, בלינדער, דיין האַנט, און צעעפן דיין ליד,
איך וועל זינגען מיט דיר דאָ צוגלייך:
— איז געגליכן דער מענטש צו די גראָז אויף דער ערד,
צו די פיש אין דעם רוישיקן טייך.

און דו, אַרבעטער דזשים, אויף דער שטאָטישער בריק,
כ׳קען דיין ניגון אויך גוט שוין פון לאַנג —
— „שליס אַ ריי אין אַ ריי — שמיד די פרייהייט־אַרמיי,
און באַפריי זיך פון שקלאַפישן צוואַנג״.

און דו, קינד אָן אַ היים — פאַרביי רוישיקן ראָד,
פרעג אַ רעטעניש, פרעג, גיב אַ זונג:
— ווער איז פלינק ווי אַ האָן? ווער איז קליין ווי אַ מאָן?
פליט ווי פאָן? — דאָס איז ליכטיקער פונק!

אַ, ווי גוט איז צו גיין, ווען געזאַנג גייט פאָרויס,
און דער טראָט קלאַפּט האַרמאָניש און גרינג:

— עי, דו אָרעמער מענטש, גיב אַ נויג זיך, און בענטש.
וואַרף די טאָרבע אַראָפּ, נעם און זינג.

אַז פון לינקס און פון רעכטס קומט דאָס ליד ווי אַ בונד, —
אין דעם שפּיגל פון יעדערנס הויט,
לויכט אַ ליכטיקער שיין, ס'וויל דאָך יעדערער זיין,
גיב אַ שפּרונג איבער שאָטן פון טויט!

ווי לבנה אַמאָל, ווען עס עס טראָגט זי דער ווינט,
דורך די קריעס פון וואָלקן אין גאַנג, —
מיט באַפרייטן געמיט, דורך מיליאָניקע טריט,
גיי איך היינט דורך דער שטאָט מיט געזאַנג.

דער וואונדער פון שטאַמען

איבער בריק, דורך די סלופּעס-קאָלאָנען,
גייען טריט פון מיליאָנען.

מיט די זעק, מיט די פּעק, מיט די צויטן, —
מיט די פאַרביקע הויטן.

מיט דעם בליאַסק פון צעלאָפּענע ימען,
מיט דעם וואונדער פון שטאַמען.

מיט דעם אומרו, פון איצט און פאַרצייטן,
מיט צעעפנטע וויטן.

גיי איך מיט — מיט די דורות געצויגן,
נאָכן ליכט פון די אויגן.

זע איך זון איבער שוימיקן האפן,
ווי צום טאָג פון באַשאַפן.

קומען שוואַרץ, קומען ברוין — אין די שבטים,
מיט צעפינקלטן אָטעם.

מיט דעם כישוף — נימ־גוטן, און גוטן,
מיט דעם בלענד אין די בלוטן.

קומען אינזלען, און פעלדער און בייטן,
און געקלימפּער פון קייטן.

זע איך שפּרונג פון די שפּיציקע ריפּן, —
און געשריי פון די טיפן.

און אַלץ גייט פון די ווייטסטע רעגיאָנען,
צו דעם מאַרש פון מיליאָנען.

זע איך זאַמדן — געוואַשן, געבאָדן, —
קומען שיפן געלאָדן.

שפּרייט זיך שאַרף דער גערוך פון די שפּייזן, —
ליגן הרודעס פון אייזן.

קומען פעלזן, און ס'קומען מעטאַלן, —
און זיי שטייגן און פאַלן.

אויף געשטעל, און אויף טרעפּ, און אויף שטאַנגען,—
מיט דעם רים פון פאַרלאַנגען.

אין דעם גוס פון מעטאַלענע מאַסן,
מיט דעם הונגער פון ראַסן.

דורך דער גלי פון די פלאַמיקע רויכן —
איבער קעפּ — צו די הויכן.

וואַקסן ווענט, וואַקסן טורעמס־עטאַזשן,
אין געבורט פון אימאַזשן.

און אַ קלאַנג אין אַ קלאַנג — וויפיל שטימען!
אין געבורט פון אַ הימן!

ציט זיך מאַרש דורך די סלופּעס־קאָלאָנען,
אין געפלעכט פון מיליאָנען.

גיי איך מיט איבער בריק, — ווי אַ בויגן,
נאָכן ליכט פון די אויגן.

און מיר דוכט: דורך די פלאַמיקע צונגען,
זע איך גיבור אין שפרונגען.

פון אַ הויך, צו אַ הויך, צו די שפיצן,
צו דעם שנייד פון די בליצן.

בלייבט ער שטיין אױף אַ טורעם דערהויכטן,
ווי מיט צויבער באַלויכטן.

מיט אַ פאָן איבער לענדער און ימען,
איבער וואונדער פון שטאַמען.

דאָס ליד פון די שטאַמען

דער אינדיאַנער זינגט:

— הונגער און טויט אויפן גאַנצן פליין,
טריקנט די זון צעוואָרפענע גלידער,
גראָב איך קברים פאַר אייגענע ברידער,
שיט איך די ערד אין אָפענע ציין.
אָבער ביינאַכט וועל איך ווידער פאַרשטעלט
זינקען אין שלאָף, אין געליבטערס געצעלט.

דער כינעזער זינגט:

— דער באַרג איז נאַקעט און אין טאָל קריכן מייז,
אין מיין זעקל — דאָס לעצטע ביסל רייז;
די נאַכט טראָגט אָן גערוך פון וויין —
געליבטע ברענגט לבנה־שיין.

דער יאַפּאַנעזער זינגט:

— דער הירש לויפט געטראָפן פון אַ קויל,
גיב מיר, געליבטע, דיין זאַפטיק מויל.

דער קעניג איז אין צאָרן, ער ציט דאָס געווער —
אָט גיי איך אַוועק, און קום ניט מער.

דער ציגיינער זינגט:

— נישטאָ אין טאָפּ קיין פלייש, נישטאָ אין זאַק קיין ברויט,
די קינדער הונגערן, אויף זייערע ביינער הענגט די הויט.
עלענאַ, —
מיטן שטויביקן וועג לאָמיר גיין,
אפשר וועט פאַרבלאָנדזשען אין וועג אַ הון,
אפשר וועט אַרויסגיין פון וואָלקנס די זון.

און מיין מאַמע חיה רחל האָט געזונגען
און זינגענדיק די טרערן — אוי, געשלונגען:
— ניט קיין געבעטענע, אַליין אַ געקומענע
כאָטש אַן אָרימינקע,
דאָך אַ מומע —
אָרעם איז ניט גוט,
אָרעם איז ניט גוט,
לאָמיר זיך ניט שעמען מיט אייגענעם בלוט!

פעלקער, שבטים — קלאַנג און גראַס,
לידער פון דעם ווייטסטן שטאָס.

הונגער, הונגער — אַלע גלייך —
יאַנגצי־טייך, צי געלער טייך.

מאַניא־שו, מיקאַדאָ־לאַנד,
ברעכט די נויט די שווערד פון האַנט.

היידאַ, הפקר, שבט־שטויב,
גלוסטונג, וואַנדער, ווינט און רויב.

ליבסטע, וויין, און שטיקל ברויט —
זוך אַ שיצונג קעגן טויט.

מענטש און וועלט, און חיה־שעה,
נישט קיין שפייז — איז ליבע דאָ.

נישט קיין ליבע — רויטער וויין,
ניט קיין וויין — לבנה־שיין.

לעבן — הונגעריקע ציין,
איינגעקלעמטע ביזן ביין.

ליד פון לייד און ליד פון ברויט —
דורכגעביסן זיך דורך נויט.

ווייט אַ ווינט, און רוישט אַ ים —
אויסגעשריי פון ווייטסטן שטאַם.

נענטער, נענטער, לידער־ליד —
איטאַליענער, רוס און ייד.

דורכגעריסן זיך דורך שאַנד,
און דורך פייערן פון בראַנד.

און אַזוי, אַזוי, אַזוי,
דורך דער נאַכט, צו מאָרגן־גרוי.

איבער זומפּן קויט און טויט, —
בליט אויף פעלדער נייער ברויט!

טראָגט מען ציגל, זאַמד און ליים,
בויט זיך שוין אַ נייע היים.

און אַזוי פון וועלט צו וועלט —
ווידער ווערט די זון צעהעלט.

לאַנד צו לאַנד — צו נייעם גאַנג,
ליד צו ליד, צו ניי־געזאַנג!

דאָס ליד פון אָרעמאַן

נישט טאָג, נישט נאַכט — נישט נעכטן־היינט,
נאָר ס'טרעפט זיך סיי־ווי ליבע פריינד, —

אין מיטן גאַס, אין קנופּ פון טריט,
פאַרציט זיך פלוצלונג מיין געמיט;

פאַרציט זיך, ווי אַ וואָלקן שוואַרץ,
און אומרו רעדט אַרויס פון האַרץ:

— עס וועלקט דער טאָג, עס וואַקסט דער טויט,
און ס'איז דער מענטש בלויז טרוקן ברויט.

און פאָן, און מאַרש — אַ פאַנדן־שפּיל,
אַ מויל, וואָס שרייט: איך וויל, איך וויל!

אַ בלענדעניש פון: אום, צי גראַד? —
אַ קינד אַריינגעכאַפּט אין ראָד.

דאָס ליכט איז דאָ, די בלום איז דאָ,
נאָר דאַרונג שפּראָצט אין זעלבער שעה.

דאָס ליד איז דאָ, נאָר קיינער דאַרף,
דעם זינגערס אומעטיקע האַרף.

אין ערגעץ־לאַנד, נישט דאָ געדאַכט,
דאַרט וויינט זי שטיל אין שטילער נאַכט...

אַזוי פאַרציט זיך מיין געמיט
אין רויש פון גאַס, אין טראָמפּ פון טריט.

אַזוי, אַזוי — און טראָט נאָך טראָט,
איך ווער פאַרשלעפּט אין שטראָם פון שטאָט.

נישט נעכטן־היינט, נישט נעכט, נישט טעג —
נאָר פלוצלונג עפנט זיך אַ וועג.

דורך שווערן בריאַזג — אַ דינער קול,
אַ דינער קול, אַ ווייטער טאָל;

און ס׳עפנט זיך אין טאָל אַ ריס —
באַווייזן זיך צוויי לאָמע פיס.

נישטאָ קיין שטאָט — צעוואָרפן שטיין,
נאָר ער איז דאָ — אַליין און איין.

נישטאָ קיין ווענט, נישטאָ קיין צאָם —
אַ פנים מיט אַ פייער־שראָם.

און ס׳ברענט, און ס׳רויכערט זיך אַ ברעם,
און ס׳רייסט זיך ווייסער צונג פון קלעם.

אָט שטרעקט ער אויס זיין דאַרע האַנט,
אַ מאָס וואָס מעסט דאָס גאַנצע לאַנד.

און ס׳פּלאַצט אין שפּאַנונג אַ געשריי:
— אין הונגער, הונגער איך פאַרגיי!

נישט טעג, נישט נעכט — נישט נעכטן־היינט —
נאָר ווידער גיי איך צווישן פריינד.

און ווידער גאָס, און ווידער טריט,
דערהויבט אויפסניי זיך מיין געמיט.

און ס׳צינדט זיך היים אין האַרץ אַ רוף:
— פאַרוואונדעטער, הויב אויף דיין גוף!

קום, אָרעמער, מיט שווערן טראָט,
קום, לאָמיר גיין דורך שאַנד און שפּאָט.

דיין שראַם — אַ ליכט, דיין פּיין — אַ פאָן,
וואָס ווייט אויף שפּיזיקייט פון צאָן.

אַזוי האָסטו מיט האַק און פּאַק,
מיט נויט פאַרשאַרפטער, ווי אַ האַק,

מיט טאָג, מיט הונגעריקן ביין,
דורך זומפּן זיך געלאָזן גיין;

דורך וואַלד און ווילדערניש געדיכט,
דורך וויסט — אָן וועג, דורך נאַכט אָן ליכט.

און ס'איז נאָך אַלץ קיין סוף צום גאַנג, —
הויב ווידער אויף דיין ווײ-געזאַנג!

אַזוי, אַזוי — ביז וויטסטן שפּאַן,
זינג ווידער ליד פון אָרעמאַן!!

4

ביי די ברעגן פון האָדסאָן

א. מאַמע ערד

ב. אַ נאַכט ביים האָדסאָן

ג. אין ווייסן ליכט

אַרויס — ניטאָ!... ס׳איז אַלץ פאַרלאָפן,
איך רונצל איין זיך פאַלד אין פאַלד;
אָ, לאָמיך זיין ווי וויטקייט אָפן,
און הויך, און שווייגנדיק, ווי וואַלד.

ביי די ברעגן פון האָדסאָן

מאַמע־ערד

איבערנאַכט, מיט זון צוגלייך, האָט זיך בלי צעגליט,
האָט דער כח פון דער ערד זיך צעעפנט. איך שטיי פאַרגאַפט.
קום, מיין פריינט, און זע, ס׳איז דאָ אַ קראַפט,
פון וואוקס און שפּראָצונג, ס׳איז דאָ אַ קראַפט, וואָס בליט.
אין אַ וועלט פון חורבן, פאַרצוקונג און פאַרראַט,
זע, אַ האָפענונג זיך צעשפּילט: אַ בלום, און נאָכן בלום אַ בלאַט.
אין אַ וועלט פון כאַאָס, זע, ווי ריטמיש, זינגענדיק, געשפּאַנט,
די ערד ציט ווידער אויף איר פאָן. שטרעק אויס דיין האַנט,
אַנטקעגן גיי, און צולהכעיס טויט, וואָס איז ווי לעבן דאָ,
הויב אויף דיין בליק! עס נענטערט זיך די שעה,
ווען אַלע וועלן טוליען זיך צו מאַמע־ערד, וואָס קומט
מיט ליבשאַפט און פאַרגעבונג פאַר אַלץ, וואָס שפּראָצט און זשומט:
די מאַמע־ערד, וואָס טראָגט דורך פינצטערניש פון דורותדיקן שיכט,
עקשנות פון תחית המתים, דאָס אויסגעטרוימטע ליכט.
דער טויט איז דאַר און קליין, טראָגט טויט פאַר זיך אַליין.
דער טויט איז אונטערטעניקייט, די אַש פון גרויסן פלאַם.
נאָר, זע, די העראָאישקייט פון וואוקס, און בונט פון יעדן שטאַם!
אַזוי פיל צינגער, מיילער, הענט, מיט הונגער פונעם זיין,
און קיינער ווערט דאָ ניט פאַרפעלט — ניט מיין, ניט דיין!
די מאַמע־ערד אין מיילן־שפּרונג, ברענגט יעדערן זיין בלי,
און הענגט נאָך אויף אין הויך דעם טרוים פון שטערן־גלי.

מיט זון צוגלייך, מיט גרין און גאָלד, האָט אויפגעוואַכט די וועלט,
אַ וואונדער ברענגט אַ וואונדער, דאָס האַרץ ווערט אָנגעקוועלט.
וואַש אָפּ פון אויג דעם ציטערדיקן שלאָף פון לעצטער נאַכט,
ווען אין זכרון — איבער שוואַרצן יאוש־תהום,
געשוואומען זיינען טעג, ווי בלעטער, מיט אַ מוטנעם שטראָם,
און קאָפּ אַראָפּ, מיט אָפּהענטיקער האַנט, האָט שטום געוואַכט,

דער שאָטן פון אַ וועלט, וואָס ווערט פאַרשרפהט און פאַרברענט.
הויב אויף דיין בליק! און זע, ס'איז דאָ אַ קראַפט, וואָס בויט;
עס קומט אַ טאָג, ווען אַלע, מיד פון אומקום און פון טויט,
און אַלע אַנטרונענע פון, פאַרדאַרבנדיקער שווערד,
דערזען וועלן: דער אמת שפּראָצט פון דר'ערד.
און יונג און אַלט, ווי אדם — אין הייליקן אַנגעזיכט,
זיי וועלן זיך פאַרשעמען פאַר דעם גרויסן ליכט.

מערץ

דער ווינטער רויכערט זיך אַריבער דעכער, —
איך זע: דער ווינטער ווערט פאַרברענט.
די נעפּלען טוקן זיך, די הימלען ווערן העכער,
עס לויכט אין האַרץ: דער פרילינג האָט גענענט!

באַלד וועלן זיך צעפּראַלן טיר און טויער,
די שטאָט וועט שטראָמענווייז אַוועק.
און הינטער שטאָט מיט טריט מיט ליימיקע דער פויער
וועט גיין צום האָריזאָנט אין אַקער־שטעג.

ווערט ליכט, ווערט לייכט. די ערד ווערט ליבער, נעענטער.
אַ מענטש דערפילט: ער האָט נאָך הענט.
דער ווינטער פאַלט צענויף — פאַרויכערטער, פאַרברענטער,
נעם זינג און זאָג: דער פרילינג האָט גענענט.

שטילער ווערט די שטאָט.

אַז אַ נעפּל לאָזט אַראָפּ זיך אויף די גאַסן,
פון די הימלען, פון דעם האָדסאָן, פון דעם ים —
שטילער ווערט ניו־יאָרק, די שטאָט פון אַלע ראַסן,
ווי עס שטיקט זיך, שטילט זיך אונטער רויך אַ פלאַם.

עווענוס ווערן קלענער, ברעג צו ברעג געגאַנגען,
נאָענט, און דאָך שוועבט אויף אַ וואונדער־בילד אין וואָר;
זאַכן ניט געזען אין זון־ליכט, ווי פאַרלאַנגען,
שטייען אויף, צעציען זיך און ווערן קלאָר.

טורעם־שפּיצן טרעטן אָפּ — זע, ביימלעך וואַקסן,
פראָסטיק און פאַנטאַסטיש, ווי אויף שויב געזען;
און אָט הייבט זיך אויף אַ שטיבעלע אויף אַקסלען —
ווייטע היימישקייט איז אַלץ נאָך ווי געווען.

רופן שיפן, רופן — דומפּיקע סיגנאַלן,
ווייט איז אומגליק, ווייטער — ווייט איז שרעק פאַראַן;
דאָ איז רואיק, טאָג איז פּלוצלונג אומגעפאַלן,
שטילער ווערט די ראָד, און קילער ווערט דער שפּאַן.

מענטשן גייען, שטייען איינציקווייז, געלאַסן,
גראָקייט היט פון ביידע זייטן, ווי אַ צאַם —
אַז אַ נעפּל לאָזט אַראָפּ זיך אויף די גאַסן,
פון די הימלען, פון דעם האָדסאָן, פון דעם ים.

איך בין, איך בין

עס בליט די רויז אין טאָל, און איבער איר דער זשום פון בין, —
דערהויב זיך, מענטש, צו הויכקייטן פון זין!
געפליגל און פיר־פיסיקע — ווער זאָגט, אינסטינקט איז בלינד?
זיי וויסן זייער לעבנס־וועג, ווי ס'ווייסט זיין וועג דער ווינט.
נאָר דו, בן־אדם, האָסט אַמאָל געטאָן פון בוים אַ שפּרונג,
און האָסט צום ערשטן מאָל דערפילט: עס עפנט זיך דיין צונג,
האָט איבער אַלע וויסטן, צעוואָרפן הער און הין —
צעטראָגן זיך דיין קול: — כ'וויל וויסן ווער איך בין!..

מיט שוויים געטרונקען שוויים, געגראָבן לינקס און רעכטס;
האָסטו דערפילט דעם טעם פון גוטס, דעם סם פון שלעכטס.
ביסט נאָכגעלאָפן לעמעלע, אַנטרונען פון דער שלאַנג;
צעאַקערט און פאַרזייט דיין בייט, געקליבן מיט געזאַנג.
נאָר באַלד האָט זיך באַוויזן צעלט, און שבט, און אַ פאָן, —
און אָט אַזוי, אַזוי, הייבט זיך די טרויעריקע מעשה אָן:
— וויכהאַרציקע, זייט שטום! גיי, העלד, מיט שווערד אין האַנט,
דורך שוועבל־רויך און פלאַם — פאַר פאָן, פאַר קרוין און לאַנד.

עס בליט די רויז; זשום־זשום — דער הונגער לאָזט ניט אָפּ...
בן־אדם, זאָג, וואָס איז געוועזן זייט ביסט פון בוים אַראָפּ?
דיין הייליקייט, דיין פאָן, דיין רויטער „צאָן פאַר צאָן",
האָט דיך געפירט צוריק־צוריק, וואו ס'הייבט דיין וועג זיך אָן.
נעם, גיי אויפסניי פון וואַלד אַרויס, און קוק אין שטראָם זיך איין:
צוויי אויגן תהומיקע — זיי רופן דיך אין פיין.
ניט קרוין, ניט פאָן, — דערהויב זיך, מענטש, צו הויכקייטן פון זין,
וואַש אָפּ דיין צלם־אלהים און זאָג: — איך בין, איך בין!..

װאַנדערער

דער טאָל האָט אױפֿגעלױכטן אין אַ צױבערהאַפֿטן גרין,
פֿאַרנאַכט. אַ מאַטע גאָלדיקײט אױף װענט פֿון אַלטער שטאָל,
די זון, אַ רױט געזיכט, דורך גרױליכן װאָל,
געבליקט האָט פֿון דעם פֿעלדזן-באַרג, און קיל און דין,
געפֿינקלט האָט געצױמטער שטראָל. אױף שטײן אַלײן,
בין איך געזעסן און געקוקט. און מיטאַמאָל,
האָט עפּעס װאונדערלעכעס אױפֿגעשײנט אין טאָל:
אַ מחנה בײמער האָבן זיך צעשטעלט אין גײן,
אין רונדיקײט, אין דורכזיכטיקער רײ.
איך גאַף: די ניט-געזעענע, װער זײַנען זײ?
אַ עדה װאַנדערער פֿון באַרג, צי אפֿשר גאָר פֿון װײַט,
װאָס ציען פֿאַרכטיקע און רוען אין באַשטימטער צײַט.
איך בין דאָך דאָ געװען — געזען אי פֿרײד, אי פּלאָג,
נאָר ניט געזען די מחנה דורך דעם גאַנצן טאָג.

איך קוק: אַ הײליקע פֿאַרטאַיעטקײט, װאָס רעדט אָן קול;
די זון, פֿאַרגײענדיק, כאַפּט לעצטן בליק פֿון הױכן באַרג;
נאָר מענטש, װאָס טרעט אױף שמאָלן װעג מיט זאַק אױף קאַרק,
ער בױגט זײַן קאָפּ און זעט ניט װאונדער פֿונעם טאָל.
אַזױ אױך הונט בײַ שטאָל, װאָס װאַיעט איבער בײן,
און טױבן צװײ, װאָס זוכן שפּײַז — אַ ער און זי.
זײ זעען ניט, פֿאַרטאָן, װי מחנה פֿון ניט הי,
געקומען איז און צױבעריק געבליבן שטײן,
אין גרינעם שײַן, אין פֿונקנגלי און שטום
זיך אָפּגעגרענעצט פֿון דעם שטױביקן אַרום.
אָ, גיב אַ קוק, באַלד װערט שױן נאַכט, אַ שאָטן קריכט,
פֿון הױכן באַרג, און װאַנדערער מיט צױבערהאַפֿטן ליכט,
זײ װעלן ציען צו אַנאַנדער טאָל, צו נײַע טעג —
כאַטש נעם אַ צװײַג אין האַנט און לאָז זיך אױך אין װעג.

אַ נאַכט ביים האָדסאָן

די גרילן גרילן, די שטערן זינגען,
ס׳איז יונגער אָוונט, ס׳איז חודש יון;
די טריט פון טאָג אין ווייט נאָך קלינגען, —
א הינטער האָדסאָן-בערג אין בלאָען,
דורך רויטע, פייערדיקע רינגען,
פאַרגאַנגען איז ניט לאַנג די זון.

די טויבן וואָרקען, די ביימער היטן,
ס׳איז יונגער וואַלד, ס׳איז איך אין גאַנג;
כ׳האָב שמאָלן וועג היינט דורכגעשניטן,
צום אַלטן הויז, וואו פלאַנצן קריכן,
וואו ס׳האָט די שוועל, פון רויש געמיטן,
מיין טראָט באַגעגנט מיט געזאַנג.

די שאָטנס קוקן, די מוקן זשומען,
ס׳איז נייע וואָר, ס׳איז אַלטער טרוים.
איך מיש אַ בוך — מיט ליד פאַרנומען;
ס׳איז שטיל, נאָר ס׳ווינט אַ פליג אין שפינוועבס.
און מיטאַמאָל — פראָפעלערס ברומען,
הויך ביי די מילכוועגן, אין רוים.

אַ גרוס פון לענדער, אַ גרוס פון ימען, —
ס׳איז אַלטע וועלט — ס׳איז צוק פון שפין!
עס האָט געאיילט די זון אין פלאַמען,
אַהין, וואו מאָרד שפּרייזט איבער צאַמען,
אַריבער טאַטן, אַריבער מאַמען,
צום ווייטן סופלאָזן אַהין.

איך קוק דורך שויבן, ווי שטומע גראַטן,
די שטערן בלייבן העל און ריין;
איך טוליע זיך, ווי קינד צום טאַטן,
די שטערן וועלן ניט פֿאַראַטן, —
די שטערן אייביק און אַליין,
איך קוק צו זיי, און וויין, און וויין.

עכאָ

אַליין. פֿאַרנאַכט.
די פֿאַרבן־שפּיל האָט אָפּגענאַרט,
ניטאָ —
ניט רויט, ניט פּיאָלעט, ניט בלאָ.
אַ שאָטנדיקע האַנט,
האָט אויפֿן באַרג אַנטקעגן,
דעם פֿאַרהאַנג שוין פֿאַרצויגן.
אָ, גוט איז מיר, ביים סלופּ פֿון וועגן,
וואָס איך בין לופּטיק איבער טאָל,
ווי עכאָ פֿון אַ קול,
צום אָפּנאַר ניט געפֿלויגן...

איינזאַמקייט

טיפער סאָסנע־וואַלד, טיפער נאָדל־וואַלד,
ווינטערגרין און אייביקגרין, —
אָפּגעזונדערט, אָפּגעשיידט
פון פאַרגייענדיקן זומערגרין;
בוים ביי בוים — דאָך אָפּגעטיילט,
שטייען סודותדיק, פאַרמאַכט,
ווי זיי וואָלטן גרענעץ היטן...
האָט אַ פעלדז שאַרף אָפּגעשניטן
שטעג, וואָס האָט מיך דאָ געבראַכט.

טיפער סאָסנע־וואַלד, רייפע איינזאַמקייט, —
קופּעררויט, און קופּערגרין;
שטילקייט טריפט מיט זומנעם ליכט —
פעכיק, שטעכיק, נאָדל־דין.
פייגלכאָר איז ווייט אַנטשוויגן,
נאָדלען פאַלן שיכט אויף שיכט —
פאַל אויף פאַל —צונויפגענומען...
ווילט זיך אויך אַזוי דאָ ליגן
אין דעם דורותדיקן שטומען.

טיפער נאָדל־וואַלד, טיפע שווייגעניש, —
פּלוצלונג קראַכט אַ קראָ און לאַכט.
ליג איך, זע איך: שפּליטער הימל,
וואָס האָט רוים מיר דען געבראַכט?
ווילט זיך, ווי די בוים־געשטאַלטן,
ווייט פון פעלדישן געווימל
איינגעזיגלט, שטאָלץ און גלייך —
אייגן ליד אין זיך באַהאַלטן,
שטום אין שטומער קיניגרייך.

טיפער נאָדל־וואַלד. דורך דער איינזאַמקייט
ווערט אַ רו אין מיר געבאָרן.

וויים איך: איבער ברייטע לאַנען
פליען פאָרן, בליט דער קאָרן, —
אַז איך וועל אַרוים פון דאַנען,
וועל איך אין דעם טאָל פון שטימען
מיטנעמען דעם שטומען הימן
פון דיביימער, נאָדל־דין,
איינזאַם, שטום, דאָך אייביק גרין.

די שוואַרץ־געפלעקטע קו

דער באַרג אַנטקעגן, —
פון מערב דער מיסטעריעזער שומר, —
האָט זיך היינט ביים זון־פאַרגיין,
געשפּילט, געשפּילט:
געוואָרפן צווישן־ליכט אויף וועגן,
אי יאָ, אי ניין;
פאַרהילט אין שפּרוך־גאָלד אַלע ביימער;
צעעפנט יעדן שטיין...
און איבער קאָרן־פעלד,
אין דוכטעניש צעהעלט,
צעשאָטן בלענדנדיקע זילבער־שטויבן;
צעצונדן אויגן — אין די דאָרפישע נאַאיווע שויבן, —
און אַרויסגענאַרט ביי דער שוואַרץ־געפלעקטער קו,
אַ בענקנדיקן מו...

איך האָב געזען

איך האָב געזען די פייגל פליען,
און טייך געגרונצלט פאַלד אויף פאַלד;
פון איין זייט אָפנקייט אין גליען,
און פון דער צווייטער — קאַלטער וואַלד.

די פייכטע סטעזשקעס פירן, פירן,
די זשאַבעס שפּרינגען דין און גיך;
אַ טראָט — אַ טראָט וועט ניט פאַרלירן,
איך קום אַלץ נעענטער צו זיך.

מיין שיפל שווימט, די רודערס פעכטן,
די וואַסער-שפּין זיך גליטשט פאַרוים;
און שטיינער שוואַרץ, ווי טעג פון נעכטן,
זיי הייבן פּלוצלונג זיך אַרוים.

אַרוים — ניטאָ! ס'איז אַלץ פאַרלאָפן,
איך רונצל איין זיך פאַלד אין פאַלד;
אַ, לאָמיך זיין ווי ווייטקייט אָפן,
און הויך, און שווייגנדיק, ווי וואַלד.

ברידער

ברידער, לאָמיר זיך איינגעוואוינען צו וואוינען אויף דער ערד.
הערט, —
אַמאָל איז געווען אַ מלך,
דער מלך האָט געהאַט אַ מלכה —
ס'האָט עמעצער אַן אומעטיקע מעשה אויסגעקלערט
אויף דער אומעטיקער ערד.

ברידער —
ס'איז ניט קיין מעשהלע וואָס ס'איז אונדז יעדערן באַשערט —
אַ שעפּעלע טוליעט זיך צו אַ שעפּעלע, די שרעק — פאַרוים;
אַ בליץ שניידט דורך דעם וועג, אַ שאַרף און — אוים;
מיט פליגל שוועבן אום אין הימל מלאכים אַרום גאָט,
דער וועג צו דער ערד —
טראָט נאָך טראָט.

מיר אַקערן און זייען, מיט אונדזער שוויים און בלוט.
לאָמיר אָנעמען די קללה אונדזערע פאַר גוט —
ס'איז אונדזער ערד, ס'איז אונדזער היים און אונדזער ביסן ברויט,
ס'איז אונדזער לעבן און אונדזער טויט.

ס'איז ניט קיין מעשהלע וואָס ס'איז אונדז יעדערן באַשערט —
— די מלכה איז אָפּגעשטאָרבן,
דער בוים איז געוואָרן פאַרדאָרבן, —
די הענט וואָס שטרעקן זיך צום ווייטן, מלכותדיקן ליכט,
זיי ווישן גאָר דעם טרויער אָפּ פון אייגענעם געזיכט.

ברידער,
לאָמיר זיך איינגעוואוינען צו לעבן אויף דער אומעטיקער ערד.
מיט וואָרעמקייט קומט אָן דער טאָג, מיט רו — די נאַכט.
ס'האָט עמעצער אַן אומעטיקע מעשה אויסגעטראַכט.
די נאַכט האָט אונדז אַ טרייסט, אַ ניגון, איין־און־איינציקן געבראַכט:
— לולינקע מיין פייגעלע,
לו־לו, לו־לו — לולינקע מיין קינד.

אין דער פרעמד

דאָ איז זון, דאָ איז פרייקייט און רוים,
אין דער פרעמד פאַלט, פאַנאַנדער די צוים;
פאַלט דער יאָך, שווערער אָנוואוקס פון צייט,
און מיין טראָט ווערט פון ענגשאַפט באַפרייט.

גיי איך אום, איז מיר קיינער קיין שטער,
בין איך מוחל די גוטסקייט צום גר;
ניט קיין תושב, קיין נאָמען, קיין שם, —
גלייכער וועג — ניט דערהויב, ניט פאַרשעם!

זע איך טויב פליט צום ווייט־האָריזאָנט,
גיט אַ צי — כ׳האָב די ווייטקייט דערקאָנט; —
ווערט מיר באַנג: — פלי, דו, טייבעלע, זים,
נאָר פון מיר אין דער היים ניט גערים.

איך פאַרמאַך און פאַרחתמע מיין קול,
און איך נידער אין זיך, אין מיין טאָל;
און איך רו, און אין וואַך, איין־אַליין,
ווי דערביי אין זיין שטומקייט דער שטיין.

קומט אַ שטערן פאַרפרעמדט אינעם בלאָ,
קוקט מיט אויג אין פאַרנאַכטיקער שעה.
ווערט מיר קלאָר — ס׳שטייט דער שטערן אויף
וואַכט,
מיט אַליינקייט, און קליינקייט, און נאַכט.

אַ געזאַנג צום אַליין אין מיין זעל!
מזמור שיר — וואָס איז היים, וואָס איז שוועל?
ווי מיין זיידע אין חרובער שטאָט,
הער איך רוף פון דער פרעמדקייט: אחד!

דו, מקונן, האָסט איכה געקלאָגט,
נאָר אין מיר האָט אַ האָפנונג געטאָגט:
נעם, פאַרמשכון דיין איך, ווי אַ העמד,
אַבי אויפגיין אין זיך פון דער פרעמד.

זון און ערד

זון און ערד.
און אויב איר דאַרפט שימל —
פאַר אַ גראָם צום בלויען הימל,
געזונטערהייט.

זון און ערד.

קערנער פלאַצן אין אינגעווייד. די ערד איז וואַך.
און די זון צעשטעכט די פלאַך.

ערד און זון.

זונטיק, מאָנטיק — אין אַלע טעג אין אַלע נעכט —
ניט געהייליקט, ניט פאַרשוועכט.
און ווער עס וויל אַפילו זשאַבעס —
זומפיקערהייט,
זאָלן דוקא בענקען נאָך דער „מלכה שבת",
געזונטערהייט...

אין וועג

אַ שמאָלער פּאַס און רעלסן צוויי,
און פונקען רויך אויף בליאַסק פון שטאָל, —
מיין בליק קוקט קרום, מיין בליק קוקט גלייך,
אַ וואלד, אַ פעלד, אַ בריק, אַ טייך,
די ערד אין רונדיקן געדריי, —
נאָר ס׳גייט דער וועג אויף רעלסן צוויי.

די וויטקייט נענט, פאַרשווינדט; די ראָד,
זי רעדט, און דעקט אויף סוד נאָך סוד.
אַ מייל געווען, אַ מייל — ניטאָ,
אין מעריב זינקט די אַלטע שעה,
און ערד אין גאַנג זי קומט צוריק,
מיט דאָרף און טייך, מיט מענטש און בריק.

אַ רעלס אויף רעכטס, אַ רעלס אויף לינקס,
איך זינג אַ ליד צום נייעם שטרעק!
כאַטש גלייך אַנטקעגן קומט און זשומט,
אַן אַנדער באַן אין רויך געדריי,
אַן אַנדער באַן אויף רעלסן צוויי,
צום אַנהויב גאָר, צום ערשטן וועג...

אַ שטוב

שטייט אַ שטוב אין מיטן פעלד,
איין־אַליין.
ווענט צעטריקנטע, ווי ביין,
און דער דאַך, אַן אַלטע הוט,
נידעריק אַראָפּגערוקט.
נאָר דער קוימען רייסט זיך, קוקט —
צו די נאָענטע ווייטן.

אָ, ניט אַזוי דער קוימען, ווי דער ווײַסטער אומעט,
וואָס קריכט, ווי פּלאָנץ, פון אַלע זייטן.

ווער־זשע וואוינט אין מיטן פעלד —
איין־אַליין?
ליגט פאַרוואַלגערט ברוך און בראָק,
סטאַרטשעט די אַלטקייט אירע ציין —
ליגט אַן אָקער, ליגט אַ האָק,
ניט קיין הונט און ניט קיין קאַץ,
וואו איז מאַן, צי פרוי, פאַרלאָזן?

אָ, ניט אַזוי די מענטשן, ווי דאָס שנירל רויך
וואָס ציט זיך דין, און ווערט פון ווינט צעבלאָזן.

דרייט זיך פלוצלונג אויס די שטוב,
איין־אַליין.
קרימט זיך ווענג, די באַן — זי פליט,
יאָגט אַ דאָרף, און ס'קומט אַ פליין,
יאָגט מיך נאָך אַ שויב, וואָס גליט,
מיט אַ גלימצערדיקן שיין, —
ליכט פון אויסגעגלאָצטע אויגן.

אָ, ניט אַזוי די אויגן, ווי דאָס יונגע בוימל ביי דער
שטוב,
וואָס האָט זיך צו די אַלטע ווענט געבויגן.

הינטערן שטאָט

קליינע שטעטלעך טוליען זיך צו ניו־יאָרק,
קרומלעך בייגן זיך די צאַמען;
דערפלעך שרעקן זיך און קומען, —
אַלע רוקן זיך צוזאַמען.

לאָקאָמאָטיוו־רויך און רעלסן
ברענגען נעענטער און — צעשניידן;
ווילט זיך זאָגן: שטילע היימען,
קיינער וועט די שטאָט פאַרמיידן.

יאָגט די באַן און ביי אַן אַקער
שטייט אַ פּויערל אין זאָרג.
ווילט זיך זאָגן: אַ גוט מאָרגן,
היט זיך, באַלד קומט אַן ניו־יאָרק!

שטאָט קומט אָן פון אַלע זייטן,
פליט אויף פליגל, שפּרייזט אויף שטאָלן;
פלייצט פאַנאַנדער און צעגיסט זיך
איבער אַלע בערג און טאָלן.

הייזלעך הייבן זיך אויף פלייצעס,
שפּאַנען איבער אַלע צאַמען, —
דערפלעך שרעקן זיך און קומען, —
אַלע ווילן זיין צוזאַמען.

ביים דאָרפישן ברעג

ביי דעם דאָרפישן ברעג,
הינטער שטאָט, הינטער שטיין,
כ׳האָב דערזען אַ שטיק ערד,
אַזוי אַלט, אַזוי ריין,
אין פאַרפּראַסטיקטן האַרט,
ליגט אין שוואַרצקייט און וואַרט.

כ׳האָב אַ פּאַל טאָן געוואָלט,
צום פאַרבליבענעם אָרט,
צו פאַרצייטיקער ערד
אַזוי רייף, אַזוי רוי,
און מיט טרייסטיקן וואָרט,
איר אַ זאָג טאָן אַזוי:

— וועט זיך הייבן די וואַנט,
אויף פאַרמוסקולטער האַנט,
וועט זיך רוקן מאַשין, —
אָבער דו, אין דיין גרין,
אין דיין טרעריקן טוי,
דו וועסט בלייבן אַזוי.

וועט זיך בויען די שטאָט,
שטאָק אויף שטאָק ניט צום צייל,
און ווי ריזיקער קראָט,
זיך פאַרגראָבן אין קויט,
אין טונעל, הייל אויף הייל, —
אָבער דו מיט דיין ברויט,
מיט דיין שוואַרץ, מיט דיין שיין, —
ביסט געווען און וועסט זיין!

צו מענטש, צו ברודער

אַרוים פון איינזאַמקייט. די באַן יאָגט גבורהדיק און שאַלט
פאַרביי געהיימע שטיבלעך, שטאַלן אָפּגעריסן, אַלט.
אַ מענטש זיצט איין־אַליין, אַרום איז אַלץ צעשטערט,
צעוואָרפן ליגן שאָטנס, אייזנס, ברוך־און־בראַק,
עס וואַרפט די באַן מיט רויך־געשריי — בליצט אויף די שאַרפקייט פון אַ האַק
אין איינזאַמקייט האָט ווער גערופן: „העלף״, האָט קיינער ניט געהערט,
אין איינזאַמקייט ליגט עמיצער באַהאַלטן אין דער ערד.

פון באַרג צו טאָל, פון טאָל צום באַרג — אַריבער בריק!
אַ שמאָלער וועג אַרונטן ציט, זיג־זאַג, אַ שטיקל פון אַ פּלויט,
אַ סלופּ אָן איינזאַמער און אויפן סלופּ אַ הוט.
קען זיין דער שמאָלער וועג פירט צו פאַרגאָסן בלוט, —
פאַרטאַיעט שטייט דאָס גאַנצע פעלד; קען זיין אַ מענטש איז דאָ אין נויט
פאַרגאַנגען אָן אַ זייט, פאַרבלאָנדזשעט צו זיין טויט.

אַרוים פון איינזאַמקייט. עס שימערט קעגן זון דער שטאָל,
אין איינזאַמקייט, אַליינקייט, קלינגט אויף אַ וווייטער מדבר־קול;
גרימאַסע לייגט זיך אויפן פנים, און האָר פאַרהאַרטעוועט ווי דראָט,
די הענט פאַרשטייפן זיך, און שנאה שטעקט אַרוים די צונג,
און רויטס שיינט אויף אין אויג, אַ מעסער און אַ שפּרונג —
יאָג, יאָג, דו גבורהדיקע באַן, צו מענטש, צו ברודער און צו שטאָט,
מיט מענטש איז רואיקער מיין בלוט, מיט מענטש איז זיכערער מיין טראָט.

דעם פויערס ליד

— גאָט וועט מיין פעלד ניט לאָזן וויסט.

דער אַקער בליציק־שאַרף איז גרייט,
דער אָקס אין שטאָל אַ זאַטער שטייט,
און ציט די פיס צום אַקער־שטעג.
עס האָט די ערד דורך קאַלטע טעג
פאַרשלונגען און אין זיך פאַרדייט
דאָס ביסל וואַרעמע, פעטע מיסט,
וואָס איך האָב מיט מיין האַנט פאַרשפּרייט —
אויף יעדן פאָס, אויף יעדער בייט.

גאָט וועט מיין פעלד ניט לאָזן וויסט.

באַלד קומט אַ וואָלקן אָן פון ווייט,
און שפּעט פאַלט מיט יעדן טראָפּ
אויף מיין צעאַקערט פעלד אַראָפּ.
עס בילט אַ פריידיקער מיין הונט.
די נאַכט פאַרשווינדט, דער טאָג באַגינט,
גלייך מיטן ברויט — וואַקסט אויס מיין קינד.
מיין ווייב גייט אום אין שטוב, אין הויף,
און הייבט די אויגן פרום אַרויף:
— זאָל ער פון זינד אונדז וואַשן ריין,
און נישט אומנישט, און נישט אומזיסט
זאָל אונדזער שווערער טאָג פאַרגיין!

גאָט וועט מיין פעלד ניט לאָזן וויסט.

הימל ברייטערט זיך פאַנאַנדער...

הימל ברייטערט זיך פאַנאַנדער:
בלאָ און בלאָ און בלאָער.
וואָלקנס פונעם ווינט צעשמיסן,
אָפּגעהאַקט און אָפּגעריסן,
לאָזן זיך אין וואַנדער.

זון באַווייזט זיך היים און ליכטיק,
אויף איר אַלטן וועג;
ערד געוואַשן, ניי־געזיכטיק —
ביז דער ווייטסטער שטרעק.

וואויל איז מיר וואָס אין דעם טרויער
אויף אַ וואָלקן אויפגעהאַנגען, —
איז דאָס האַרץ מיר ניט צעגאַנגען
טראָפּנווייז אַראָפּ.
האָט מיין קאָפּ זיך ניט געבויגן, —
איך אַליין מיט מיינע אויגן
זאָל איצט זען, ווי ס'קומט אַנטקעגן
אויף די אויסגעשטרעקטע וועגן —
זון און ערד און רעגנבויגן.

צווישן בערג

א רונדער טאָל, ווי אין א ראָם,
די בערג אין נאָענט, מיט שפּיצן ווייט.
פון פעלדער וואַקסט אַרוים די מי,
די שייערן מיט שטרוי און פי,
די שאָטנס ליגן זייט ביי זייט, —
און זעאונגען פון יאָ און ניין,
זיי קומען פון די בערג צוגיין.

א וועג, אַן אָנהויב און א סוף,
א מענטש באַווייזט זיך הינטער שטויב.
פירט איינער האָלץ, א צווייטער ליים,
צעשפּרייטע שטייען היים נאָך היים, —
נאָר ס׳קוקט פון אומעטום א שויב,
און דורכן טיר — אַרויס־אַריין,
געשטאַלטן, ווי אין שפּיגל־שיין.

א פויגל פליט, — דאָס איז זיין גאַנג,
עס פליט אויף הויך די שוואַרצע ראָב.
נאָר טיף אין טאָל, אַליין און קליין,
א פויער טוט נאָך אַקער גיין,
און טרעפט א שטיין — איז גראָב נאָך גראָב,
א וויש דעם שווייס, דורך שטרויכלונג, צוים, —
א נייער פּאָס, א נייער טרוים.

פאַרנאַכט, א שווייגן פּאַלט רונד־אום — א רייף,
עס טוליעט זיך א בייט צו בייט,
דערמאָנט זיך מיר א פייף — א גריל,
אין נאַכט א ווייגענדיקער ביל,
ווען מאַמע האָט מיך שטיל באַגלייט, —

פון טיפן טאָל א טונקעלער רויך,
גייט אויף צום באַרג דערווייטערט, הויך...

פעלד

דין און גרין, —
טוי־טראָפּנס לופּטיק און גרינג,
איך, מיט דער שווערקייט פון בער,
ווי קום איך אַהער?

בלימעלעך־גלעקעלעך — גלין!
בליטן, און בלי, און אַ בין, —
איך, מיט דער הארטקייט פון שטאָט,
וואָס טוט דאָ מיין טראָט?

צי און אַ ציף —
עפנט זיך קוואַל אין דער טיף.
לייכטקייט, אַן יאָך, און אַן בראָך,
עפנט זיך שטיין אונטער מאָך.

אָפּענער שיכט —
לעגענדע וואָס פירט צו אַ ליכט...
גינגאָלד צעהאָנגען אויף ווענט,
ריר דאָס ניט אָן מיט די הענט!

סוד פון דער וועלט, —
עפנט זיך אויג און געהער;
הערט זיך געזאַנג אויף אַ בוים,
דוכט מיר: דער פויגל וויים מער...

דער ברוינער שמעטערלינג

באַרואיקט, רואיק, ווי די נאַכט, געווען איז מיין געמיט, —
ווי ס׳טרעפט אַמאָל אין קילע, שטילע זומערדיקע נעכט.
בין איך אין הויז אַריין מיט לייכטע, זינגענדיקע טריט,
מיין לאָמפּ מיר אָנגעצונדן — און ס׳האָט אַ העלע שיין
באַלויכטן מיינע ווענט, ווי ס׳וואָלט אַ יום־טוב זיין.
איז מיטאַמאָל: פון גאַס, פון נאַכט — ווער ווייסט פון וואַנען —
אַ קליינער, ברוינער שמעטערלינג צו מיר אַריינגעפלויגן
האָט איינס און צוויי און דריי —
געשווינדלט פאַר די אויגן,
און נעענטער, אַלץ נעענטער געצאַפּלט זיך ביים שיין,
און נאָכדעם אומעטיק אַזוי געבליבן שטיין
ביים שפּיגל אויף דער וואַנט
מיט פליגעלעך צעשפּרייט — פאַנאַנד.

געווען איז מיר אויפן האַרצן גרינג און גוט,
און רואיק, ווי די נאַכט, געאָטעמט האָט מיין בלוט.
אוי, שמעטערלינג אין נאַכט!
פאַראיינזאַמטער, פאַרצאַפּלטער, פאַרבלאָנדזשעטער אהער,
פאַרוואָס איז מיר געוואָרן אומהיימלעך און שווער,
ווען ס׳איז דער קליינער, ברוינער שמעטערלינג צו מיר אַריין,
דערזעענדיק אין נאַכט מיין זומערדיקע שיין?
אַוודאי האָט ער זיך זייט זון־פאַרגאַנג
אויף וועג און שטעג געצאַפּלט לאַנג,
אַלץ זוכנדיק אַ שיין —
נו, איז ער איצט צו מיר אַריין,
האָט איינס, און צוויי, און דריי געשווינדלט פאַר די אויגן,
און נאָכדעם אין אַ ווינקל שטיל פאַרפלויגן,
ביים שפּיגל אויף דער וואַנט,
מיט פליגעלעך — פאַנאַנד.

ווער האָט אין זומער־שעה די אומרו מיר געבראַכט?
אוי, קליינער, ברוינער שמעטערלינג אין נאַכט.

אין ווייסן ליכט

כ׳בין אַ ווײַלע פון דער טומלדיקער שטאָט אַרויסגעפאָרן, —
איך האָב ליב דעם טומל, כאָטש איך בין דאָ ניט געבוירן.

פאַלט אַ דינער שנײ אויף שנײ וואָס איז שוין לאַנג געפאַלן, —
יאָגט די באַן און וואַרפט פאַרויס די רויכיקע סיגנאַלן.

ווײַטער, ווײַטער פון די עוועניוס אויף די שטאָל-געבייטשטע שנורן —
אָפּגעריסן בלײַב איך איבער — ניט קיין טריט און ניט קיין שפּורן.

קוק איך, שווינדלט אין די אויגן — ניט צו זען און ניט צו טראַכטן —
דורכגעריסענע, ווי נעפּל, שוועבן נאָענטע פאַרנאַכטן.

ווײַכע ביימלעך, ווײַסע בײַטן, רײַווײַז נידערן אין טאָלן, —
אויסגעוועבטע, הוילע צווײַגן — קינדערשע אַמאָלן.

זע איך קעפּלעך-רויך זיך טוליען, אין די גראָבנס זיך פאַרטײַען, —
דוכט מיר ווײַסע שאָף אין שטאָלן הונגעריקע שרײַען.

זע איך סטעזשקעלעך פאַרשווינדן, וויקלען, דרייען זיך, ווי שלאַנגען,
דוכט מיר קיינער איז אויף זיי נאָך קיינמאָל ניט געגאַנגען.

קריכן, רײַסן זיך צו פּלויטן, וואו אין כישוף, ווייס-באַהאַלטן, —
שטייען שײַערן מיט כל-טוב, קוקן ליכטיקע געשטאַלטן.

זינגט אַרויס פון האַרץ אַ ניגון: לאָמיר גיין אויף שמאָלע וועגן,
ניט קיין כישוף איז — אַ ישוב, מענטשן קומען דיר אַנטקעגן.

מענטשן קומען, קינדער שפּרינגען, פערד צעהירזשען זיך אין שטאָלן,—
לויפט די באַן און וואַרפט פאַרויס די פונקיקע סיגנאַלן.

קומט אַ ווײַסער ווינט צעפליען און ער נעמט זיך אַלץ צעבלאָזן —
איך האָב ליב די שטילע פעלדער כאָטש איך האָב זיי לאַנג פאַרלאָזן.

ווינטער־גאָלד

גאָט האָט פֿאַרביטן דעם שניי אויף דער גאָלדענער זון.

טאָג־אויס, טאָג־איין
גייט אויף די זון אין מזרח־רויט
און שפּרייט אַריבער רוימען, ערד און וועלט
איר רויטע ליכטיקייט,
ביז זי פֿאַרגייט אַזוי אין מערבֿ־רויט.
אין קאַלטן חודש שבֿט,
אין ווייסן פֿעברואַר, —
עס באָדט זיך גאָר און ס׳גליט די ערד
אַ נאַקעטע —
אין שטראַלן גאָלדענע —
די זאַמדיקע, האַרטע, פֿאַרפּראַרענע ערד.
טאָג־איין, טאָג־אויס
רוקט אומעטיק אַרויס
זיין גראָען קאָפּ דער פּויער פֿון זיין כאַטקע־דאַך
און קוקט אין פֿעלד:
— ניטאָ קיין שניי!
ציט זיך — אַ וויסטע, אַ ברודיקע פֿלאַך.

גאָט האָט פֿאַרביטן דעם שניי אויף דער גאָלדענער זון.

פּלאַצן אַוואַדע און פֿוילן
די ווינטערדיקע זאָמען אין דער האַרטער ערד.
און ניט נאָר די זאָמען אַליין,
נאָר אויך מיין האַרץ
(און טויזנטער אַנדערע הערצער אַזוינע...)
גייט אויס און פֿאַרגייט
צוזאַמען מיטן קאַלטן, בענקענדיקן פֿעברואַר.
עס בענק זיך נאָך דער ווייסער הייליקייט,
נאָך אומשולדיקייט,
נאָך שניי — וואָס טובלט, דעקט, פֿאַרדעקט,
אין ווייסקייט לויכטענדיקער

די ערד —
די שטייניקע, ברודיקע ערד;
נאָך שניי,
וואָס בייגט זיך אַזוי מחיהדיק
אונטער מיינע לייכטע טריט.
נאָר גאָט, —
האָט פאַרביטן דעם שניי אויף דער גאָלדענער זון,
די בויגיקע ווייסקייט אויף שפּיזיקע שטראַלן.
טאָג־אויס, טאָג־איין
אין קאַלטן פעברואַר —
צינדן אָן זיך הויך די שויבן רויט,
באָדן זיך די סטעזשקעס, וועגן אין דערנידער,
וואַרימט זיך אוין ס׳גליט די גאַנצע שוואַרצע ערד צעפרידן
אין ווינטערדיקן גאָלד,
אין זון — אין רויטער ליכטיקייט.
נאָר דו, מיין הארץ,
(ווי טוט מיר ווי פאַר דיר!)
— גאָט האָט פאַרביטן דעם שניי אויף דער גאָלדענער זון!

אַ טײַך

אָט איז אַ טייך — ניט געשטילט, ניט געפרוירן, —
ליגט פּאַזע ברעגן דער ערדישער פראָסט,
שייערן, שטיבער אין שנייאיקן ראָסט.
ביימער צעשיידטע, אין נאַקעטקייט גלייך.
ציט דורך פאַרפרוירנקייט קוואַליקער טייך,
גייט אַזוי איינפאַך, געווייגלעך און פּראָסט,
פעלד נאָך אַ פעלד — פאַר געוועזענעם וואַלד.

קומען פיר טויבן צו נעמען אַ טרונק,
דריי זיינען ווייס און די פערטע איז שוואַרץ;
פליטער און ציטער, אַ זופּ און אַ טונק,
שפּילנדיק ווערן די טויבן פאַרלוירן, —
יאַנואַר־טייך — ניט געשטילט, ניט פאַרפרוירן.

בײַ נאַכט

ביי נאַכט איז די וועלט אַזאַ ווייסע געוואָרן,
עס שפּילן זיך קינדער אין שניי אינעם קלאָרן.

ביי נאַכט האָט אַ מענטש זיך פאַר עפּעס דערשראָקן
און גרייז־גרוי געוואָרן אַזוי ווי אַ זקן.

זיצט זאָרגלאָז אַ קינד נעבן יונג־אַלטן זקן
און שפּילט זיך אַזוי מיט די זילבערנע לאָקן.

און ס׳ווייס ניט דאָס קינד, אַז אַ האַרץ איז דערשראָקן,
דורך איין נאַכט געוואָרן אַ גרייז־גרויער זקן.

ביי נאַכט איז די וועלט אַזאַ ווייסע געוואָרן,
עס שפּילן זיך קינדער אין שניי אינעם קלאָרן.

דינער שניי

דינער שניי אויף שורותדיקע בייטן,
שורות — אותיות — איינער לעבן צווייטן.

צי ביינאַכט, באַגינען — ער איז ניט געבליבן —
עמעצער האָט אויף די בייטן עפּעס אָנגעשריבן.

פּאַרט אַ פערדל, הירזשעט, אָטעמט מיט די ריפּן,
און דער פויער נישטערט, מורמלט מיט די ליפּן.

קומט אַ הונט צעלויפן מיטן עק פּאַריסן,
ביימלעך שטייען, שווייגן, ווי זיי וואָלטן עפּעס ווּיסן.

ראַיעט הונט און וואַיעט — וויל ער זיך דערגראַבן —
אויפן אייז שפּאַצירן גלייכגילטיק די ראָבן.

יאָגט די באַן פאַרויכערט אויף דעם וועג געדרייטן,
ווייסע אותיות בלענדן אויף די שוואַרצע בייטן.

5

איך און דו

א. מיידל פון מיין שטאַם

ב. אַ ניגון ווי דו

ג. גלאַט אַזוי (לירישע הומאָרעסקע)

צו פּעסיע כהנא

— צי איך וועל פֿאַרלירן, זיגן —
כ׳וועל ניט שטערן מער דיין רו;
כ׳וועל נאָך אויסטראַכטן אַ ניגון —
דין און צאַרט אַזוי ווי דו.

איך און דו

מיידל פון מיין שטאָם

כ׳בין אַליין געבליבן און פאַרמאַכט דעם שיין,
גליד אין גליד אַריינגענומען און אין שלאָף אַריין, —
נאָר געוואוסט האָב איך, אַז הינטער דינע, נאָר פאַרמאַכטע ווענט,
האָבן דורך דער נאַכט פאַרשאָטנט דיינע ציין געברענט.

אין גערויש פון פרעמדע גאַסן, אינעם פעלקער־ים,
אויפגעלויכטן האָט דיין פּנים, מיידל פון שטאָם!
האָסטו מיך געפירט דורך פרעמדקייט, ווערטער שעמעוודיק און ריין,
ביז דו האָסט מיך ביי דעם טויער פון דער נאַכט געלאָזן שטיין.

נאַכט און בענקשאַפט, מישט זיך חלום אויס מיט וואָר,
רינגלען מיך אַרום צוקאָפּנס מיינע אָפּגעלעבטע יאָר;
אין באַהעלטניש געשפּילט לאַנג, האָסטו צניעותדיק און קליין,
ניט באַהאַלטן אָבער קענסטו ליכט פון דיינע ציין.

גוף איז איינזאַם, עלנט, נאַקעט איז מיין זעל,
בענקשאַפט רוקט די ווענט פונאַנדער, עפנט אויף די שוועל, —
ווערט די נאַכט אַדורכגעריסן, צוויי געשטאַלטן ווערן איין:
שאָטן־שימער, שטערן־גלימער און דאָס ליכט פון דיינע ציין.

איך און דו

איך און דו,
אַ צווילינג ניט-געבוירענער.
צווײ לעבנס,
אין אַ נעץ פון אָדערן געפאַנגען.
גליד אין גליד,
איינגעקנאָטן,
איינגעפלאָכטן,
אויג אויף אויג, און מויל אויף מויל,
איינגעוויקלט,
ווי צווײ שלאַנגען אין אַ קנויל.
ראַנגלען מיר זיך
פאַר איין טראָפּן בלוט פון מאַמע-האַרץ,
פאַר איין אָטעם פון דער מאַמע-טראַכט.
וויקלט בײַסלעכווײַז דער קנויל זיך שוין פאַנאַנדער.
צוקן לעבנס צווײ, —
ווער דורך ווייטיקן וועט פריער געבוירן ווערן,
ווער פון אונדז וועט פריער גאָטס ליכט דערזען,
גאָטס ליכט דערזען, —
און פון ליכט באַגלייט,
אינעם ליכט — צעשיידט.
איך און דו — אַ צווילינג ניט-געבוירענער.

ליבשאַפט

די שטאָט גייט פון רעכטס, און די שטאָט גייט פון לינקס,
אין מיטן אַ בערגל דערהויבן ;
אין מיטן פון בערגל אַ שטיין, ווי אַ ספינקס,
וואָס שטאַרטשט מיט דער שטאַרקייט פון גלויבן ;
ער לויכט אין זיין שטאַרקייט מיט שפליטער פון קוואַרץ.
ער וועט ניט פאַרווישן, ער לאָזט ניט פאַרגעסן,
דאָס ליד פון מיין האַרץ —
דאָ זיינען מירביידע געזעסן.

דער לאָן ליגט נאָך נאַקעט, געוואַשן און ריין,
עס גרייט זיך די ריינקייט צום פרילינג ;
עס שפרינגען און נאַשן, מיט עקלעך און ציין,
צוויי וועווערקעס שיין, ווי אַ צווילינג.
דאָס שטעגל, דאָס טייכל — עס רוישט מיין געמיט,
איך זוך, ווי אַ שפיר־הונט, די נעכטיקע קלאַנגען,
די גראָזיקע טריט, —
דאָ זיינען מיר ביידע געגאַנגען.

אַ קוק אינעם וואַסער, אין גרינלעכן שטראָם,
און ס׳דאַכט מיר : אויף מאָכיקע שטאַפלען,
עס הויבט זיך אַ פּנים, עס בלעזלט דער תהום,
עס טויכן צוויי שטילע שוואַרצאַפּלען.
די וועררבעס זיי הערן, אָן פּיפּס און אָן קול,
ווי טייך פּלאַפּלט אויס פון דעם נעכטן פאַרמאַכטן
די רייד פון אַמאָל,
די רייד פון די שטילע פאַרנאַכטן.

די שטאָט גייט דורך גאַסן, דורך טויער און טיר,
די הייזער, מיט פענצטער, ווי שפּיגלען ;

דעם בונד, וואָס איך האָב דאָ פאַרשניטן מיט דיר,
וועל איך שוין אויף אייביק פאַרזיגלען.
מיט לאָן און מיט שטעג, און מיט יעטווידן גליד,
מיט שטיין אויפן בערגל, פאַרעקשנט, דערהויבן, —
זאָל זינגען מיין ליד,
מיין ליד פון געהייליקטן גלויבן.

דאָס ליד פון ווייסן ליין

האָסט ליינען-ווייסקייט אויפן בעט פאַרצויגן, —
בריט און בלענדט די ווייסקייט מיר די אויגן.

קוקט דער געלביק-גראָער פלאַקס מיט טויזנט אויגן,
בלוט פון זונען, זאַפט פון אָפּגרונט איינגעזויגן.

בייטן אָוונטיק זיך נייגן; נאַכט — צו מערב אויסגעצויגן,
און אַריבער זיי פאַרוויגטע, איז אַ בלאָקייט אויסגעבויגן.

קלינגען האַרבסטיק שאַרפע קאָסעס, מערן זיך די גאַרבן, סטויגן,
און דער זומער מיט די זונען — ניט-געשטויגן, ניט-געפלויגן.

גייט דער פויער נאָכן וואָגן — ברענען, פינקלען זיינע אויגן,
ווי אַ יעגער — רעכטס זיין רויב-זאַק, לינקס — זיין טרייער פייל-
און-בויגן.
ליינען-ווייסקייט אויפן בעט פאַרצויגן,
בריט און ברענט די ווייסקייט מיר די אויגן.

דער וואַלד שטייט פריי

דער האַרבסט האָט אונדז אין וואַלד אַריינגעצויגן,
געַרוך פון ווילדע, רייפע כריזאַנטעמען.
אָ, טייערע, ניטאָ זיך וואָס צו שעמען,
וועל קוקן אין די שטילע, פולע אויגן,
און קושן דיינע אויפגעוואַכטע ברעמען.

די ביימער שטייען הויל, און הויך, און שווייגן,
די וועווערקע קלייבט ניס און שפּרינגט אויף בלעטער.
אָ, טייערע, אויף סטעזשקע אויסגעבעטער,
שטרעק אויס צו מיר די הענט דיינע, ווי צווייגן —
קלייב צערטלעכקייט אויף ווייטן שפּעטער.

דער וואַלד שטייט פריי, געזאַנג פון שטאָלצע שטאַמען!
דער האָריזאָנט איז אָפּגעדעקט און אָפן.
די בלעטער זיינען ציטערדיק צעלאָפן —
נאָר טיף אין אונדז געבליבן זיינען פלאַמען,
און ליד פון שטאַמיקייט, און ליד פון האָפן.

דיין שאָטן

איך זיץ אין דיין שאָטן צעגליטן,
דיין שאָטן — דיין וואַכיקער טרויער.
ס׳קען קיין זאַך אַזוי מיך ניט היטן,
ווי ס׳היט מיך דיין וואַכיקער טרויער.

אין אַפנקייט שמעלצן זיך זונען,
אַן צוימען, אַן רו און אַן דויער;
נאָר דו האָסט מיר שטילקייט געשפּונען,
אין צוימיקן, טרוימיקן טרויער.

די תּאווה ברעכט טיר און ברעכט ריגל,
פאַרצוקונג ברענט הייסער און רויער;
נאָר איך אונטער שאָטן — אַ פליגל,
דיין שאָטן — דיין וואַכיקער טרויער.

און ס׳טרעפט: איך דערפיל זיך פאַרליטן,
איך זיץ, און איך קוק, און באַדויער, —
ס׳קען קיין זאַך אַזוי מיך ניט היטן,
ווי ס׳היט מיך דיין וואַכיקער טרויער.

דיין פנים

דיין פנים קומט מיר אנטקעגן —
ווידער און ווידער,
ווי קלאנג פון לידער,
ווי בלאט אויף בוים;
דיין פנים איז ניט איין —
ביסט פיל־געשטאלט,
ביסט פיל־געזיכט,
נאר אומעטום מיט זעלבן ליכט.

דיין פנים קומט מיר אנטקעגן,
אין אפנקייט פון וועגן,
ווי עכא פון א קול,
ווי שטעגל פון אמאל,
ווי ערשטע ערד ביי גארטן־בייט,
וואס גייט מיר נאך, און היט,
מיט באבעס ברכות, מאמעס רייד,
מיט ערשטע קינדערישע טריט.

דיין פנים קומט מיר אנטקעגן,
און טרעפט — פארשווינדט,
א שאטן — שווארץ, א שאטן — גרא,
נאר אט לויפט דורך א ווינט,
און דו ביסט ווידער דא,
אין פולן ליכט, מיט פול געזיכט,
ווי לבנה אין איר בלויען טאנץ,
אט איז זי האלב, אט ווידער גאנץ.

ס׳איז היינט אַ שניי

ס׳איז היינט אַ שניי, און שניי איז ווייס,
גייט אויף צו דיר מיין ליבע פלאַטערדיק און דין.
אַריבער אַלע וועגן וואונדערלעכער בלענד,
אַ פליטער צינדט, אַ פליטער שווינדט,
אַ פליטער־טאַנץ אין שטיפּער־ווינט, —
ניט שניי האָט מיך צו דיר געגענט,
איך בין געווען און בין.

אויף שוואַרץ־ערד,אין אַן אַנדער שעה,
האָט גראָז אַרום דיין שוועל געפּלאַטערט גאָלד און גרין,
און אין פרימאָרגנדיקן, רחבותדיקן בלענד —
אַ טוי זיך צינדט, אַ טוי פאַרשווינדט,
עס בויגט זיך גראָז צום מילדן ווינט, —
ניט בלי האָט מיך צו דיר געגענט,
איך בין געווען און בין.

אַ שניי איז היינט, נאָר ס׳איז געווען אַ טאָג,
ווען איבער בוים, אָן היים, געיאָגט האָט לעצטער שפּין.
און אין דעם הוילן, האַרבסטיק־וועלקנדיקן בלענד, —
אַ בלאַט זיך צינדט, אַ בלאַט פאַרשווינדט,
אַ בלעטער־טאַנץ אין רויען ווינט, —
ניט פּיין האָט מיך צו דיר געגענט,
איך בין געווען און בין.

נאָר היינט איז שניי, און שניי איז ווייס,
גייט אויף צו דיר מיין ליבע פלאַטערדיק און דין.
וואַרף שניי אין שפּיל פון פראָסטיק־זונעדיקן בלענד,
אַ פליטער צינדט, אַ פליטער שווינדט,
וואַרפט שטערנדלעך פאַר אונדז דער ווינט,
עס ציען שנייאיק זיך די הענט,
איך ווייס איך האָב צו דיר געגענט —
איך בין געווען און בין.

לבנה - שיין

איך ליג א גאַנצע נאַכט די אויגן אָפן,
איך קען ניט שלאָפן.
אויף שאָטנדיקער וואַנט, זע, די לבנה שיינט, —
וואו ביסטו היינט??

גערויש פון בוים, אין ציטערן און ווייען
צעטיילט אויף צווייען:
מיר דאַכט, אַז דו געבליבן ביסט אין טאָג פאַרמאַכט,
און איך אין נאַכט.

איך קוק און זע געשפענסטער-סילועטן,
די ליפּן בעטן:
— נעמט, צויבערער, מיך מיט, און איבער כשוף-בריק,
צו איר צוריק!

אַ שאָרך, איך זע ווי פינגערדיקע צווייגן,
מיט מאָדנעם שווייגן,
זיי שטעקן זיך דורך פענצטער דורך און אויף דער וואַנט,
שוין שרייבט אַ האַנט.

אָן אות צו אות — דערמאָנונגען זיך בינדן,
נאָר באַלד פאַרשווינדן.
די איינזאַמקייט, ווי שפּליטער, פון דעם חושך בליצט —
וואו ביסטו איצט?

באַגינען

איך בין היינט אויפגעשטאַנען מיט אַ טונקל הארץ,
אַ פרעמדער פלעק אויף מיין געווויסן.
איך גיב אַ קוק, איך זע דער מזרח
איז אויך אַזוי, —
אַ וואָלקן איז אויף אים צעריסן.
איך ווייס, די זון דאַרף אויפגיין איצט,
איז אויפגעגאַנגען —
נאָר וואָלקן וויל פון דעם ניט ווייסן.

אין טונקלקייט, איך זע, אַלץ שטייט אויף זעלבן אָרט,
וואָס האָט ביינאַכט אַזוינס געטראָפן?
איך האָב געמיינט, אַז מיין געוויסן,
ווי בוך אויף טיש —
איז אויסגעלינעוועט און אָפן, —
איך שאַר זיך שרעקעדיק, פאַרשעמט
אויף שפיצן־פינגער,
צו זען ווי מיינע קינדער שלאָפן.

איך זע אויף פנימלעך ביי זיי באַגינען־שפּיל,
כאָטש וואָלקן ליגט נאָך אויסגעצויגן;
חרטה קריכט אין הארץ, כאָטש אומרו
איז שאָטנדיק,
ווי פלעדערמויז אַוועקגעפלויגן.
איך קוק דערפרייט צו מזרח־זייט
וואו ליכט און וואָלקן —
צוזאַמען ברענגען איצט אַ טאָג אויף רעגנבויגן.

דער באַרג

חנה — מיין טאָכטער

מיר זיינען צום באַרג-שפּיץ געשטיגן,
דורך סאָסנעס פון אייביקן גרינען;
דו האָסט מיר געוויזן: אָט, ליגן
די פליינען אין נייעם באַגינען!

די ראַנדיקע, רונדיקע ווייטן,
און לייכטער, און ליכטיקער שאָטן,
ווי לאַנד פון אַמאָליקע צייטן,
וואָס גיין איז אַהינצו פאַרבאָטן.

אַ חלום פון אייביקן ברענען,
אַ האָפנונג פון ליכטיקע פאַרבן,
און דו ביסט אַרוים צו גענענען,
און דו ביסט געקומען צו אַרבן.

נאָר איך האָב געקוקט, און געשוויגן, —
אין מיינע צעאַקערטע וואָרן,
דאָרט ליגן די טאָלן, און וויגן
פאַרדאַרטן, צעטריקנטן קאָרן.

דאָרט סטאַרטשן די פעלזן, ווי גלידער,
און גראָער, און נאַקעטער אמת;
נעם, שלעפּ זיך, דו פויערל מידער,
געפינסטו אַ קערנדל, נעם עס.

מיין קינד, אינעם שפּיל פון די פאַרבן,
פון ווייט-אילוזאָרישע הייכן —
ווער ווייס, אפשר וועל איך ביים שטאַרבן,
אויך ווען ס'איז אַהינצו דערגרייכן.

קאַראַהאָד

קינדער, נעמט זיך פאַר די הענטלעך,
נעמט מיך אויך — צוזאַמען!
לאָמיר אַלע — טאַטע, קינדער,
טאַנצן פאַר דער מאַמען.

שליסן מיר אַ קרייז, אַ ראָד,
מאַמע שטייט אין מיטן,
האַלטן מיר זיך פאַר די הענט,
זיך און זי צו היטן.

אַז די מאַמע מיט איר ליכט
זאָל פון אַלע זייטן
גיסן וואַרעמקייט אויף אונדז,
און פון שלעכטס דערווייטן.

אַז די מאַמע מיט איר גנאָד, —
זיין זאָל לאַנגע יאָרן!
ברעכן מיר דעם רינג, די ראָד,
ווערן מיר פאַרלאָרן.

אָפּגעריסן פון די רוימען,
שטערן פאַלט צו ימען.
פאַר די הענטלעך נעמט זיך קינדער,
רונד אַרום דער מאַמען!

פ אַ ר נ אַ כ ט

ס׳פֿאַלט נידעריק אַראָפּ דער טאָג, און ס׳הייבט זיך אויף די נאַכט;
איך פֿאָר אַהיים, די הויך־באַן פֿליט, איך קוק אַרויס און טראַכט.

פֿון וואָס? געדאַנקען בינדן זיך און רייסן זיך אַפּסניי,
ווי שטיקער וואָנט, ווי ביימער־שפּיצן — יאָגנדיק פֿאַרביי.

ס׳ווערט נעפּלדיק; כ׳דערפֿיל זיך פּלוצלונג אומעטיק, אַליין,
און אַ געבעט קוועלט אויף אין האַרץ — געבעט ווי אַ געוויין:

— זאָל פֿרידן, רו באַגעגענען מיך ביי מיין שוועל — מיין וואָך —
ווי רואיק ס׳איז אין נעסט פֿון שוואַלב, וואָס וואוינט ביי מיר אין דאַך.

מיין עלטסטע קינד, ווי ליכט אין דער נאַכט, זאָל ווינקען דורכן שויב,
און זי מיין אויגיק עופּהלע, זאָל וואָרקען ווי אַ טויב.

מיין פֿרוי, וואָס מיט איר שטילער שיין מיין יעדע שעה באַגלייט,
זאָל זעצן זיך מיט מיר ביים וואָכעדיקן טיש געגרייט.

אין שטילע רייד, ווי ס׳האָבן מאַמעס אונדזערע גערעדט,
מיר זאָלן האָפֿן, בענקען, פֿלוידערן אַזוי ביז שפּעט.

און ווערן זאָל מיר קלאָר מיין לעבן, — פֿון מיין וויגל אָן, —
און גוט וואָס איך האָב שוין געטאָן און גרינג וואָס כ׳וועל נאָך טאָן.

אַנטשוויגן ווערן גליקזעליק, ווי ס׳שווייגט ביים הויז דער בוים,
און בענטשן איבער זיך דעם דאַך, די שטערן ווייט אין רוים.

דער נעפּל ציט, די הויך־באַן פֿליט, איך קוק אַרויס און טראַכט —
דער טאָג פֿאַלט נידעריק אַראָפּ און ס׳הייבט זיך אויף די נאַכט.

אַ ניגון

װען איך זאָל נאָר שטיל פאַרװיגן
כאָטש אַ װײַלע זיך אין רו —
װאָלט איך אױסגעטראַכט אַ ניגון
שטיל און צאַרט אַזױ װי דו.

כ'װאָלט פון שאָטנס אַ װיג געשפּונען,
און פאַרדעקט מיט הימלבלאָ.
און אין טראָפּנס טױ געפונען
ליכט פון אױסגעטרױמטער שעה.

נאָר מײַן האַרץ, װי ברי פון װאונדן,
װאַרפט זיך תּמיד הין־און־העד,
ברענט מײַן ניגון — אָנגעצונדן,
און דו לעשט עס מיט דײַן טרער.

ס'קומט אַ שעה פון שטילע פאַרבן,
האַרץ אַנטשװיגן װערט, װי דו.
ס'קומט אַ שעה, נײַן, ניט פון שטאַרבן,
נאָר פון גליקזעליקער רו.

װערטער, שױמשפּיל פון די ימען,
פאַלן שטיל אַזױ װי שפּריי, —
װי דער ניגון פון מײַן מאַמען
אױף דעם שװעל פון טאָג־פאַרגיי.

צי איך װעל פאַרלירן, זיגן —
כ'װעל ניט שטערן מער דײַן רו —
כ'װעל נאָך אױסטראַכטן אַ ניגון,
דײַן און צאַרט אַזױ, װי דו.

זון

— פאַרוואָס איז דער טאָג היינט אַזוי וואונדערלעך און שיין?

דער טאָג איז וואונדערלעך און שיין,
ווייל וואָלקנס לויערנדיקע דריי טאָג נאָכאַנאַנד,
האָבן זיך אָפּגעטאָן פון אונדזער לאַנד.
און אַלע האָבן דערזען
אַז אין די וואָלקן־טעג איז גאָרניט ניט געשען.
עס האָבן דינער, גרינער נאָך צעוואַקסן זיך די גראָזן,
און קריכנדיקער פלאַנץ איז ווייט אַרויף שוין אויף דער וואַנט.
כאָטש ס׳האָבן ווינטן האַרבסטיקע אין מיטן יול געבלאָזן.

זוניקע בוימער זינגען, וויגן זיך נאָך העכער;
פייגל האָבן פאַרלאָזט די האַרטע ברעגן פון די דעכער;
אַזוי פיל פעלדער מיט תבואה פאַרלאָפן.
זיי וועלן ניט דאַרפן מער אַרומשפּרינגען אין אָרעמע גאַסן,
ברעקלעך צו קלייבן.
אַלץ ליגט אין דער וועלט איצט גרייט און אָפן:
פּיק, פּיק, פּיק — — און ס׳וועט נאָך בלייבן.

— פאַרוואָס איז דער טאָג אַזוי וואונדערלעך און שיין?

דער טאָג איז וואונדערלעך און שיין,
ווייל אין דער ליכטיקייט האָב איך דעריזען:
דו זיצט אַנטקעגן מיר מיט דיינע אויפגעמאַכטע ברעמען
און הינטער זיי דיין גוטסקייט אויסגעבויגן,
הימלדיקע אויגן,
און ס׳בוקן זיך און טוקן זיך אין זיי פּנימלעך פון צוויי מיידעלעך
מיט ריינע, ווייסע קליידעלעך,
וואָס יאָגן מיך, איינס גרעסער און איינס קלענער,
אַ שטאָפּל אויף אַ שטאָפּל;
און אין דער זוניקייט — ווי טייבעלעך צופרידענע און זאַטע —
גייט אויף אַ קינדיש שטיפערישער פּלאַפּל:
טאַטע! טאַטע!

אומעטיק

אומעטיק, אומעטיק, או—ם,
לײדיקע צימערן — זשום.

װאַנטיקע, װאַנטיקע װאַנט,
שאַרט זיך דורך שאָטנס מײַן האַנט.

שאָטנדיק, שאָטנדיק, שעה, —
דו ביסט ניטאָ און ניטאָ.

נאַכטיקע, נאַכטיקע נאַכט,
נאַכט האָט מיר גאָרניט געבראַכט.

שטילער און שטילער און שטיל, —
פּרוּװ זיך פאַרשטילן אין שפּיל.

רונד — אַרום, רונד — אַרום, רום, —
אומעטיק, אומעטיק, או—ם.

אַ ליד צו מיינע פריינד און צו מיין ווייב

בלויז אין מיין ליד בין איך ערלעך און אָפן,
שפּיל אַנ׳אָפענע קאָרט, —
טרומף? — ווי אַמאָל!..
אָבער אין יעדן אַנדער וואָרט:
אַגיטאַטאָר, טריבון.
— ברידער!
און ס׳הייבט זיך מיין קול:
— אַזוי דאַרף עס זיין,
— זאָל עס זיין,
—וועט עס זיין!
— און-און-און!
אָבער און ווידער —
— ברידער!
— זייט!

ווערטער קומען פון ווייט
און פאַרגייען אין ווייט.

אָבער אין ליד, אין מיין גראַם,
אָ, דו גאָלדענע צאַם!
אַזוי און אַזוי, —
אַזוי איז עס,
גוט, צי שלעכט,
פאַלש, צי גערעכט,
ווי פליג אין איר זשום,
ווי ערד אין איר שטום,
ווי דער רוים, אונדזער דאַך,
ווי די ערד אין איר פלאַך.
קומט אַ לאַך,
קומט אַן אוי,
אַזוי און אַזוי — — —

ווערטער קומען פון נאָענט און בלייבן נאָענט.
ווערטער אייגענע,

היינטיקע — היינט, —
נעכטן אַ זיכרון,
און מאָרגן?
מאָרגן איז דאָך קיינמאָל ניט געבאָרן.

דערפֿאַר, וואונדערט זיך ניט, מיינע פֿריינט,
וואָס איך, אַזאַ לץ,
שטרעק פּלוצלונג אויס די הענט, ווי אַ געץ,
פֿאַרוואַרף דעם קאָפּ, און הייב אָן צו וויינען.
און דו, מיין ווייב, וואָס דו קענסט מיך אין מיין אומעטיקייט,
אין מין נאַקעטקייט, און אָפֿנקייט,
וואונדער זיך ניט, וואָס אין מיטן דרינען,
צעטאַנץ איך זיך, ווי כ'וואָלט אַראָפּ פֿון זינען.
שרעק זיך ניט, ס'האָט גאָרניט ניט געטראָפֿן, —
בלויז אין מיין ליד בין איך ערלעך און אָפֿן.

ווייס געלעכטער

1

שניי-ווייס געלעכטער צעשפּליטערט אויף זוניק-צעהוליעטן וואַסער,
ווינטיקער שטיפֿער וואָס יאָגט זיך אַריבער די ימען —
און מיין קינד ליגט אין וויגל און פּלאַפּלט מיט פּיסלעך און הענטלעך,
און שמייכלט צו מיר און צו מאַמען.

2

יאָגן די כוואַליעס צעשפּרייטער, יאָגט איינע אַריבער דער צווייטער,
שוים שוימט אויף שוים און פֿאַרגייט אין אַ שוימיקן לאַכן, —
און מיין קינד ליגט אין וויגל און רעדט צו דער ליאַלקע:
— לולינקע, צייט שוין די אויגן פֿאַרמאַכן . . .

3

ברעג אין אַ ברעג איינגעהאַלדזטע, אַ צודעק פֿון שאָטנס און זאַמדן,
שפּרייט זיך דער ים אין זיין אימפּעט אַריבער די ברעגן, —
און מיין קינד ליגט אין וויגל און לולעט איר ליאַלקע:
— ס'קומט איר די מאַמע מיט אָפֿענע אָרעמס אַנטקעגן.

זעאונג ביים ים

גערקומען צו דיר און געקומען צום ים —
מיט אומרו, וואָס רייסט זיך צום סוף, צו אַ צאַם,

דורך וואַנדער און וואָגל, דורך כוואַליקן שוים, —
צו זוכן אַ ברעג פאַר פאַרוואָגלטן טרוים.

איך זיץ אין דיין שטילקייט; זע, ים איז געלאָף!
און ס'טויכט אויף דער נס פון דעם ערשטן באַשאַף.

אַ רוף דורכן תוהו: — נעמט, זאַמלט זיך איין!
באַווייזט זיך די ערד אין צוויי-שטראַליקער שיין.

לבנה און זון — און דעם חושך פאַרטרייב! —
און דו אויפן ברעג, פון בראשית דאָס ווייב.

ניט גוט איז פאַר אדם צו בלייבן אַליין —
דו, עזר כנגדי, דו ביין פון מיין ביין.

געווימל און הימל, ניט פוסט און ניט לער —
גאָטס גייסט איז דערהויכט, שוועבט אין כאַאָס
ניט מער.

פאַרבליבן איז אָבער די אומרו פון וויסט,
איך זע, ווי זי יאָגט — הין-צוריק, און אומזיסט.

זי שפּרינגט איבער אָפּגרונט מיט ברויז און געבריל,
מיט נאַכט און מיט אורמאַכט און טייפלשער שפּיל,

זי צאָרנט אויף צאַמונג, און גאַרט גאָר נאָך רו,
אַזוי ווי מיין האַרץ, אַ, דו צוימעריןן, דו!..

איך קוק איצט אויף דיר און איך קוק אויפן ים —
דורך נעבל ביים מערב צעשפּילט זיך אַ פלאַם.

צעפאַרבט זיך פאַרנאַכטיק דער שופיקער שטראָם,
און שטילע לעגענדע גייט אויף פונעם תהום:

— דער מלך־לויתן מיט עק אין זיין מויל,
ער היט די יצירה פון חורבן און גרויל.

דאָס גאָלדענע פישל מיט מענטשלעכן קול,
פאַרכישופט מיט וואונדער דעם אָרעמען טאָל.

און ים־פּרוי מיט דורכזיכטיק־כוואַליקע האָר, —
גיסט חלום אויף חלום צונויף זיך מיט וואָר.

דאָס מעשהלע צויבערט — צום עבר די בריק!
עס ציט זיך און ציט זיך דער פלום אויף צוריק.

די פלאַך ווערט אַלץ שטילער, גערונצלט דין־דין,
אַלץ ריזלט צום מערב, אַהין און אַהין.

איך קוק איצט אויף דיר, און איך קוק אין דער וויט,
אַ זילבערנע שיף שווימט דורך רוים און דורך צייט.

זי גייט, קוים באַוועגט, צום ניט־דאַאיק ראַנד,
וואו הימל און ערד זיך באַהעפטן ביינאַנד.

אַוועק, און ניטאָ! און די וואָלקנדלעך בלאָ,
זיי לויפן איר נאָך, ווי פאַרשפּעטיקט די שעה.

איך נויג זיך צו דיר; פליט אַ מעווע אַראָפּ, —
מיט אויגן פאַרמאַכט פאַלט די נאַכט אויף מיין קאָפּ.

פאַרהוילן די וויט, און פאַרשלונגען די טיף —
מיין זעאונג פאַרשווינדט, ווי די זילבערנע שיף.

אַ יינגעלע

אַ בליק געטאָן אויף דיין פּאַראומערט געזיכט,
אויף דיינע האָר צעשויבערטע, געדיכט,
אויף דיין פאַרשאַרפטן צוקנדיקן מויל,
און איך ביי דיינע אַקסלען, נאַקעט, הויל
מיט מיינע אויסגעשפּרייטע הענט —
האָב איך זיך מיט אַמאָל דערמאָנט:

— אַ קליינער, געלער שטיין
אין זיידנס גאָרטן.
פּסח־צייט.
גייט יינגעלע
מיט אַ לאַפּעטע אויפן אָרם.
בייטן אויפצושיטן,
אין די לאַנגע רייען
זאָמען צו פאַרזייען.

אַ הויב דעם שטיין, אַ קער,
און אין דער זון,
אויף שוואַרצער טוכלער ערד,
אַ וואָרם,
פּעט און גרין,
דרייט זיך, דרייט זיך —
הער־און־הין,
אויף און אָפּ,
אָט איז עק,
און אָט איז קאָפּ.

נעמט יינגעלע און האַקט
דעם קאָפּ אַראָפּ —
רינגלט זיך דער גוף ביים שטיין.
נעמט יינגעלע און האַקט
דעם עק אַוועק —

ראַנגלען, רינגלען זיך
אין העלן שיין,
דער קאָפּ,
דער עק,
דער גוף אין מיטן.
נאָר ייִנגעלע
לאָזט הינטער זיך דעם וואָרם,
און מיט דער לאַפּעטע אויפן אָרם —
גייט ער ווייטער —
ביימער אויפצושיטן,
זאָמען צו פאַרשפּרייטן
אויף דעם זיידנס ביימער.

וואָס ציטערן אַזוי אויף דיר די האָר דיינע צעשוי־
בערטע געדיכט?
וואָס ווײַנט פאַר מיר אַזוי דיין כלהדיק געזיכט? ...

בענקשאַפט

פינצטער, דורך פינצטערע שטרעקעס
באַן יאָגט נאָך אייגענעם רוף.
ליכטיק איז אָבער מיין בענקשאַפט,
בענקשאַפט צו דיר,
ליכטיק אַזוי ווי דיין גוף.

רודערן רעדער אין חושך,
ליכט גיט אַ רייץ, און ניטאָ.
ציטערט אין הארצן אַ מאַנונג,
מאַנונג צו דיר: —
קום אין מיין נאַכטיקער שעה!

רוף ווערט סיגנאַל — רויטער אָפּשיין
שרעקט דעם צעריסענעם שלאָף;
ליבסטע, ביים אויסלאָז פון נאַכט,
קום, ווי אַ זון וואָס דערוואַכט —
אַנהויב זאָל ווערן פון סוף!

אין דערוואַרטונג

זי מיט אירע גרויע אויגן,
הוט, ווי פליגל, אויפגעבויגן,
זיצט און וואַרט,
זיצט און וואַרט.
פינקלט רעלס אין ווייט געצויגן,
באַן איז שוין פאַרבייגעפלויגן —
ניט דערוואַרט.

זוך איך אויך אויף אַלע זייטן,
קוק אין נאָענטן, אין ווייטן,
זיץ און וואַרט,
זיץ און וואַרט,
ניט דערוואַרט.

ווען איך וואָלט געוואַרט אויף דיר,
ווען זי וואָלט געוואַרט אויף מיר, —
אַ, ווי הייס עס לייכט אין בלוט,
די באַגעגנטע מינוט!

אָבער איצט —
בליצט און בליצט,
בלויע רעלס אין ווייט געצויגן,
אומרו אין די גרויע אויגן,
זיצט און וואַרט,
זיצט און וואַרט,
וואַרט באַזונדער און אַליין,
וואַרט איך אויך אַזוי אַליין,
טיילט דאָס וואַרטן אונדז פאַנאַנד,
ווי אַ דורכזיכטיקע וואַנט.

קומט אַ באַן מיט רויך און פונק,
רעדער רייצן זיך: דאַ-דאַ,

דאָ — ניטאָ, דאָ — ניטאָ,
עמעץ וואַרפט צו אונדז אַ וואונק,
גיט איר קליינער מויל אַ צוק,
גיט זי שאַרף אויף מיר אַ קוק —
בלייבן ביידע, ווי פאַרשעמט,
וואַרט און וואַרט, און ניט דערוואַרט,
ניט דערוואַרט, און אָפּגענאַרט;
ביידע ווייט און ביידע פרעמד,
ווי די רעלס ביי רעלס געצויגן,
הינטער באַן, וואָס איז פאַרפלויגן.

עפּיגראַם

ס'איז קלעאָפּאַטראַ שיין געווען — געווים!
נעגריסט זאָל זיין דערפאַר מצרים־לאַנד.
נאָר איך וועל צערטלען דיינע יידיש־שמעקעדיקע פּיס,
און קושן דיר דיין יידיש־בענטשנדיקע האַנט.

אַוואַדע האָט זיך צעזאָר גוט און פיין
פאַרבראַכט ביים קיניגליכן שפּילעוודיקן וויין.
נאָר איך וועל, כהנא־קינד, דיך ניט פאַרבייטן
אויף אַלע קלעאָפּאַטראַס פון די שענסטע צייטן.

זוניק זינג, געזאַנג

א. דו

זיי האָבן אויסגעשטרעקט די הענט אין צוקנדיקן גלעט,
און ציינער האָבן זיך געביסן פעט און שוימיק.
די ערד אין שאָטנס האָט געשלעפט, — אַן ערוהדיקע בעט, —
נאָר פּלוצלונג האָט די נאַכט זיך אויפגעעפנט ווייט און רוימיק,
און שטערן האָבן קינדיש זיך צערעדט.

און דורך באַהעלטעניש, — אַן אויג וואָס קוקט און זעט, —
האָט אויפגעהעלט דיין פּנים, איינציק, דין און צוימיק.
די שאָטנס האָבן זיך גענומען טוליען, פאַלן אין געבעט,
נאָר איבער זיי, און איבער ליפּן פעט און שוימיק,
האָט שוין געלויכטן דיין געשטאַלט פון פרי ביז שפּעט.

ב. מ אַ ס ק ע ס

כ׳האָב זיי אָפּגענאַרט, אָפּגענאַרט, אָפּגענאַרט, —
כ׳האָב מיט געלעקלעך זיך צעקלונגען קלינג און קלאַנג,
און געקלעטערט צו דער זון, ווי אויף אַ שטאַנג.
כ׳האָב געשטעלט זיך אויפן קאָפּ: אוראַנג-אוטאַנג!
— הורא — הורא!
קינדער וויינען, קינדער כליפּען: מאַמע מאַ!
ניט פאַרטרערט און ניט פאַרוויינט איז מיין געזאַנג,
אונטער מאַסקעדיקע אויגן, אונטער הפקרדיקע רייד,
איז געלעגן שאַרף דיין פּנים, ווי אַ שווערד אין שייד.

כ׳האָב זיי אָפּגענאַרט, אָפּגענאַרט, אָפּגענאַרט.
ס׳האָט זיך נאַכט צעשפּילט מיט פייערפלינן-ליכט,
האָט דורך וואָלקנס זיך באַוויזן אַ געזיכט:
שוימט, פאַרשווינדט, און קומט — געריכט און אומגעריכט.
— הורא — הורא!
קינדער שלאָפן. קינדער שעפּטשען: מאַ-מאַ-מאַ!
רייסט מיין ליד זיך דורך די שאָטנס, — שיכט נאָך שיכט.
גיי איך, שפּאַן איך דורכן חושך, אייל מיין גאַנג!
טרעטי-טרעטי, טאָג אַנטקעגן, טרעטי, פייגל, גרינער זאַנג,
ניט אוראַנג-אוטאַנג פאַרשטעלטער, — זוניק זינג, געזאַנג!

לידער פון אַנטפּלעקונג

א. שוין טויזנט מאָל

שוין טויזנט מאָל האָט מען דיין ליד געזונגען.
אין שטאָט, אין דאָרף, אויף באַרג און טאָל —
און נאָך אַמאָל, און נאָך אַמאָל.
אין אייזן-גלי אויף שטיין געשמידט,
אין בעטלערס ליד, אין אַקער-שניט,
אויף פּלאַץ-שוועל, אין תּפֿיסה-צעל,
אין רינשטאָק שליים, וואו אַן אַ היים
דערגייט, דערגוססט, ווי אַ הונט
דער וואַגאַבונד.

שוין טויזנט מאָל האָט מען דיין ליד געזונגען.
נאָר קיינעמס אויג פון שענסטן דור
האָט ניט געבלענדט זיך היים מיט דיינע ברוינע, זון-געשפּריצטע האָר,
האָט ניט געשפּירט דיין בלוט-געלויף, דיין הייסן הויט-גערוך,
און ווי די זון מיט יעדן מאָרגן-ברוך
צעלאָזט אין מזרח נייעם גלוט,
און ווי דער אוונט-שטערן שימערט אויף מיט נייעם בלוט
אין יעדער תּמוז-נאַכט —
אַזוי האָסטו מיר נייעם ליכט געבראַכט,
דו, ערשטע פרוי-געשטאַלט פון נאָענט און פון וויטן,
פאַר דיר מיין ליד, דיין ליד, דאָס ערשטע ליד פון אַלע צייטן!

ב. פאַרוואָס האָסטו זיך אין מיין בלוט באַהאַלטן אַזוי לאַנג?

פאַרוואָס האָסטו זיך אין מיין בלוט באַהאַלטן אַזוי לאַנג?

גייט באָבע-נויט מיט וואַקלנדיקן גאַנג;
שניידט זיך דורך אין ראָד-געררויש אַ בעטנדיק געזאַנג;
פירט אַ מאַמע צניעותדיק איר קינד ביים האַנט;

שלעפּט זיך פויל אַ פּרוי אין טריט פון זינד און שאַנד, —
זוך איך דיך אין אַלערליי געשטאַלטן.
און דו אַליין —
דו האָסט זיך גאָר ביי מיר אין בלוט באַהאַלטן,
געהיט מיין גאַנג, געהיט מיין ליד, —
דורך נעכט און טעג געציילט מיר מיינע טריט,
ווי ס'ציילט די גאַרבן־ווייץ אַ בינדער נאָכן שניט,
די לעצטע קערנדלעך, פאַרטרעטנדיק אין דר'ערד,
און גייט, באַגלייט די טריט פון פערד
מיט האַרבסטיקן געזאַנג.

פאַרוואָס האָסטו זיך אין מיין בלוט באַהאַלטן אַזוי לאַנג?

ג. און אַז איך האָב די אויגן אויפגעמאַכט...

ווער האָט צו מיר מיין כלה־לייב געבראַכט אין מיטן נאַכט?
און אַז איך האָב די אויגן אויפגעמאַכט —
האָב איך דערזען —
— אַ האָריזאָנט וואָס בליט אין נאַכט און בלענדט,
— אַ דאָרף, וואָס ווערט אין פייער וואו פאַרברענט
— אַ וואַלד, וואָס ווערט מיט צווייג און שטאָם פאַרלענדט.

האָב איך צום פייער־האָריזאָנט אַ שטרעק געגעבן מיינע בעטנדיקע הענט,

האָב איך דערזען: —
דאָס ביסטו דאָך אַליין!
גליט אין דער נאַכט דיין מיידל־לייב,
אַ גליד פון מיין גליד, און ביין פון ביין,
מיין כלה־ווייב, —
און בלוט ביי מיר באַהאַלטענע פון יאָרן,
און איצט אין מיטן נאַכט געבאָרן!
— אַ האָריזאָנט וואָס ברענט, אַ וואַלד וואָס ווערט פאַרלענדט,
און איך מיט מיינע ציטערדיקע, גליענדיקע הענט
אין מיטן נאַכט —
ווער האָט צו מיר מיין כלה־לייב געבראַכט?

פ ר י ל י נ ג

א. וואָס ווייטער?

פרוי און פרילינג, ווערט דער הימל אַזוי הייטער,
און איבער אַלץ דיין פראַגע: — וואָס ווייטער?

וואַכע ליפּן, טייך ווערט שטראָמיקער, פאַרשייטער,
און איבער אַלץ דיין פראַגע: — וואָס ווייטער?

בוים צעציט זיך, בעט זיך ביי דער זון: — קום, און לייטער:
און איבער אַלץ דיין פראַגע: — וואָס ווייטער:

דער בוים ווייס ניט, דער פויגל ווייס ניט, דער הימל אויך ניט, —
פאַרוואָס זאָל איך עס וויסן?

וואַכע אויגן אין אַ פרילינג-שעה פאַרשייטער,
און איבער אַלץ דיין פראַגע: — וואָס ווייטער?

ב. צ ו ו י י

אַ פרילינג מיט אַ שניי,
און איך און דו — מיר זיינען צוויי.

דער פרילינג קומט מיט קנאָספּ און צוויט,
נאָר זע, דער שניי מיט ווייס אויך בליט!

דער פרילינג וועקט אַ שיכט נאָך שיכט,
אים ענטפערט אָפּ דער שניי מיט ליכט.

און גאָלד פון זון און ווייס פון שניי,
פאַרבלענדטע פינקלען איצט אין צוויי.

פֿאַר פֿרילינג איז עס — אָנהייב גאַנג,
פֿאַר שניי — דאָס לעצטע זון־געזאַנג!

אַ פֿרילינג־פֿרי, און שפּעטער שניי —
און איך, און דו, מיר זיינען צוויי.

ברוינע

ברוינע, רויטלעך־ברוינע, זיינען דיינע האָר,
מיינע — קויל,
גליען מיט דעם שאַרפֿן, שטאָלן־שאַרפֿן גלי פֿון קויל.
זע, —
אין זשאַר פֿון פֿלאַמיקן קאַמין,
אויפֿגעגליט האָט העל אַ פֿייערדיקער רונדער קאָפּ,
פֿלאַליקע אויגן און פֿלאַמיקע האָר;
שוואַרצע קוילן
פֿאַלן אינעם גלוט אַריין,
קנאַקן, שפּריצן,
פֿונעם פֿלאַם געבריט,
פֿונעם פֿלאַם פֿאַרגליט.
ווערן גלוטיקער די פֿייער־פּעדעם,
בלוטיקער די אויגן.
דורכגעברענט האָט שוין דאָס האַרץ פֿון שוואַרצן קויל.
פֿליען פֿונקען אויף און אָפּ,
רונד אַרום דעם פֿייער־קאָפּ.
פֿונקען — פֿייער־אויגן,
רויטע צינגלעך,
שפּילט מיט רויטע צינגלעך זיך דער פֿייערדיקער מויל,
שלינגט און שלינגט אין זיך דעם דורכגעברענטן קויל.

ברוינע, רויטלעך־ברוינע, זון־פֿאַרברענטע, זיינען דיינע האָר
מיינע — קויל,
גליען מיט דעם שאַרפֿן, שטאָלן־שאַרפֿן גלי פֿון קויל.

פנימדיקע מיינע

פנימדיקע מיינע,
זעענדיקע אויגן-ליכטיקייט.
גליענדיקער שמייכל אַרום מויל,
הייסער אָטעם,
קלאַנג פון שטים —
צלם אלהים!
פנימדיקע,
פנים,
לויטער פנים, —
נאָר פנים.

(שיינט דאָס פנים פון דער זון, פנים פון פרימאָרגן-וועלט;
פנים פון ערד און אַלץ אויף דער ערד אַזוי זוניק באַהעלט).

און מיטאַמאָל —
פאַרשוואונדן, בליץ-פאַרשניטן:
אוים פנים,
הינטערן פנים — קאַרק!
פליישיק, האָריק — שטום און טויב,
בלינדקייט, וועלקייט, געלקייט.

(בלינד און וועלק איז אין מערב-זייט. חושכניש,
פוילקייט, גרווילקייט אין טיף פון דער ערד).

פנימדיקע מיינע —
פירט מיין וועג אויפן פנים פון דער ערד,
גענען איך צו מזרח-זייט —
צום אויפגאַנג פון דער זון,
צום אויפגאַנג פון דיין פנים!
פנים —
מזרח, מערב, דרום, צפון —
אַלע עקן, אַלע ברעגן זיינען זיך צונויפגעלאָפן.

פנימדיקע מיינע,
זעענדיקע, לאכנדיקע, אטעמדיקעס וועזן,
איך האָב דיך דאָך אין אַלע עולמות געגישטערט!

(אזוי אין אַלטע ספרים מעשהלעך געלעזן
און האָב אזוי אַ גלויביקער צו דיר געפּליסטערט...)

האַרבסטיקע שיין

איך ווייס:
ביידע גייען מיר איצט אויף באַזונדערע וועגן.
אויף דיין וועג ווי אויף מיין
אין דער גאָלדיקער שיין,
פאַלן בלעטער אַראָפּ
אויף דיין גאָלד ברוינעם קאָפּ;
פאַלן בלעטער געדיכט,
בלעטער ברוין ווי דאָס ליכט
פון די האַרבסטיקע טעג,
פאַלן בלעטער ווי טעג
אויף דיין וועג.

אויף באַזונדערע וועגן.
נאָר איך הער — ס'קומט אהער
דאָס געוויין,
פונעם האַרבסטיקן בלאַט אין פאַרגיין,
האָסט אין האַרבסטיקן שניט
דיינע טריט ניט געהיט,
ווייגען בלעטער ווי טעג,
ווי די גאָלדיקע טעג,
אין דער האַרבסטיקער שיין
אויף דיין וועג ווי אויף מיין.

גלאַט אַזוי

(ליריִשע הומאָרעסקע)

מאַן און ווייב. ביינאַכט. ס'איז שפּעט;
שלאָפן ביידע בעט ביי בעט;
שלאָפט אין שטוב אַ יעדע זאַך,
נאָר דער וואַנט-זייגער איז וואַך;
רעדט און רעדט — און ניט קיין וואָרט,
גייט און גייט — און ניט פון אָרט.

פּלוצלונג גיט דער מאַן אַ כראָפּ,
גיט דאָס ווייב אַ הייב איר קאָפּ,
קוקט צו אים מיט שטילן לאַך,
און זי גיט אַזוי אַ מאַך:

— יאָסל, דו שלאָפסט?

גיט ער זיך אַ ריס, אַ כאַפּ,
און די יאַרמלקע אַ טאַפּ:
— וואָס מיר שלאָפן, ווען מיר שלאָפן,
אַז איך האַלט די אויגן אָפן,
וואָס-זשע ווילסטו, שרה-זיסל?

— איך וויל שמועסן אַ ביסל.

— טאָ שמועס, אדרבה.

מאַכט דאָס ווייב: עס איז מיר קשה:
קען אַ פליג אויך זיין אַ יתום?
עפנט יאָסל ס'לינקע אויג,
גיט דעם קאָפּ צו איר אַ בייג:
— נאַ דיר גאָר ביינאַכט אַ גריסל!
וואָס מיר יתום, שרה-זיסל?
וואָס-זשע רעדסטו? פליג איז פליג,
ניט קיין מאַמע, ניט קיין וויג,

ס'האָט אַ פֿליג ניט קיין משפּחה, —
טפֿו, זאָל אַלץ נאָר זיין צו ברכה!..

גיט דאָס ווייב אַ שטילן אוי,
און זי זאָגט צו אים אַזוי:
— אויב ניט יתום, ווי איך מיין,
טאָ וואָס שטייט זי איין־אַליין,
שטייט פֿאַרלאָזן און פֿאַרשעמט,
ווי פֿאַרטריבן אין דער פֿרעמד;
ניט קיין פֿלי און ניט קיין ריר,
שטייט זי אויף דער וואַנט ביים טיר,
שטייט אַליין, און קליין, און שוואַרץ,
אַזש פֿאַריתומט ווערט מיין האַרץ.
זאָג, וואָס שווייגט אַזוי די פֿליג?

ענטפֿערט יאָסל:
— גלאַט אַזוי,
גלאַט אַזוי.

גייט אַ שעה נאָך שעה פֿאַרביי,
קלאַפּט דער זייגער זייגער־דריי;
שווייגט דאָס ווייב און קוקט צום מאַן,
שיידט פֿונאַנדער זיי איין שפּאַן.
הערט זי, אַז איר האַרץ צום טאַקט,
ווי דער זייגער טיק־און־טאַקט...
דרייט זיך אום פֿון לינקס צו רעכטס,
און זי גיט אַזוי אַ קרעכץ:
— יאָסל, דו שלאָפֿסט?

גיט דער מאַן זיך פֿויל אַ צי,
ווי אַן אורח פֿון ניט־הי:
— וואָס מיר שלאָפֿן, ווען מיר שלאָפֿן,
אַז איך האַלט די אויגן אָפֿן.
וואָס־זשע ווילסטו, שרה־זיסל?

— איך וויל שמועסן אַ ביסל.

— טאָ, שמועס, אדרבה.

מאַכט דאָס ווייב: — איך הער אַ גריל,
וויינט ווען אַלע זיינען שטיל.
זאָג נאָר, יאָסל, איך וויל וויסן —
איז די גריל פאַרשפאַרט אין תפיסה?
איז אויף אייביק איר באַשערט
זיין באַגראָבן טיף אין דר׳ערד?

גיט דער מאַן אַ צי די נאָז,
גיט אַ גענעץ און אַ בלאָז:
— אַ-אַ-הו!.. ס׳געהערט אַ ביסל?
רייד אַזוי ניט, שרה-זיסל!
גריל איז גריל, זי פייפט דאָך נאָר,
גרילט אַזוי שוין טויזנט יאָר...

מאַכט דאָס ווייב צו אים אַזוי:
וואָס העלפט מוסר, אַז גענוי,
הער איך, ווי אין דר׳ערד פאַרמאַכט,
רופט די גריל אַ גאַנצע נאַכט,
ווי זי וואָלט, פון אַלץ פאַרשטעלט,
בעטן רחמים ביי דער וועלט.
אויב ניט תפיסה, זאָג, וואָס וויל,
און וואָס וויינט אַזוי די גריל?

ענטפערט יאָסל:
— גלאַט אַזוי,
גלאַט אַזוי.

מאַן און ווייב — געליבט-געלעבט,
האָט די נאַכט שוין דורכגעשוועבט.
האָט געקרייט שוין לאַנג דער האָן,
קוקורו — דער טאָג קומט אָן!
און די שויב, ווי אַ געזיכט,
גיט אַ גלי מיט ערשטן ליכט.

הייבט זיך אויף פון בעט דאָס ווייב,
גיט אַ קוק אויף אייגן לייב,
גיט אַ קוק אויף אירע הענט:
יאָ, זי האָט די הענט דערקענט...

גיט זי דורך די האָר אַ זיפּ,
מיט גרימאַסע אויף איר ליפּ:
— יאָסל, דו שלאָפסט?

גיט דער מאַן זיך שנעל אַ זעץ,
זעט ער אויס איצט, ווי אַ געץ,
פינגער פון די הענט צעשפּרייט,
און דעם האַלדז אַרויפגעדרייט,
און ער זאָגט:
— וואָס מיר שלאָפן, ווען מיר שלאָפן,
כ׳האַלט שוין לאַנג די אויגן אָפן!
וואָס זשע ווילסטו, שרה־זיסל?

— איך וויל שמועסן אַ ביסל.
— ווידער שמועסן, אדרבה.

רעדט דאָס ווייב פון דיזן־דאָזן,
און זי מאַכט צום סוף אַזוי:
זאָג נאָר —
קען אַ פויגל זיין אַ חזן?
אַז ווי נאָר דער טאָג ווערט וואַך,
שטעלט ער זיך אויף שפּיץ פון דאַך,
הייבט אָן זינגען, הייבט אָן וויגן,
מיט אַ בעטן, מיט אַ ניגון,
מיט אַ תפילה, ציף און ציף,
אַזש עס צופּט אין הערצן טיף.

דאָ ווערט יאָסל גוט דערשראָקן,
הייבט אָן פּאַטשן מיט די זאָקן:
— ס׳פלאַמט פון בושה מיר דאָס פּנים,
אויסגיין זאָל עס צו די שונאים!
האָסט אַזוינס געהערט אַ ביסל?
שרה־זיסל, שרה־זיסל,
זיי, חלילה, ניט קיין בלאָזן,
ווי קומט פויגל צו אַ חזן?

מאַכט דאָס ווייב מיט שטילן קול:
— הער זיך אָבער צו אַמאָל,
קראַץ זיך אויס דיין לינקע פּאה,

ניין, איך בין ניט חסר־דעה.
יאָ, אַ פויגל — כ׳ווייס פון לאַנג,
הער נאָר אָבער זיין געזאַנג,
הער נאָר, ווי ער איז מתפלל,
ווי ער וואָלט איצט זאָגן הלל.

ווערט שוין יאָסל שטיל און בלאַס,
נעמט ער איין אין זיך זיין כעס,
און ער פינטלט מיט אַן אויגל:
— זאָגסט אַ פויגל, זאָל זיין פויגל,
וואָס זיך קריגן? אַי, דער ניגון —
גלאַט אַזוי,
גלאַט אַזוי.

אָט, אַ שטוב, ווי אַלע שטיבער;
ס׳איז די נאַכט שוין לאַנג פאַריבער;
טאָג איז טאָג — אַז טאָג איז ליכטיק,
און אַז ווייב איז ריין און ציכטיק.
ניט קיין גריל און ניט קיין פליג,
ניט קיין קריג און ניט קיין זיג.
יאָסל דאַוונט — האָר פון אַלע וועלטן!
מה טובו אהליך —
ווי גוט איז אין דיינע געצעלטן!
און דאָס ווייב אין שטוב גייט אום,
מורמלט תחינהדיק און פרום.

פלוצלונג גיט דער מאַן אַ קוק,
און זיין טלית גיט אַ צוק:
— שרה־זיסל, ס׳טוט דיר ווי?
וואָס זשע זיפצסטו אוי און אוי?
מאַכט דאָס ווייב:
— גלאַט אַזוי,
גלאַט אַזוי.

6

פּאָעטן, מיינע ברידער

א. געזאַנג פון די היינטיקע טעג

ב. פּאָעטן, מיינע ברידער

ג. אַ ליד צו אַ כינעזערין אויף בראָדוויי

פינצטערניש, אין שפּרינגיקע געלאָפן —
אויפברויז פון המון ביים צוים פון לעצטן אָרט.
אין טעג פון אויסגעשריי, אין טראַגיק פון באַשאַפן
קום דו, פּאָעט, אין ערשטיקייט, אין ליכטיקייט פון וואָרט.

אין מיטן טאָג

דער טאָג ליגט הויך און פול אין רחבותדיקן ליכט,
אין פולער בלענדיקייט די זון שטייט אין זעניט.
איצט דאַרף איך ריידן קלאָר, מיט אָפענעם געזיכט,
מיט אָפּגעדעקטע רייד פון פשוטן געמיט.

א בוים איז בוים — מיט וואוקס פאַרוואָרצלט אין דער ערד,
און וועג ליגט אָפן מיט אַן אָנהויב און א סוף;
קום, וואָרט, באַנעם, דערזע, ווי שיין אויף שאַרף פון שווערד,
דער אמת שפּראָצט, באַהעפטערהייט, ווי אלף — תו.

געוועזן א שעה, באַגין — געבורט פון ערשטן שטראַל,
און איך, א קינד, אויף באַרגשפּיץ האָב געזען מיראַזש:
דאָס לעבן, ווי אין טאָל, אין שלייערן־וואואַל,
און שוואַנען כישופדיק אין שווימיקן אימאַזש.

דורך נעפּל — דוכטעניש, געשפּענסטיקער קאַיאַר:
א ריז, א פרויען־לייב, א פאַרבעדיקער רויך, — —
איצט רינגלט מיך דער טאָג מיט אָפנקייט פון וואָר,
און וואָר פון אָפנקייט — די נאָענטקייט פון הויך.

און זע, אַנטפּלעקט, צעשפּרייט, ווי וואונדערלעך די פלאַך,
פון אָפּגרונט רייסט זיך אַלץ, פון פינצטערניש זיך ציט;
זע, האַנט — א וואַנט, וואָס רייסט זיך העכער נאָך פון דאַך,
געיעג פון שטיינער איבער קעפּ. געיעג פון טריט.

און קלאַנג, און רויש, און מענטש, און קאַמף פאַר ביסן ברויט,
געוויין פון ווינט, געוויין פון ברואים טיף אין קויט;
און קוואַליקייט פון פעלז, פון וואָרצל און פון שטאָם,
און כוואַליעקייט, געלאַף, פון רוישנדיקן ים.

און דו, מיין ליכטיקע, באַשייד פון הוילן טרוים,
געראַטעוועט פון נאַכט, פון קנאה און פון האַס,
ווי ס'רעטעט זיך אין שטאָט אַלייע הינטער צוים,
אַ שטיקל וואַלד פאַרכאַפּט פון טומלדיקער גאַס.

אַ הינטן — דאָרף, פאַרוים — שפּאַנט גבורהדיקע שטאָט!
די נאָענטקייט פון מענטש, די הימלעכקייט פון זיין;
דער טאָג איז גרוים און רייף, און ליכט פאַר יעדן טראָט,
און לייטערונג דורך פרייד, און לייטערונג דורך פּיין.

קום, וואָרט, קום, איינפאַכקייט, געראַטעוועט פון וואָן!
ס'איז דאָ אַ שעה, וואָס גייט און נויגט זיך אויף צוריק;
און ווידער קומט זי אָן די כישופדיקע שוואַן,
וואָס שווימט שוין אונטער טאָג, ווי שיף שווימט אונטער בריק.

און ווידער קלאַפּט אומהיימלעכקייט, ווי טאַק און טיק,
ווי רעגן גאָר אַמאָל אין דאַך פון זיידנס הויז;
און ס'גראַבלט זיך דער סוף, און נעפּלדיק דער בליק,
און טונקלקייט פון האַרץ — באַהעלטעניש פון מויז.

אין שאָטן-בויג פון טאָג פאַרנעפּלט זיך דאָס לאַנד,
ווערט איינגעשרומפּן ערד צו שטעג, צו איילן פיר, —
נאָר וויפיל ביינער-טריט עס טראַמפּלען דאָס ביים ראַנד,
און וויפיל פינגער-הענט עס קלאַפּן דאָס אין טיר!

נאָר איצט איז פול דער טאָג — די פולקייט פון באַשייד,
נאָר איצט איז מיטן-טאָג, די זון שטייט אין זעניט;
איצט איז די צייט פון וואָרט, פאַר אָפּגעדעקטע רייד,
פאַר אָפענעם געדאַנק פון פּשוטן געמיט.

צום פּאָעט

לזכרון — משה לייב האַלפּערן

פּאָעט —
אין דיינע אויגן שימערט אונטערטעניקייט,
הכנעה, צאַם, —
ווי אונטערטעניק ס׳איז צום ברעג דער ים,
כאָטש ס׳איז זיין אומרו ניט געשטילט;
ווי אונטערטעניק ס׳איז די זי,
וואָס טראָגט, געבערט,
און גאָטס פּאַרזאָג דערפילט;
ווי ערד — וואָס גרייטנדיק אַ לוין פאַר יעדער מי,
ליגט נאָכגיביק — אי טונקל, אי צעהעלט —
און נערט, און יערט דאָס לעבן אויף דער וועלט.

אַרבער דיר דער ווייטער רוים,
דער שטילער, שטערנדיקער הכנעה-שיין.
דער טאָג פאַרגייט, דער טאָג איז מיד,
נאָר ס׳קומט די נאַכט מיט ליד,
מיט טריט געהיטע, שטילע,
און ברענגט געדולדיקייט, מחילה —
צו שרייענדיקע רייד,
צו סמ׳יקייט, צו לייד.

נאָר אַז פאַרצוקונג קריכט אַרוים מיט גלימצערנדיקע ציין,
און ס׳הייבט די רשעות אָן פאַרשפּרייט צו גיין,
ווי פּיסלעך פון אַ ראַק —
און אַז רציחה גיט אַ בליץ אויף שאַרף פון האַק,
דאַן ווערט דיין וואָרט — אַ פּייל,
דיין בליק — אַ שפּיז!
ווי שמשון רייסטו קייט און זייל,
נקמהדיקער ריז!
און ווי ישעיה הייבסטו אויף דיין קול
אַריבער בבלס בלוט-באַפלעקטער פאָן;

וועקסט ביינער טרוקענע אין טאָל,
און מאָנסט, און רופסט, זאָגסט־אָן, —
ביז אויף רשעים פאַלט די שטראָף,
און ס׳קומט דער הייליקער און צוגעזאָגטער סוף!

אַ ליד צו סערגעי יעסענין

האָסט זיך געשאָלטן, און זיך גערופן: כוליגאַן!
געשפּיגן אויף לבנה און אויף זיך אַליין,
האָסט בענקשאַפט אומגעטראָגן, ווי אַ הונט אַ ביין,
און ליד האָסטו געצערטלט, ווי אַ פרוי פון גאַס.
איך וויים אויף מיר, דעם ייד, האָסטו געטראָגן בלינדן האַס,
האָסט ווילד פון לעבן זיך געריסן, ווי אַ פערד פון שפּאַן, —
נאָר אין דיין ניגון האָסטו איינגעוועבט אַ פאָדעם רויט,
וואָס ציטערט, און פאַרבינדט דאָס לעבן מיטן טויט.

ס׳איז מאָסקווע ווייט פון מיר, און ווייט דיין זיידנס פלויט,
און פרעמד דיין צלם, אויסגעקרימט אין שטורעמדיקן רים;
איך הער ניט דאָס געלאַף פון דאָרפישן טאָבון, —
נאָר נאָענט איז מיר דיין מאַמעלע, פאַרלאָרענע אין שניי,
פאַרטוליעטע אין אַלט־פאַרלאַטעטן שושון.
אין טעג צעשפּאָלטענע, ווי דו, צעריסענע אויף צוויי,
דערזע איך דיך מיט כוס אין האַנט, און לעצטן גוואַלד,
דערהער איך דאָס געוויין פון גוף, וואָס פאַלט.

ניו־יאָרק איז האַרב, קומט בויערי — מיט הימלאָזער געשטאַלט.
פאַרביי יאָגט מענטשן־שטראָם — אַ רוישנדיקער פלוס;
אין בליאַסק פון הויטן אַלערליי — מיין אייגנקייט צערינט,
אין רויש פון פעלקערגאַנג — איך בלאָנדזשע אום און זוך.
נאָר ווי איך עפן אויף דיין בוך, צו דיר, פּאָעט, מיין גרוס,
גיט בענקשאַפט שטעכיק מיר אַ ברי, ווי קראָפּעווע צעגרינט,
באַווייזט זיך בריק, קומט מאַמעס בליק, און מאָדנע, איך, דער ייד,
צעוויין זיך מיט דיין וויטן, פויערישן ליד.

*) באַרימטער רוסישער פּאָעט אין ערשטן פערטל פון 20טן יאָרהונדערט. איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע.

פּאָעטן, מיינע ברידער

אומרואיקע טעג,
וואָלקנס לויפֿן,
ס׳פֿליען פֿאָנען,
שטורעם!
שטורעם דורך די הויפֿן:
— הערשער, טראָנען,
— אַראָפּזעצן, פֿאַרטרייבן!!

וואָס וועט העלפֿן, ערד און הימל,
אַז צווישן טליענדיקע רואינען,
מיט וויינענדיקע צימבלען,
די הויף־פּאָעטן בלייבן.

רויע גרונטן,
צערודערטע ראַסן,
אויפֿגעעפֿנט אַלע שפּונטן,
געדראַנג פֿון אַלע עקן,
געפֿלעכט,
געפֿעכט,
בלוט אויף פֿלעקן,
בלוט אויף פֿאַסן, —

וואָס וועט העלפֿן, ערד און הימל,
אַז אויף מאַסקעדיקע טאַצן,
הינטער רוישיקן געווימל,
שפּילן אַלץ נאָך די פּאַיאַצן.

לעצטע האַלעוועשקע,
קאַלטער, קאַלטער, —
לעצטער שפּור פֿון מיטלאַלטער,
לעצטער שילד און לעצטער טראָלד.
ווער צעבלאָזט דעם לעצטן פֿונק?

בוקט זיך דאָן-קיכאָטער יאָלד
מיט אַ פרומען, פּאַלשן וואונק,
מיט געוויינען אַלט-באַקאַנטע, —
אייניקל פון קאַטוילישן דאַנטע.

— אוי ווי, די הייליקע אימפּעריע ווערט פאַרשוואונדן!
— קום, דערלייזער, מיט די וואונדן!
— קומט מיט באַלזאַם, גוטע קונדן!

פּאַסטאַראַלע וויגעלע,
לעמעלע און ציגעלע,
אוצרדיקער קרעזוס,
צלמדיקער יעזוס.

שפּרונג דורך דורות,
שפּרונג דורך מוראָס, —
בייט זיך ווידער דער ספּעקטאַקל,
צינדט זיך נייער פאַקל.
— רעוואָלוציע!
נייער גאַנג,
בלוט — און ריס,
קומט נייער — „בים!"

קומט אָן אין מאַרש
הויף-פּאָעט רויט, ווי אַ קאַרש.
(דער קעניג איז געקעפּט,
נאָר ער, הויף-פּאָעט, לעבט!)
איינס-צוויי, איינס-צוויי,
אין דער ריי, און אויס דער ריי,
מיט דער פאָן אַ פאַל, אַ שטרעק, —
אָט — פאָרויס, און אָט — ביים עק;
האָט געטאַנצט פאַר מלך כורש,
און געקניט פאַר אחשורוש,
האָט געקושט די מלכה אסתר —
ווער ס'איז הערשער — איז דער בעסטער,
פורים-שפּילערישע מיץ,

מיטן פידעלע אַ ריץ,
מיטן סמיטשיקל אַ שטופּ,
מיטן פּיסעלע אַ טופּ:

— קום איך אַריין צושפּרינגען אויף אַ פּיסעלע לויז
נעמט צו מיין שפּיל — און וואַרפט מיך אַרויס!

אין מיטן־טאָג,
אין מיטן־נאַכט,
די פּויק האָט געקראַכט,
דער טראָמפּייט האָט געשאַלט,
געשריי ווי פון פינסטערן טרוים,
גערויש ווי פון פינסטערן וואַלד.

יאָגט אַ טראָט נאָך אַ טראָט,
ס׳איז ניט וואַלד, נאָר ס׳איז שטאָט,
ס׳איז ניט טרוים,
ס׳איז בערלין, און ס׳איז ווין און ס׳איז רוים,

קומט אַן רום,
קומט אַן העלד, קומט אַן טרום,
קומט אויך קנעכט — בלוט־פאַרשוועכט . . .
קומט דאָס „גאָלדענע לאַנד״,
הענגט אַ וואַקסענע האַנט,
מיט מטבע וואָס פאַלט,
און אַ סאַרווער וואָס שאַלט:
— אום צי גראַד? —
וועט זיין אום!
— גראַד, צי אום?
וועט זיין קרום! —

איבער ים, איבער צוים—
יאָגט אַ טראָט נאָך אַ טראָט,
שפּרייט זיך נעץ פון פאַרשפּיציקטן דראָט,
ווערט אַלץ ווייטער די ערד פונעם רוים . . .
קומט געשפּענסט,

קומט סאָלדאַט:
— וויוואַט!
— וויוואַט און סאַלוט!
קומט אַ שווערד, און ס'קומט שפּיז,
באַווייזט זיך גזלנישער ריז,
און האַנט אַ צעגליטע, צעשרפהטע רוט,
איין אויג נאַר אין קאָפּ,
פאַרלאָפן מיט בלוט.
און איידער נאָך ווען, און איידער נאָך וואָס,
דער הויף־פּאָעט הויבט שוין אַ כוס:

— האַר וועט זיך אַנטפּלעקן!
— **דאָס ביסטו מיין האַר!**
— העלד וועט קומען וועקן!
— **דאָס ביסטו מיין העלד!**
— וועלט פון אַלע עקן!
— **דאָס ביסטו מיין וועלט!**

און בלוטיקע טאַט, אויף פאַרקנעכטן אָרט,
ווערט טויזנטפאַך פאַרקנעכט דורך דעם פאַרשוועכטן וואָרט.

אָ, פּאָעטן־זינגער, מיינע ברידער,
אָ, צער פון נידעריקסטן נידער!
ווי טוט מיר ווי פאַר אייך, פאַר אייער קלאַן,
פאַר אייער מזל, אייער סם, —
פון דעם ווייטסטן שטאָם ביז היינט,
ווי מען האָט אייך טיף געפּיינט,
ווי מען האָט דורך נויט און קויט,
אייך געשלעפּט צום זומפּ פון טויט,
ווי מען האָט געשריי פון זיין,
איינגעצוימט אין הויט פון פּיין,
און דעם אימפּעטיקן רוף
איינגעקלעמט אין פוילן גוף,
אָנגעטאָן סקעלעטן־צוואַנג,
אויף די פליגל פון געזאַנג;

ווי מען האָט אייך בייז און שווער,
אויסגעפּוצט אין פעל פון בער,
און אין מאַסקע פון פּאַיאַץ,
מיט אַ קלימפּערדיקער טאַץ,
פאַלשער ציר און פאַלשע קרוין,
צוגעוואָרפן צום המון, —
אייער גורל, אייער לוין!

פעלקער, זיבעציק לשונות,
ברענג דעם ספר הזכרונות.

...און דער מלך קען ניט שלאָפן,
דער טויער איז פאַרמאַכט,
נאָר די ברעמען זיינען אָפן...
די ברעמען — שטעכעדיקע דראָטן,
ציינער קלאַפּן — קלאַפּן איז פאַרבאָטן!
שפּעט-געשפּענסטערדיקע נאַכט.
איז דעם מלך
גאָר ניט פריילעך.

— גאָלד אין די שאַצן,
ווייבער אין פּאַלאַצן!..
שאַרן זיך די ראַצן,
שאַרן זיך יעוונוכן,
זוכן, זוכן, —
ווער עס זוכט — דער האָט געטראָפן...
קען דער מלך אַלץ ניט שלאָפן.

קומט געשפּענסט צו אים מיט קניקס:
— נאַ, דיר, קעניג, אָפּ דיין ביקס,
ס'גאַנצע לאַנד איז שוין פאַרלענדט!
און אַ שלאַנג — אַזוי געבלענדט,
קריכט פון נאַכט מיט רויטער צונג;
און אָט זעט ער:
שפּרונג אויף שפּרונג,
יאָגט אַ בער מיט קרוין אויף קאָפּ,
און אַ שאָטנדיקע האַנט —

שרייבט מיט פייער אויף אַ וואַנט.
פאַלט די האַנט אויף אים אַראָפּ.
ווערט דער חושך דיקער־דיק,
שטיקט אין האַלדז אים — שטיק און שטיק...

אַ, הויף־פּאָעט, מיט עפּאָלעט,
מיט ניגעלע — מיט ציגעלע,
מיט מעשהלע, מיט פלעקעלע,
מיט כישופדיקן שטעקעלע, —
עס דאַרף דער מלך איצט דיין שפּיל,
שטיל איין אין קאָפּ ביי אים די שוואַרצע גריל!

— מיט די גלעקעלעך
האָפּ, האָפּ,
ביז דער מלך —
כראָפּ נאָך כראָפּ.

פעלקער, זיבעציק לשונות,
ברענג דעם ספר הזכרונות.

. . . גייט דער פריסט אויף מאַרמאָר טרעפּ,
קומט מאָנאַך אין שוואַרצן קרעפּ.
שוואַרצע ליכט,
שוואַרצער שד, —
זילבער צלם,
רויטע האַק,
גליט אַ טרער —
אויף „מוטערס" באַק;
בלוט פאַרגליווערט,
טשוועקעס פיר, —
שוואַרצער, שווערער —
מאָנאַסטיר.

אַ, הויף־פּאָעט!
זינג אַ ליד און זינג אַ הימן,
גאָט אַלמעכטיקן צו רימן!

שפּרייט ווי ווייַרויך אַ געֿרוך,
וואַרף אַ צירקלדיקן שפּרוך,
אין געזאַלצנקייט פֿון טרער,
אין צעשרפּהטן באַגער,
טונק דיין צונג, און זינג צום האַר,
עס דאַרף איצט גאָט דיין טיפֿן צער!

פעלקער, זיבעציק לשונות,
ברענג דעם ספר הזכרונות.

דורות, יאָרן, — לויפֿן, לויפֿן, —
דורכגעקראָכן אַלע הויפֿן,
טרובאַדורן, —
אויסגעוועזן ביי אַלע הורן,
מינעזינגער און זשאָנגלער,
נאָכגעטראָגן דאָס געווער,
נאָכגעקראָכן יעדן ראַנג,
און געקניט ביז צו דער ערד,
און געבוקט זיך מיט געזאַנג,
אָפּצולעקן בלוט פֿון שווערד;
קעפּ אויף מאַסקעדיקע טאַצן,
און געצימבלט ביז צום פּלאַצן.
אָפּגעהאַקט זיך הענט און פֿיס,
און מיט חניפֿהדיקן „בים",
נאָכגעלאָפֿן, נאָכגעגעבן, — —
און פֿאַרכלינעט לייב און לעבן.

אָ, פּאָעטן, מיינע ברידער,
צער פֿון נידעריקסטן נידער, —
ווי טוט מיר וויי פֿאַר אייך,
פֿון דעם וויטסטן לאַנד,
הוילער שטיין ביים גאַנגעס-טייך,
ביז דעם איצטערדיקן טאָג,
ציט זיך אייער שאַנד,
הערט זיך אייער קלאָג!
ווי עס רייסט זיך קוואַל פֿון טיף,

ליד פון שטומען הערָאָגליף,
ווי דורך דזשאָנגל-ציש פון שלאַנג,
הונגער-בריל, אוראַנג-אוטאַנג, —
אויפגעגאַנגען איז געזאַנג!
ווי פון סווישטש פון פייער-קנוט,
אויפגעהעלט האָט קלאַנג פון בלוט,
און דורך שפליטער פונם גוף,
אויפגעזונגען האָט אַ רוף,
איבער קויט, און איבער ברויט,
און פאַרצוקנדיקן טויט, —
איבער קנעכטישן געבעט, —
זינגער,
מיטגייער, —
פּאָעט! —

אומרואיקע טעג, היינט, נעכטן, און אייערנעכטן.
אויפברויז, וואַקלעניש, המונישער געמיש.
המון שלעפּט מיט גערעכטן און אומגערעכטן,
אין שעה פון טאָגן, פּלוצלונג בליץ פון וויטער פינצטערניש!

ציטערן פון ערד, חורבן, קאַמף פון עלעמענטן,
אויפלויכט, ראַנגלעניש, געבורט פון ערשטער וואָר, —
און ווי אַמאָל, אין תוהו דעם צעברענטן,
לעבט דורך דעם אורשפּרונג ווידער אונדזער אויסגעפּרואוווטער דור.

פינצטערניש, אין שפּרינגיקע געלאַפּן,
אויפברוך פון המון ביים צוים פון לעצטן אָרט.
אין טעג פון אויסגעשריי, אין טראַגיק פון באַשאַפן,
קום דו, פּאָעט, אין ערשטיקייט, אין ליכטיקייט פון וואָרט!

אויפשטאַנד, מאַנונג! רייניקונג פון אַלע הויטן!
הייטערונג פון קלאַנג און זון אין יעדן אות.
קום דו, פּאָעט, אין גאַנג דורך אַלע טויטן
מיט ליד געלייטערטן, מיט ליד באַפרייטן, —
אַרויסצוקריכן פון כאַאָס!

דינע שורות

דינע שורות, דינע פּעדים, דינע פינגער, —
שפּיניק אין דיין שפּינוועבס — הוידנדיקער זינגער.

טוי־געזאָלבטער, זילבן־שפּליטער, זילבערדיקער דרימל,
אָפּגעריסן הענגסטו צווישן ערד און הימל.

אויסגעשפּרייט זיך אין אַן עיגול, — צירקלדיקער טויער, —
אפשר וועלן זיי, נאַראָנים, קומען צו דיין לויער.

קליינע ברואים, גרויסער הונגער, פלי־געווימל,
איינגעשטילט דער לעצטער זשום שוין — ווידער דרימל.

ליגסטו, וויגסטו זיך אַלייןיק (פרומע מינע!)
פרומקייט טונקלט זיך אין צוקנדיקער שנאה.

אַז אַ שטורעם וועט אַ יאָג טאָן (ס'העלפן ניט קיין לידער!)
און אַ פאַל טאָן וועסטו צו דער שוואַרצער נידער.

וועסטו לויפן, — זאַמד און שטיינער — מזל אומגעריכטער!
שפּינוועבסדיקער, הוידנדיקער דיכטער.

אונטערגאַנג

אונטערגאַנג איז טראַגיש, אָפּטער נאָך, איז מיאוס —
דראַפּען זיך צו שפּיצן פון תליות,
ליגן אויף דער ערד מיט צוגעמאַכטע וויעס,
און זאָגן נביאות.

בראַווע יונגען פון פריידיקן לאַנד,
שפּרונג איבער טרויער, ווי איבער אַ וואַנט, —
רונד אַרום אונדז מיט פרייד אין דער האַנט,
שמייסט אונדז מיט אייזערנע ריטער,
וואָוטיקער, בלוטיקער, —
צעעפּנט אונדזערע פאַרוואונדיקטע געמיטער.

אַז אומגליק קומט — איז, ווערט דאָס בלוט געצונדן!
נאָר באַלד קומט איינער שוין און גרויסט זיך מיט די וואונדן;
אַ צווייטער יאָכמערט: יידן, האָט רחמנות, מיין לייב איז צעשונדן!
אַ דריטער קלאַפּט: — צדקה תציל, — קונדן, קונדן!

אַז טרויער קומט — קומט באַלד אַ מחנה וויכנע־דוואָשעס,
און יעדע גיט פרום ביים שוועל אַ זופּ פון קעלישיקל חלשות,
און מאַנצבילן צעכליפּן זיך אין מיטן פון שבתי־צביאישע דרשות.

מאַרש פון טרויער־פּאַיאַצן,
וואָס טראָגן זייערע אייגענע אָפּגעשניטענע קעפּ אויף זילבערנע טאַצן.

עי, צעווילדעוועטע יאַטן, צעהוליעטע ריטער,
אין לאַנד פון אומגליק איז אונדז אַוודאי ביטער,
אין לאַנד פון יאוש איז פינצטער, וויסט, געוויים!
דאָך קומט, אָט זענען מיר, נעמט און טרעט אונדז מיט די פיס,
שטראָפט אונדז מיט גלאַיקע ריטער,
רייניקט אונדזערע געקרייציקטע געמיטער.

טרוים פון הויכע תליות,
סוד פון צוגעמאַכטע וויעס,
טרייסט פון זיסער־סמיקער נביאות,
אונטערגאַנג איז טראַגיש,
אָפּטער נאָך — איז מיאוס.

1930

מלחמה

אויף פּאַסיפישן ים אין געפּאַנצערטער וויג
וויגט זיך אום דער שליח פון קריג.

ברעג צו ברעג, הין און הער, — אַנקל סעם אין סאַלוט!
שטייט אויף דזשינגאַ — יאַפּאַנישער אַפּגאָט פון בלוט.

און ביים סאַאַר רירט זיך ווידער געשפּענסט אונטער דרערד,
קריכט פון הייל „אומבאַקאַנטער סאָלדאַט״ מיט אַ שווערד.

קומט גערמאַנישער „הון״ — מיט דעם קאָפּ פון אַ געץ,
און פראַנצויז, ווי אַ קראַט, קריכט דורך דראָטענער נעץ.

און מיט פליגלען צעשפּרייט, בייזער אַנזאָג פון טויט,
פליט בריטאַניען אום אין אַ שטאָלענער הויט.

און מיט שד־שוואַרצן העמד, מיט אַ צלם אין האַנט,
פויזעט אום אַ פאַשיסט ביי דעם רוימישן ראַנד.

מאַכן קברים זיך אויף, ווערן גלידער גאָר גאַנץ,
און מיט קנאַכן און ביין אין ציק־צאַקיקן טאַנץ.

אָט געקריגט, אָט געטויט, — אין טראַנשעי און אין שטוב,
טראָגט זיך ווידער געיעג צו גהינימשער גרוב.

טראָגט זיך ווידער געיעג, ציט זיך פלאַמיקע צונג,
קאַכט אין קעסלען זיך סם, פרייכט מעטאַלענער לונג.

און אין לענדער צעשטויבט, דורך פאַרוועריטמטער נויט,
קריכן פויערים אום אויף די וועגן פון טויט.

טראָגן רידלען מיט זיך — ליגן קברים אַ ריי,
טראָגן הערצער מיט זיך — אין פאַרקלעמטן געשריי.

ניט קיין בייט, ניט קיין ברויט — שיינען זונען אומזיסט,
ציען וואָלקנס פון ווייט, — טראָגט זיך „קול פון דער וויסט".

קומט מיט וואָלקנס אַ ריז, שפריצט אים פייער פון קאָפּ,
און ער לאָזט אויף דער ערד זיך אַראָפּ.*)

אַ ליד צום המון

אייערע סענסאַציעס, אייערע עקסטאַזן, —
אָ, היט מיך אָפּ פון זיי!
לויב־געזאַנגען שאַלן, פּלאַצן ווי די גאַזן,
אין פאַרשטיקטער ריי.
מוזט איר איינעם זאַלבן, און אַ צווייטן — קעפּן,
און אַ דריטן, ווייַ מיר, צו דער קבורה שלעפּן.
צדקה תציל, תציל... און מיט קריעה־לאַצן
יאָמערן ביים קבר אייערע פּאַיאַצן.

בייטן זיך די געטער,
צעלויפן זיך די בעטער, —
טערפּיקע גערוכן,
מוזט איר אַלץ פאַרזוכן.
זוכט איר מיט די פינגער,
שרייען שוין די צינגער:
— אויסלייזער — פאַררעטער!
— אויסגעטראַכטע געטער!

אייערע מזבחות, הויכע פּעדעסטאַלן,
אָ, היט מיך אָפּ פון זיי!
בויט איר טראָן, וואָס העכער — שווער זאָל זיין דאָס פאַלן,
המונישער געשריי!
שטעכט איר זיך די לייבער, קניט איר פאַר אַ דאָרן,
מוזט איר איינעם קרוינען — לייגט איר זיך אין אָרון,
בייט איר זיך מיט מאַסקעס, זייפנבלאָזן פּלאַצן, —
ווערט איר אַלע שוין פאַרוואַנדלט אין פּאַיאַצן.

*) געשריבן אין יאָר 1938 ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה.

קאַטשקע־קאַטשקע דריילעך,
האָט איר שוין אַ מלך,
קומט אַ נביא פרעפּלען —
ליגט איר שוין אין נעפּלען.
בלענדעניש און פירער,
שטופּן זיך מאַרטירער,
קאַטשקע־קאַטשקע דריילעך,
— אוים מיט אייער מלך!

אייערע סענעאַציעס, אייערע עקסטאַזן,
אַ, היט מיך אָפּ פון זיי!
וואָלט איך אייך געשאָלטן, ווייס איך די מיראַזשן
שטילן איין דעם ווײ, —
אַז ווי בלינדע סדומער זוכט איר אייער שונא,
קריכט איר דורך די רויכן, קריך איך אויך — דער איינער!
יאָגן נייע לעשער, קלאַפּן נייע טאַצן —
רעטונגסלאָזע פּליטים, אייביקע פּאַיאַצן.

אַזוי

אַלץ וואָס מיר ווייסן:
— אַזוי איז געווען!
אַזוי איז געווען און וועט ווייטער אויך זיין.
פון איין טאָג אַרוים אין אַ צווייטן אַריין,
אַזוי און אַזוי —
און ניט מער.

מיר זיינען ווי קינדער געקומען אַהער
צו קוקן אין הימל, צו גיין אויף דער ערד.
אומזיסט זיך צו שפּילן אין פּאות און בערד,
פון איין ראָד אַרוים אין אַ צווייטן אַריין —
וואָס קען מען אין עטלעכע יאָר דען דערזען?
אַזוי און אַזוי איז געווען —
זאָל ערגער ניט זיין.

געזאַנג פון די היינטיקע טעג

היינטיקע טעג,
היינטיקער וועג, —
ריטם פון פרייד,
דורך מאַטער און לייד.
אין גאַנג און געזאַנג,
און בלוטיקן צוואַנג, —

לאַנד אין געמיש,
ביים צעבראָכענעם טיש
טאַטע און קינד,
פאַרהונגערט ווי הינט,
און פאָן, וואָס איז רויט,
וואָס רייסט זיך דורך טויט.

היינטיקער וועג,
היינטיקע טעג —
יאָגט זיך המון,
צעבראָכן אַ קרוין,
צעריסן אַ טראָן, —
און — שוין! — — —
קומט אָן,
ניט רויטע פאָן,
נאָר רויטע טוך,
— הוראַ און בים!
דורך גוואַלד און רים,
לויפט מענטש צערייצט,
דורך בייז און פלוך,
לויפט מענטש צום טויט,
צעעפנט הויט —
מיט בלוט פאַרפלייצט!

הײנטיקער ריטם:
רײ אין אַ רײ,
געשרײ אין געשרײ:
— מענטש וויל פרײַהייט!
— גיט אים!
— מענטש וויל לויפן!
— ציט אים!
— ברענגט אים גליק!
— פירט אים איבערן בריק!
— עפנט אים טיר און טויער!
— פאַרטרײַבט אים זיין טרויער!
— קום אַריין, קום אַריין!
— נאַ דער גאָלד און נאַ דיר געלט,
— נעם און קויף אַן אַנדער וועלט!

צעשפּאָלטענער רוים,
צעביסענער טרוים.
הײנטיקער וועג,
הײנטיקע טעג.
באַלעבאָס פון אַ זעקל רייז,
באַלעבאָס פון אַ צענדליק מייז,
אַפן באַרג און אונטערן באַרג, —
מיט דעם זעקעלע צום מאַרק.
אַפן דאַך און אונטערן דאַך,
אַ קאַדריל — טאַ־ראַ־טאַ־ראַך!
הונגער גייט!
שרייט און ליאַרעמט באַלעבאָס,
איינגעגנורעט הינטער שלאָס —
— ווער איז דאָס?
— העלף!
— ראַטעוועט פון וועלף!
מיטן זעקעלע אין האַנט,
קלאַפּט ער זיך דעם קאָפּ אָן וואַנט.
טראָגט זיך דורכן לאַנד געשרײ:
— עלעהיי!

— טשעפּעט ניט מיין רייז!
— טשעפּעט ניט די מייז!

היינטיק געזאַנג,
היינטיקער גראַם.
דורך בלוט און דורך צוואַנג,
דורך ימען פון סם —
אַ מענטש מיט אַ בייטש:
— אַ דייטש!
אַ מענטש זוכט אַ זכות:
— רוס!
אַ מענטש מיט אַ בלויז —
— פראַנצויז!
פלעדערמויז,
נאַכט־עראָפּלאַן, —
אַמעריקע, ענגלאַנד יאַפּאַן.

אומעטום —
בעטנדיקע הענט;
אומעטום—
פאַלנדיקע ווענט.
פאַלט מענטש אין רואין,
זשו־זשו אין די פיסלעך פון שפּין.
— ר־ר־ר־רויט! ברויט!
אומעט איז שווער,
געזאַלצן די טרער,
נאַקעט איז נויט,
און מיאוס איז טויט,
מדבר און שטאָט,
אין שטעכיקן דראָט, —
גייען, גייען —
מחנות צו טראַנשייען.

גייט ריי אין אַ ריי,
געשריי אין געשריי:

— הייליקער טאַטע!
— אַ רוח אין דײַן טאַטן!
— הייליקע מאַמע!
— אַ רוח אין דײַן מאַמען!

אויסברוך, פֿלאַמען,
פּלאַצן פּאַלאַצן,
קומען אָן די פּאַיאַצן,
שפּרינגען און זינגען, —
— גאָלד אין די גריבער,
ווײַן אין די שטיבער,
ווײַבער אין בעט.
קומט מענטש, קומט אויך שד,
קומט העלד, קומט אויך כאַם.
הײַנטיקער ריטם,
הײַנטיקער גראַם.

הײַנטיקע טעג,
צעריסענער וועג,
צעעפֿנט האַרץ,
דערוואַכט אַ מענטש, און יאָגט אַוועק,
— איז אַנטרונען פֿון שוואַרץ,
איז אַנטרונען צו ליכט.
פֿינצטערניש קריכט,
פֿינצטערניש קראַכט,
קומט זון איבער ים —
— איז אַנטרונען פֿון נאַכט.

און איבער פֿאַרפֿײַניקטן שטאַם,
אין לעצטן אין בלוטיקן קאַן,
רײַסט זיך פֿאָן, רײַסט זיך פֿאָן,
— איז אַנטרונען פֿון טויט,
— בלוטיקט פֿאָן וואָס איז רויט!

ווינטער אין שטאָט

שניי און ווינט, און שניי פון מויערדיקע ריזן,
ס'איז די שטאָט פאַרכאַפּט אין שטעכיקן געדריי,
פון די דעכער, פענצטער און קאַרניזן,
בלאַנקט מיט אַלטן שימער פרישער שניי.

שווינדלען, שווינדלען, — דורך געשווינדל אויגן בליצן,
פרויען שמייכלען, מענער מיט פאַרשטייפטע קעפּ;
ניט קיין הייזער, ניט קיין ווענט און ניט קיין שפּיצן,
ווייסער וועג דורך שטאָט ביז צפונדיקער סטעפּ.

ליים און ציגל, — דורך די שטאָטישע געברילן
צינדט זיך אין דער ווייסקייט ווייטע פרייד —
פרייד פון גיין דורך שטורעם, גיין מיט שטאַרקן ווילן,
שפּרינגען, ווי אַ חיה, איבער שטרויכלענדיקער לייד.

קומען אויפן זינען לידער אַלטע — לירישע פּאָעטן —
וואו עס ווימלען שנייאיק גייסטער אין געהיים.
נאָך מער וואַקסט די פרייד פון טריט, וואָס טרעטן, טרעטן,
שניידן דורך אַ וועג צו וואַרעמקייט פון היים.

אַ ליד צו אַ כינעזערין אויף בראָדוויי

כינעזערין, דו כישופמאַכערין פון קליין־פּאַריז,
דו, טענצערין הויל־הויטיקע פון „פּאַראַדיז",
דו, הערשערין פון רוישיקן בראָדוויי!

אין מיטן פון פיל־שטאַמיקן געניי,
האָט פלוצלונג זיך צעצויגן:
רייץ פון אָריענטאַלישן שמינק,
הייסע האָריקייט פון מינק,
דינע ליפּן, קליינע אויגן,
מיט בשמימדיקן סם אין זיי, —
בראָדוויי — דיין קעניגרייך,
בראָדוויי — דיין היים־געלעגער.
צו דיר יאָגן אַלע יעגער,
צו דיר שווימען אַלע שיפן,
צו דיר רייסן זיך די געטאָס,
אויסצוטאָן זיך פון די יאָכן,
שפּרונג אַריבער אַלע טיפן —
— ברוך צו אַלע בראָכן!

ביים טויער פון רויט־לעמפּלדיקן קלונג,
צווישן סלופּעס גלאַנציקע, ווי עלפאַנטביין,
אונטער העגנענדיקן קראָקאָדיל מיט בלויער צונג,
שטייסטו, כינעזערין, —
מיט פאַנגענדיקן וואונק אין דיינע ציין.
אַ פינטל — און ס׳רירט זיך די ריי:
— שווימען פיש מיט גאָלדענע עקן,
שוימט דער ווײַן אין די זילבערנע בעקן,
שווימען ליכטער, און ליכטער, און ליכטער,
און זיי קומען צוריק מיט געזיכטער,
מיט היפּטן, מיט בריסט, און מיט טאַנץ.
גייט און גייט די געצונדענע וואַנט.
אַ געץ שפּרינגט אַרום אויף אַ שפּיזיקער האַנט,
פליט אַ מלאך אַרוים מיט אַ קניקס,

א קאַרליק מאַרשירט מיט אַ ביקס,
לויפט אַ הינטל אַ דורך מיט אַ קראַנץ,
קלאָונען מיט מילך־ווייסן טאַנץ.

און אונטן — געררוך פון די ימען,
איך גיי און איך וויג זיך צוזאַמען
מיט אַלערליי ראַסן.
אַ, ווי גוט איז צו זען די פּנימדיקייט
פון אַלערליי שטאַמען —
דעם בייט פון די אויגן, דעם רויש פון די שפּראַכן.
ווי גוט איז צו שטיין ביים סוף פון די שליאַכן...
אַזוי פיל זונען, אַזוי פיל ווינקלען,
פון אַלערליי לענדער, פון אַלערליי אינזלען,
און עס דאַכט זיך: דו זעסט ווי די כוואַליעס
מיט שוימיקע פּינזלען,
זיי יאָגן און יאָגן, און קומען אַנטקעגן,
און פאַרבן די הויטן, און וואַשן די ברעגן.

אַלע לעבן צוזאַמען —
ברודערשאַפט!
אַלע ליבן צוזאַמען —
ליבשאַפט!
אַלע טרינקען צוזאַמען —
חברשאַפט!
אַלע אָטעמען צוזאַמען —
ביזן לעצטן זופּ,
אַלע גייען, גייען, גייען,
און ביים סוף פון די וועגן — אַ קנופּ;
שטייסטו בינעזערין,
מיט דיין רוף,
מיט דעם ליכטיקן ריח פון גוף,
דו, כישופמאַכערין פון רוישיקן בראָדוויי.

ווער האָט געבראַכט מיך צום האַפן?
איך גיי און איך וויג זיך אין גאַפן:
איז דאָס דו? איז דאָס דו?
ווער האָט צעציטערט מיין האַרץ?

ווער האָט אַ שלום באַשאַפן —
צווישן געל, צווישן ברוין, צווישן שוואַרץ?
ווער האָט פאַרוואָרפן די היים און די מאַמען
אַריבער די תהומות און ימען?
ווער האָט אַלעמען אין נאַקעטקייט צעגלידערט,
אין נאַקעטקייט פאַרברידערט?

בליצט אויף אויף אַ דראָט תמעוואַטע אַ גאָט,
מיט אַ רונדן בודאַ־קאָפּ,
מיט טשעפּע־ניט אין דורכזיכטיקע אויגן,
אין פוילקייט דורכגעווייקט;
פינגער צו פינגער געצויגן,
און פּוס אויף פּוס פאַרלייגט;
און הינטער אים אויף געצונדענעם שטאַנג,
פאַרפירערישע דו,
דו, כישופמאַכערין, הסי וואַנג סו.
גליט און שווימט אַלץ די סופּלאַזע וואַנט,
און טראָגט מיט זיך מיט פון אַ מאַגישן לאַנד,
אַזאַ שלוכצן־געזאַנג, —
דאָס ליד פון טעמפּלדיקן רייך,
דאָס ליד פון „געלן טייך".

אַ קלונג און אַ שפּרונג איבער הייליקן תם,
אַ שפּרונג איבער ווענט! —
עס ברענט, און עס ברענט איבער טורעמס אַ פלאַם;
דער וואָס טאַנצט ווערט ניט קיינמאָל פאַרברענט;
אַ שפּרונג איבער דראָט, צו דעם מיטן פון שטאָט:

— בין געקומען!
אָפּצואוואַשן אַלע שטויבן,
פון שלימזלדיקן גלויבן,
אויסצושעפּן אַלע טיפן,
איינצוזאַפּן, איינצוטריפן,
דינע בלויקייט פון די פלאַמען,
בלויע שאַרפקייט — סמען, סמען...
אָפּצוטאָן דעם יאָך פון יאָכן,
ברוך צו אַלע בראָכן.

כינעזערין פון רוישיקן בראָדוויי, —
דורכגעדרונגען, דורכגעקלונגען
דורך פיל־שטאָטיקן געשריי;
אַלע זיינען שוין פאַרשלונגען,
דרעמל פאַלט אַריבער אויגן, —
פנימלאָזיקייט פון זיין;
פליען פונקען — פייל פון בויגן,
אין דעם שווים פון ווייסן שיין.
איבער אַלע — דו אין טאַנץ!
אַלע זיינען שוין פאַרשלונגען,
דו בלייבסט אייביק, דו ביסט גאַנץ;
אין געמיש פון פאַראַדיז,
זע, די נעגערין מיט קאַם
רייסט דעם אָנבליק פון איר שטאַם,
רייסט די שוואַרצקייט,
האָר — אַלץ גלאַטער,
ווייס און ווייסער,
אויגן — מאַטער.
צניעותדיקע כלה — אַלע!
אַלע רייסן שוואַרצקייט, ברוינקייט,
נאָר דו — —
אָריענטאַלישער גערוך,
געהיימניספולער שפּרוך,
דו בלייבסט איינע אויף דיין לויער.
אַלע טראָגן מאַסקע — דו בלייבסט היימיש,
אין פיל־שטאָטיקן געגיי —
האַרטנעקיקע כינעזערין,
ביים רויט־לעמפּלדיקן טויער,
דינע ליפּן, דינע פיס,
קליינע אויגן,
מיט בשמימדיקן סם אין זיי,
דו, כישופמאַכערין פון רוישיקן בראָדוויי.

7

אַ מעשהלע

א. די מעשה פון דעם דאָרף או-הו

ב. גייט אַ יינגל אַרויס אין פעלד

ג. דער טאָג פון שבת

מיינע קינדער —
חנה
מירל

אַ מעשהלע

אין הימל שווימט אַ וואָלקנדל,
אַ וואָלקנדל אָן רו, —
יע וואָלקנדל, ניט וואָלקנדל,
דאָס איז דאָך בלויז אַ מעשהלע,
אַ ציגעלע אַ ווייסעלע,
דאָס וואָלקנדל ביסטו.

פון הימל פאַלט אַ רעגנדל,
עס מאַכט דער טאָג זיך צו, —
יע רעגנדל, ניט רעגנדל,
דאָס איז דאָך בלויז אַ מעשהלע,
אַ ציגעלע אַ ווייסעלע,
דאָס רעגנדל ביסטו.

עס שלאָפט אין פעלד אַ זאַנגעלע,
אַ זאַנגעלע לו־לו, —
יע זאַנגעלע, ניט זאַנגעלע,
דאָס איז דאָך בלויז אַ מעשהלע,
אַ ציגעלע אַ ווייסעלע,
דאָס זאַנגעלע ביסטו.

אַ מיל, אַ מיל, אַ מילכעלע,
און פליגלען פיר — זשו־זשו, —
יע מילכעלע, ניט מילכעלע,
דאָס איז דאָך בלויז אַ מעשהלע,
אַ ציגעלע אַ ווייסעלע,
דאָס מילכעלע ביסטו.

אַ וואָלקנדל, אַ רעגנדל,
אַ, מאַך די אויגן צו, —
ניט וואָלקנדל, ניט רעגנדל,
ניט זאַנגעלע, ניט מילכעלע,
ניט ציגעלע, ניט ווייסעלע,
ניט ווייסעלע, ניט מעשהלע, —
מיין מיידעלע ביסטו.

די מעשה פון דעם דאָרף או־הו

די ווייסע קו, די איינציקע קו,
פון ווייטן, פון אָרעמען דאָרף או־הו,
האָט מען געקוילעט אין מיטן דער נאַכט,
דערנאָך אַזאַ פריילעכע סעודה געמאַכט,
געטיילט זיך מיט פלייש — מיטן לעבער און לונג,
באַטעמט צעשניטן איר רויטלעכן צונג;
האָט מען געטרונקען, געטרונקען, געגעסן,
און אָן דעם אורח אין דאָרף ניט פאַרגעסן —
אויפגעגעסן די גאַנצע קו,
נאָר ניט איר מו.

און ס'האָט זיך געטראָפן—איר ווייסט דאָך שוין וואו,
אין ווייטן, אין אָרעמען דאָרף או־הו,
יאַן מיט דער בייטש איז אַרוים אינעם טאָל,
דערהערט ער דער ווינט טראָגט אַ קיאיש קול;
הערט ער און שטוינט — מאַכט די אויגן זיך צו:
ווי קען דאָ זיין מו, אז ניטאָ איז קיין קו!
אָ, פאַסטוכל יאַן, אָ, פאַסטוכל יאַן,
עס זיינען פיל ניסים און וואונדער פאַראַן;
מען האָט אויפגעגעסן די גאַנצע קו,
נאָר ניט איר מו.

אַ זאַנגעלע שאָקלט זיך, וויגט זיך לו־לו,
אַזוי אויך דער אַלטיטשקער פאַן אין או־הו;
די יאָרן פאַרלאָפן, ווער ווייס זיי וואוהין?
נאָר, קינדער, צי הערט איר, צי בין איך ביים זין?
פון טייכעלע טראָגט זיך אַ קיאישער מו,
דער זקן שפייט אוים, צי שדים? — אַ טפו!
אָ, אַלטיטשקער פאַן, אָ, אַלטיטשקער פאַן,
ניט שרעק זיך, עס זיינען קיין שדים פאַראַן —
מען האָט אויפגעגעסן די גאַנצע קו,
נאָר ניט איר מו.

דאָס קינד און די באָבע, איר ווייסט דאָך שוין וואו —
אין ווייטן, אין אָרעמען דאָרף או־הו.
די באָבע, זי שעפּטשעט און וויקלט אַ קנויל,
דאָס אייניקל זיצט מיט אָן אָפענעם מויל.
אַ פליג קלאַפּט אין שויב און זי בעט זיך: זשו־זשו!
דערהערן זייביידע: מו־מו, און מו־מו.
די באָבע דערציילט: — אין מיטן דער נאַכט,
האָט מען אַ פריילעכע סעודה געמאַכט,
מען האָט אויפגעגעסן די גאַנצע קו,
נאָר ניט איר מו —
גענבליבן איז מו.

די אַלטע בריק

די אַלטע בריק, די אַלטע בריק,
און מענטשן גייען הין־צוריק.

איילט יעדער צו זיין אייגן אָרט,
איז איינעמס דאָ, דעם צווייטנס — דאָרט.

איך קוק אַרויף: אין הימל־הויך
די וואָלקנס גייען, גייען אויך.

איז איינער שוואַרץ, אַ צווייטער גראָ, —
ס׳וויל קיינער ניט פאַרבלייבן דאָ.

איך קוק אַראָפּ, דער בוים ביים טייך,
וואַרפט בלעטער אין דעם וואַסער גלייך.

און יעדער בלאַט אַריבער טיף,
הייבט אָן צו שווימען ווי אַ שיף.

אין ווייטן וועג אין ערגעץ־וועג —
זיי טראָגן אַלע זיך אַוועק.

און איך בין יונג, און איך בין קליין, —
— וואוהין, וואוהין, זאָל איך איצט גיין?

וויג-וויגעלע

וויג-וויגעלע, קינדערשע געזאַנגען —
מיט מיין זיידן, מיט מיין באָבען זיינען זיי פאַרגאַנגען.

זי מיט דער געפלעקטער ציג און מיט דער ראַבער הון;
ער מיטן חומש און יהושע בן נון.

ציג-ציגעלע, די באָבע איז אַוועק צו פאַנום בעלגוף;
ווייסטו וואָס עס מאַכט מלופים קוף?

קו. — קיעלע איז געפאָרן האַנדלען
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.

הערנער ברוגזע; אַ צעבערל קלייען, —
די באָבע איז אַוועק אויף שבת לייען.

ציגעלע-מיגעלע קאָטינקע — רויטע פאָמעראַנצן,
מיט דעם זיידן מיט דער באָבען גייען די אייניקלעך טאַנצן.

אַבו־באַבו

אַבו־באַבו אייגעלע,
אייגעלע מיין פייגעלע,
— דו־דו.

קייקלט נאַכט איר רייפעלע,
רייפעלע, מיין עופּהלע —
— רו־רו.

פלאַפל, פלאַפל, מיידעלע,
מיידעלע, ווייס־קליידעלע,
— גו־גו.
אין דער נאַכט און אין דער פרי,
טאַטע־מאַמע זיינען הי, —
— לו־לו.

אַ שטאַל

שטייט אַ שטאַל אין מיטן פעלד,
און אין שטאַל אַ קו —
— מו!
וויל זי עסן — מו,
וויל זי טרינקען — מו,
וויל זי קעלבל — מו,
ניט קיין אַנדער זאַך, נאָר — מו,
שטייט אין שטאַל אַ קו.

האָט די שטאַל אַ בוידעמל,
וואָרקעט אין דער הויך אַ טויב,
— קור!
וויל זי שלאָפן, — קור,

ווייל זי אויפשטיין — קור,
ווייל זי פליען — קור,
ניט קיין אַנדער זאַך, נאָר — קור.
אויבן — קור, און אונטן — מו,
שטאַל און טויב און קו.

האָט דאָס בוידעמל אַ דאַך,
זיצט אַ פויגל ביי אַ נעסט,
— ציף!
ווייל זי זיפצן — ציף,
ווייל זי זינגען — ציף,
ווייל זי וויינען — ציף,
ניט קיין אַנדער זאַך, נאָר — ציף,
ציף און קור, און מו,
פויגל, טויב, און קו.

קומט די נאַכט אין מיטן פעלד,
שטייט די שטאַל אין מיטן נאַכט,
שטייט פאַרמאַכט און צו;
שלאָפט דער בוידעם, שלאָפט דער דאַך —
בלויז אַ שטערנדל איז וואַך,
היט די שטאַל פון הימל בלאָ,
שטילע שעה.
שלאָפן פויגל, טויב און קו,
איידער ציף און קור און מו —
שלאָף אויך דו אין שטילער רו,
— לו־לו.

די תיבה

ווער האָט די תיבה,
די תיבה געבויט?
נח, דער צדיק
האָט די תיבה געבויט.

א שטיין פאַר א האמער, —
מאַכט נח געצייג;
און אָט איז א קאַמער,
און אָט איז א שטייג.

און גאָט האָט געזאָגט:

דער מבול וועט קומען,
אייער בעטן — אומזיסט;
די זינדיקע וועלט
מוז ווערן פאַרוויסט!

האָט נח פון ווילד־וואלד,
דעם גויפער געשלעפּט *);
געבויט און געבויט,
און מיט פעך אויסגעקלעפּט.

ווער האָט די תיבה,
די תיבה געבויט?
נח, דער צדיק,
האָט די תיבה געבויט.

עס שפּאַלט זיך דער הימל,
עס מבולט די שטראָף;

---

*) גופר — פּימפּסנהאָלץ.

עס קראַכן די וואָלקנס,
עס פינצטערט דער סוף.

געלאָפן פון די מינים,
פון טויט-שרעק געיאָגט;
אַן „ער" און אַ „זי",
ווי גאָט האָט פאַרזאָגט.

אַ לייב און אַ טיגער,
מיט בהמות באַנאַנד;
עס קומט אויך צו טרעטן
דער גרויס-העלפאַנט.

און נח —ער נעמט זיי
אין תיבה אַריין,
עס זאָל נאָכן מבול
אַן איבערבלייב זיין.

„וואו-וואו" — שרייט דער שטורעם, —
זעט נח ביים טיר:
עס יאָגן שוין חיות
צו דריי און צו פיר.

קומען פינף, קומען זעקס,
קומען זיבן און אַכט —
האָט נח מיט אימה
די תיבה פאַרמאַכט.

אַז פול איז די תיבה
מיט חיות און רינד.
ווי פול ס'איז די וועלט
מיט מענטשלעכע זינד.

איז אָפן דער אָפּגרונט,
דאָס וואַסער זיך מערט, —

אַז פּול איז מיט אומרעכט
די גאַנצע ערד!

פֿאַרשלונגען, פֿאַרטרונקען
דער גאַנצער באַשטאַנד —
אָ, ווען ווּעט זיך אָפּטאָן
גאָטס שטראָפֿיקע האַנט?

ווער האָט די תּיבֿה,
די תּיבֿה געבויט?
נח, דער צדיק,
האָט די תּיבֿה געבויט.

גייט נח אין תּיבֿה
און גלעט יעדע פּאָר,
בלייבט שטיין ביי אַ טויב,
אַזוי ווייס, אַזוי קלאָר.

ער ווייס, אַז די טויב, —
ווען די שטראָף ווּעט פֿאַרביי, —
ווּעט אים ברענגען אַ בלאַט:
— „זע, אַ שפּראָץ פֿון דאָס ניי".

דערווייל שווימט די תּיבֿה, —
אַזאַ איינזאַם געצעלט!
זי שווימט אָפּ־און־אויף
אַ פֿאַרטיליקטער וועלט.

ווער האָט די תּיבֿה,
די תּיבֿה געבויט?
נח, דער צדיק,
האָט די תּיבֿה געבויט.

אַ מעשה מיט אַ פויגל

כ'האָב איינמאָל געזען אַזאַ זאַך:
אַ נעסט איז געווען אויף אַ דאַך.

אין נעסט, אינדערהייך, אָפּגעהיט,
האָט מאַמע אַ קינד אויסגעבריט.

פליט מאַמע מיט שנאָבעלע רויט —
טראָגט וואַסער, טראָגט קערנער, טראָגט ברויט.

ביז איינמאָל האָט קינדל אַליין,
פאַרוואָלט זיך צו פויזן, צו גיין.

פאַרוואָלט זיך צו טאָן גאָר אַ פלי —
אָ, פייגעלע פליסט נאָך צו פרי.

אַ פלי און אַ פאַל צו דער ערד,
אין ווייט האָט די מאַמע דערהערט

אַ פייגעלע קריכט אין אַ גרוב —
אַ ציטער, אַ צאַפּל, אַ צופּ.

ווי, ווי, ווען אַ מאַמע קומט אָן!
וואָס זאָל איצט דאָס מאַמעלע טאָן?

אַ פּיק און אַ פּיק, און אַ פּיק —
וויל טראָגן דאָס קינדל צוריק.

צוריק צו דעם נעסט אויפן דאַך —
פאַר דעם איז דאָס פויגל צו שוואַך;

דאָס קינד איז פאַר מאַמען צו שווער, —
פליט מאַמע אַהין און אַהער,

פון נעסט צו דער גרוב און צוריק —
אַ פּיק, און אַ פּיק, און אַ פּיק.

אומזיסט, אוי, אומזיסט דיין געפלי!
אומזיסט איז דיין ציף און דיין מי!

נאָר מאַמע איר קינד ניט פאַרגעסט, —
אַז קינד קען ניט קומען צום נעסט.

ברענגט מאַמע דעם נעסט צו דעם קינד,
אַרויף און אַראָפּ — ווי געשווינט!

און פעדערל, שטרויעלעווייז —
געריסן, געבויט איבערנייס.

ווערט נאַכט, נאָר די מאַמע איז וואַך,
ניטאָ שוין קיין נעסט אויפן דאַך.

אין גרוב, וואו אַראָפּ איז דאָס קינד,
האָט מאַמע איר נעסט שוין אַצינד.

אַ מעשה וואָס איך האָב געזען:
אַמאָל איז אַ פויגל געווען.

די קאַץ

נאַרישע קאַץ, נאַרישער קאָפּ,
דיינע פאַרשפּיציקטע נעגל שנייד אָפּ.

דו וועסט שוין היינט ניט פאַרצוקן קיין צוק,
גנבהשע קעצל, גנבהשער קוק.

לויערסט — אומזיסט איז דיין רוק און דיין צי, —
פייגעלע שפּרינגט אום, זוכט עסן — פּי־פּי.

ערגעץ וואו האָט זי מסתמא אַ נעסט:
— קינדערלעך, אָט האָט איר ברעקעלעך, עסט!

אָבער דו, בייזער און קעצישער צאָפּ,
האָסט צו דער ערד צוגענורעט דיין קאָפּ.

און האָסט דיין עקל פאַרדרייט אין אַ קנויל,
וואָנצעס צעבלאָזן, פאַרביסן דיין מויל.

דו ביסט אַ בריה אויף מייזלעך נאַר,
מייזעלעך הוילינקע, נאַקעטע האָר.

אָבער דאָס פייגעלע, פליגעלעך — פלי,
וועט זיך באַלד געבן אַ הייב און — ניט הי.

און מיט אַ ברעקל אין שנאָבל געפּרעסט,
וועט זי אַ פלי טאָן אַהין צו איר נעסט.

דו, אויף דער ערד, מיט דיין שפּיציקן קוק,
דו מיט די ציינדלעך פאַרשאַרפטע צום צוק.

דו וועסט דאָ בלייבן מיט סלונע אין מויל,
גענעצן נאַריש און גענעצן פויל.

שטיין ליגט אַ האַרטער, אים אַרט ניט דיין קראַץ —
נאַרישע פרעסערקע, נאַרישע קאַץ.

אין צירק

ווי אַ קאַץ —
אַזוי פלינק,
אַזוי גרינג —
פון אַ שטריק,
צו אַ שטריק,
אַט גאָר הויך,
אַט צוריק!
אויפן אָרם אַ טאַץ,
אַט אַ שפּרונג,
אַט אַ קלונג,
דזשיז און דזשעז,
ביז צום העכסטן —
טראַפּעז!

— באַץ!
ניט אַראָפּ,
נאָר אַרויף. —
ווי אַ שפּין,
וועבט אַהער,
וועבט אַהין, —
גיט דער גוף,
זיך אַ וויג,
אין דער טיף,
אין דער ברייט,
אין אַ ראָד,
זיך פאַרדרייט,
ווי אַ שלאַנג,
זיך צעלאָזט,
אַזוי בויגיק און לאַנג;
גיט זיך פּלוצלונג —
אַ ריס,
וויגט און שווינגט,

מיט די פּים,
אין דער לענג,
אין דער ברייט.

מיטאַמאָל:
— בינג און בענג!
— האָפּ און האָפּ!
מיט אַ ריץ,
און געקוויטש;
קאָפּ אַראָפּ,
קאָפּ אַראָפּ!
גיט אַ קנאַל,
גיט אַ בליץ —
— איז עס פאַל
צו זיין טויט?...
— טויט?!
פינקלען אויגן —
און ציין,
ניין, און ניין!
ניט צום טויט,
ניט צום טויט!

שטייט אַ העלפאַנט גרייט,
ווי אַ פעלזמויער שטאַרק;
פאַלט ער שטאָלץ
אויף זיין קאַרק,
מיט דער מאַסקע צעשפּרייט;
מיט דער טאָץ אים אַ שטורך,
און מיט זואונק,
און געקלונג,
דורכן טויער אַדורך!

שלאָגט דער זייגער עלף

שרה, שרה, שרהלע, —
ליגט און וויל ניט שלאָפן;
דריי יאָר אַלט איז מיידעלע,
ליגט מיט אויגן אָפן.

שלאָגט דער זייגער אַכט,
שלאָגט דער זייגער ניין —
אומעטום איז נאַכט,
נאָר שרה שלאָפט ניט איין.

מאַמע און איר ניגעלע,
מעשהלע און ציגעלע,
קענען ניט פאַרשלעפערן
מיידעלע אין וויגעלע.

מאַכט די באָבע: — טאַכטערשי,
נעם, פאַרלעש די שיין,
ווען זעסטו אַז שרהלע,
נעמט און שלאָפט באַלד איין.

פינצטער, שאַ! — „אַ, גוטע מאַ!“, —
מאַכט שרהלע אַ גוואַלד:
— „פאַרלעש בעסער די פינצטערניש,
איך נעם און שלאָף איין באַלד“.

באָבע, מאַמע בלייבן שטום,
ווי שטום עס איז די נאַכט:
„ווי קען מען לעשן פינצטערניש,
ווער האָט אַזוינס געטראַכט?“

שלאָגט דער זייגער צען,
שלאָגט דער זייגער עלף —
וויים עמעצער ווי דאָס צו טאָן? —
טאָ קום אַהער און העלף!

אויפן שליטעלע

באַרג אַראָפּ, באַרג אַראָפּ,
גיט דאָס שליטל אַ גיי!
גיט אַ וואָרף זיך דער קאָפּ,
און — אַ לאָז דורכן שניי!

קלאַפּט דאָס האַרץ, פליט דער וועג
און ער שטעלט זיך ניט אָפּ —
אין דעם ווייסן געיעג,
באַרג אַראָפּ, באַרג אַראָפּ.

באַרג אַראָפּ, באַרג אַראָפּ,
אויף אַ שפּיגל פון גלאָז;
יאָגט דער פראָסט: האָפּ און האָפּ,
און ער צופּט דיר די נאָז.

באַרג אַראָפּ, באַרג אַראָפּ,
— גיב אַ שנייד אינם שניי!
קומט אַ צווייטערביים זייט,
— היט זיך, היט! גיב אַ דריי!

באַרג אַראָפּ, באַרג אַראָפּ,
מיט אַ הילכיקן קול,
צו דער ליכטיקער ווייט,
צו דעם ליכטיקן טאָל!

גייט אַ ייִנגעלע אַרויס אין פעלד

גייט אַ ייִנגעלע אין פרימאָרגן, אין פעלד אַרויס,
קומט אַנטקעגן אים אַ קו.
מאַכט די קו:
— גוט-מאָרגן!

גיט דאָס ייִנגעלע אַ זאָג:
— אַזאַ וואונדער, אַזאַ טאָג,
אַז די קו, די גרויסע קו,
וואָס זי זאָגט נאָר: מו — און — מו,
זאָל גאָר פּלוצים קומען הײַנט,
מיט „גוט-מאָרגן", ווי אַ פֿרײַנט!

גיט די קו אַ שטילן מו,
און זי זאָגט: — דו, ייִנגל, דו,
אַז איך גיי אין פעלד און גיי,
קיי די גראָז און קיי די היי,
שלעפּ זיך אום מיט מידע פיס,
ברענג דיר מילך — אי פעט, אי זיס —
אָט דערפאַר. גוט-מאָרגן!

זאָגט דאָס ייִנגל:

— יאָ, מײַן קו, דו ביסט גערעכט,
איך בין נאַריש, איך בין שלעכט,
גוט-מאָרגן, קו,

— גוט-מאָרגן!

גייט אַ ייִנגעלע אין מיטן טאָג אין פעלד אַרויס,
קומט אַנטקעגן אים אַ פערד,
מאַכט דער פערד:
— גאָט-העלף!

לאַכט דאָס ייִנגל: — זייגער צוועלף,
דאַרף מען גריסן זיך: גאָט־העלף!
אָבער דו, דו גרויסער פערד,
דו דאַרפסט קוקן צו דער ערד;
ווי־זשע ווערסטו פּלוצלונג, הײַנט,
מיר אַזאַ מין נאָענטער פרײַנט?

גיט דער פערד אַזוי אַ בלאָז,
מיט זײַן לעכערדיקער נאָז:
— יאָ, איך ווייס, איך בין אַ פערד,
גיי געבויגן צו דער ערד,
ווייל איך אַקער, שלעפּ און פיר,
שטיינער, האָלץ און ברויט פאַר דיר,
אָט דערפאַר — גאָט־העלף!

זאָגט דאָס ייִנגל:

— יאָ, מײַן פערד, דו ביסט גערעכט,
איך בין נאַריש, איך בין שלעכט,
גאָט־העלף, דיר, פערד,
גאָט־העלף!

גייט אַ ייִנגעלע אין פעלד אַרום פאַרנאַכט,
קומט אַנטקעגן אים אַ קאַץ,
מאַכט די קאַץ:
— גוט־נ׳אָוונט!

לאַכט דאָס ייִנגל — קייך און קייך:
וואָס? אויך דו ביסט צו מיר גלייך?
טראָג זיך אָפּ, דו פאַלשע קאַץ,
דו האָסט נעגל פאַר אַ קראַץ,
דו דאַרפסט ווײַנען: מיאַ און מיאַ,
מיאַ־און־מיאַ — און ווייטער — שאַ!

גיט די קאַץ אַ שטילן מיאַ,
און זי גיט אַ זאָג אַזאַ:

— אין דער נאַכט אין פינצטערן הויז,
קומט די פּרעסערקע, די מויז,
שלאָפט די שוועל, עס שלאָפט דער דאַך,
איך נאָר איינע ליג און וואַך,
אַט דערפאַר — גוט-נ׳אָוונט!

זאָגט דאָס יינגל:

— יאָ, מיין קאַץ, דו ביסט גערעכט,
איך בין נאַריש, איך בין שלעכט,
גוט-נ׳אָוונט, קאַץ!
גוט-נ׳אָוונט!

גייט שוין יינגעלע פון פעלד אַהיים ביינאַכט,
קומט אַנטקעגן אים אַ הונט,
מאַכט דער הונט:
— אַ גוטע נאַכט!

לאַכט דאָס יינגל: — ווי אַ מענטש,
גריסט דער הונט זיך און ער בענטשט.
אַזאַ מאָדנער טאָג איז היינט,
יעדערער וויל זיין מיין פריינט.
ביסט אַ הונט, קודלאַטער קאָפּ,
גיי און ביל, און לאָז מיך אָפּ.

גיט דער הונט אַ האַוו און רעדט:
— אין דער נאַכט, אין שפּעטער שפּעט,
ליג איך ביי דעם צוים און היט,
הער איך גאַנג פון ווייטסטע טריט,
טרעפט איך ביל צום הימל בלוי,
ווייל ס׳איז אומעטיק אַזוי —
אַט דערפאַר — אַ גוטע נאַכט!

זאָגט דאָס יינגל:

— יאָ, מיין הונט, דו ביסט גערעכט,
איך בין נאַריש, איך בין שלעכט.

אַ גוטע נאַכט, דיר, הונט,
אַ גוטע נאַכט!

אין יענער נאַכט —
האָט אַ שטערנדל אין זיין הארצן אויפגעהעלט, —
אַז יינגעלע איז ווידער אַרוים אין פעלד,
צי ער האָט אין דער הויך געזען אַ שוועלבעלע,
צי ער האָט אין דער נידער געזען אַ קעלבעלע,
צי מענטש אויף דער ערד,
צי אַ קו, צי אַ פערד,
צי פיש אין טייך,
האָט ער הויך אַריינגעשריען אין דעם אָפענעם טאָג:
— גוט מאָרגן!
— גוט מאָרגן, אייך!
און אָפּגעקלונגען האָט עס אַריבער באַרג און טאָל,
מיט אַ ליכטיקן קול:
— גוט מאָרגן, אייך!
— גוט מאָרגן, וועלט!

די באַן

אויף די רעלסן, שטאָל און אייזן,
וועט זיך באַלד אַ באַן באַווייזן.

הייסער אָטעם, שווערער פּראַכן, —
ניט צום וויינען, ניט צום לאַכן.

ניט קיין וועלף און ניט קיין בערן
קומען שטיבער איבערקערן.

ניט קיין שדים, נישט געשטויגן, —
ס'קומט די באַן אַזוי געפלויגן.

ראָד נאָך ראָד — און ניט באַזונדער!
אָך, דו וואונדער, ליבער וואונדער.

הויך און שטאַרק, און רויך פון אויבן,
און מיט מענטשן ביי די שויבן.

ווער און וואָס? די אויגן קוקן,
קוקן, קוקן און — פאַרטוקן.

ניט קיין בלינדער, ניט קיין טויבער,
ס'קומט ניט קיין פאַרשטעלטער רויבער.

אין דעם דאָרף מיט זיבן דעכער,
דריי מיט לאַטעס, פיר מיט לעכער,

איז געוועזן און איז געבליבן, —
שפּעטער האַרבסט מיט שפּעטע ריבן.

שפּעטער קאָרן, ניט געשניטן,
מיט אַ קרענעצע אינמיטן.
מיט אַ קאַץ, וואָס — פינטל-פינטל,
שפּילט אין זשמורקעס מיטן הינטל.

מיט אַ קו, און מיט אַן אייטער, —
נאָר די באַן זי טראָגט זיך ווייטער.

יאָגט און שפּריצט מיט פייער-פונקען,
איבער שטעטעלעך פאַרזונקען;

איבער זומפּן — ניט צום רוען,
מיט אַ רופנדיקן „טרו" — ען...

הייסער אָטעם, שווערער פראַכן,
מיט דעם הילך פון פרייע שליאַכן.

שווינדן, קייקלען זיך דערשראָקן —
אָקן־באָקן, קלויסטער־גלאָקן.

שווינדט אַ פעלד אין דריי פון ווינטן,
פאַלט אַ וואַלד אַזוי אויף הינטן;

שפּרינגען סלופּעס איבער צוימען,
קוימען־קוימען, שווינדן טרוימען...

דורך די בערג און דורך טונעלן, —
דאָ וועט זיך די באַן ניט שטעלן.

ווייטער־ווייט, אין רים פון איילן,
צו דעם לעצטן פּונקט פון מיילן.

צו דער לעצטער שטאָט — וואו ימען,
קומען אַלע זיך צוזאַמען.

וואו געגאָסן און געפורעמט,
שטייען אַלע ווענט געטורעמט.

טרעפּ אויף טרעפּ און שפּיץ אויף שפּיצן,
הויבן זיך צו הויך פון בליצן.

און אין נידער, אין די גאַסן,
שוואַרץ און ווייס — פון אַלע ראַסן,

בינדן זיך אין טריט מיליאָנען,
מיט געזאַנגען און מיט פאָנען.

גאַנג צום נאָענטן און ווייטן,
צו דער צייט פון אַלע צייטן.

הייסער אָטעם, טרוים אין וואַכן, —
לעצטער גרענעץ, סוף פון שליאַכן.

זומער־רעגן

זומער־רעגן, זומער־רעגן,
טאַנצן קינדער אים אַנטקעגן.

בלעזלעך זיך די שטעגן־װעגן,
ציט אַ לײַכטער װאָלקן אױבן,
בליצן אױגעלעך, רעגנבױגנס,
אױסגעװאַשן אַלע שטױבן!

טריפּ־טראַפּ, טריפּ־טראַפּ, פּאַלט דער רעגן,
אױף די מעזשעס, אױף די בײַטן,
װאַשט ער אױס אַ גרינעם טישטוך,
אַלע לאַנקעס צו פֿאַרשפּרײטן.

עפּנט זיך דער מאַן אין גאָרטן,
גײט אױף הױך אין פֿעלד דער קאָרן,
פּאַטשן הענטלעך, קלײנע קינדער
װערן גרױס — אױף לאַנגע יאָרן!

רױטע עפּל, פֿולע זאַנגען,
לײַכט און לײַכטער צום געדײען!
קינדער קלײנע װעלן װאַקסן —
קײנמאָל ניט פֿון װײ צו שרײען.

זומער־רעגן, זומער־רעגן,
טאַנצן קינדער אים אַנטקעגן.

אַבו הוסאַן

ער איז געווען, ער איז נאָך דאָ,
אין יעדן לאַנד איז ער פֿאַראַן, —
אין מיטן טאָג, אין מיטן שעה:
אבו הוסאַן! *)

גיי, גזלן, אין דיין רו אריין,
צערונען איז דיין כישוף־שפּרוך.
ער שפּריצט פֿון אויג מיט פֿרעכן שיין,
און ס'רינט מיט גאַווער בייזע פֿלוך.

ער איז געווען, ער איז נאָך דאָ,
כאַטש טויט איז לאַנג דער קאַראַוואַן.
אַ באָרד פֿון רויט, אַ באָרד פֿון בלאָ, —
אַבו הוסאַן.

גיי, גזלן, אין דיין שוואַרצער הייל,
סעזאַמע איז דיין קבר־שטיין.
ער רייסט די מאַסקע נאַקעט־הויל,
און שלעפּט אַ מעסער פֿון די ציין.

ער איז געווען, ער איז נאָך דאָ,
אין מיטן טאָג, אין מיטן שפּאַן,
אַ העמד פֿון שוואַרץ, אַ העמד פֿון גראָ
אַבו הוסאַן.

גיי, גזלן, ס'איז דיין סוד אַנטפּלעקט,
דיין הייל אויף אייביק איז פֿאַרמאַכט.

1) הויפּטלינג פֿון די לעגענדאַרישע פּערזיק גזלנים.

קינזשאַל בליצט אויף, און האַנט זיך שטרעקט,
אַ קול פון „טויזנט און איין נאַכט״.

ער איז געווען, ער איז נאָך דאָ,
כאַטש לויז איז דער געקייטער מאַן.
אין מיטן גאַס — אַ שווערע טלאָ,
אַבו הוסאַן.

אָ, קום צוגיין, דו אָרעמאַן,
מיט ווערטער צוויי, מיט פראָסטן מוט,
קום, אַלי באַבאַ, איצט, ווי דאַן,
אַנטפּלעק פאַר אונדז די הייל פון בלוט.

אויך דו ביסט דאָ — שטרעק אויס די הענט,
צעשפּרייט דיין נעץ, פאַרשפּרייט דיין שפּאַן,
און ס׳ווערט אין אייביקייט פאַרלענדט —
אַבו הוסאַן.

די דריי סאָלדאַטן

זאַלבעדריט, זאַלבעדריט,
מיט פאַרהוילענע טריט,
די טראַנשייען פאַרלאָזט,
און אין פעלד זיך געלאָזט,
אויף דער וואַכט, אין דער נאַכט,
אין דער טונקעלער נאַכט.

וואַלקנס רונד, וואַלקנס הויך,
ערד און הימל אין רויך;
שווערד געשאַרפט, קויל געגרייט,
און פון אומרו באַגלייט, —
זאַלבעדריט, זאַלבעדריט,
מיט פאַרבאַרגענע טריט.

קוקט דער טויט פון דער זייט,
ס'איז דער שונא ניט ווייט,
שאַ, די קניען געבויגט,
און אויף דר'ערד זיך געלייגט,
אויף דער וואַכט, אין דער נאַכט,
אין דער טונקעלער נאַכט.

טיאַך און טיאַך... מיטאַמאָל,
צי פון באַרג, צי פון טאָל,
טוען שאָטנס אַ שפּרונג,
גיבן מעסערס אַ קלונג, —
אָן אַ רוף, אָן געשריי,
אַלע דריי ליגן זיי.

זאַלבעדריט, זאַלבעדריט,
מיט פאַרהוילענע טריט,
זיך געלאָזט אינעם וועג,
און אויף אייביק אַוועק,
אויף דער וואַכט, אין דער נאַכט,
אין דער פינצטערער נאַכט.

יינגעלע ליבער

א שפּיז אין דער לופטן,
א שאַרף פון א שווערד —
מיין קרוין ליגט פאַרבלוטיקט
פאַרבלוטיקט אויף דר'ערד.

— יינגעלע ליבער,
קליינינקער מיין!
דו וועסט שוין ניט זען מער
די ליכטיקע שיין.

אין רויך און אין פייער,
ביסטו ניט אַוועק,
א גוססן האָט מען
געלאָזט דיך אין וועג.

א פערד איז געפלויגן,
געריסן, געפליקט —
און האָט מיט די פיס דיר,
דיין הערצל צעדריקט.

יינגעלע ליבער,
קליינינקער מיין!
דו וועסט שוין ניט זען מער
די ליכטיקע שיין.

דאָס פאַרלאָרענע שיכל

קליינינקע לאה,
מיט קליידל און קראַנץ,
האָט פאַרלאָרן אַ שיכל, —
אַ שיכל אין טאַנץ.
וואָס האָט געטראָפן?
וואָס קען דאָ פאַרט זיין?
איז איר שיכל אַוועק, —
ווי אין וואַסער אריין.
ליידיקע טרעפּ,
איז ליידיק דער זאַל,
גיט זי שפּרונג צו דעם בוים,
אַ קוק אינם קוואַל.
הינערשטייג, נאָרע,
און טייבעלע — קור,
צו דער קו און צו לאַנקע, —
ניטאָ איז קיין שפּור.
סטעזשקע און וואַלד,
אַ זוך און אַ זוך,
נאָר ניטאָ און ניטאָ,
ניטאָ איז דער שוך!
העזעלע, פויגל,
לבנה אַליין —
קיינער ווייס ניט דעם סוד,
מען ווייס ניט דעם מיין.
האָט מען גערופן
אויף יעטווידער שפּראַך,
האָבן מענטשן געענטפערט:
— עי, לאָזט אונדז געמאַך.
גריכיש און טערקיש,

*) לויט אַ מאָטיוו פון דעם ענגלישן פּאָעט וואָלטער דע לא-מאר.

און יידיש און דייטש —
ווי אַ חלום־געשפּענסט,
קיינער ווייס ניט דעם טייטש.
רווישיקער ים,
עס טראָגט זיך אַ שיף,
קיינער ברענגט ניט קיין גרוס,
פון דער פינצטערער טיף.
שפּרינגט זי און וואַנדערט,
אין שניי און אין זאַמד,
אין געוויטער און פראָסט,
פון לאַנד צו אַ לאַנד.
אַפריקע, שפּאַניען,
און באַמבוק־יאַפּאַן,
פערנאַמבוקאָ און רוים,
תל־אביב, הינדוסטאַן,
פליינען און מדבר, —
וואו־וואו, און וואו־וואו?
קומט כינעזישער טיי,
און גאָלד פון פּערו. —
קומט ווינטער מיט שניי,
און זומער מיט בלי —
קליינינקע לאה,
פאַרוועלקט איז איר קראַנץ,
אין געיעג און אין פלי,
נאָכן שיכל פון טאַנץ.
וועלדער און פעלזן,
אומזיסט איז איר זוך ;
איז פאַרשוואונדן, אַוועק —
און ניטאָ איז איר שוך.

אליהו הנביא

אין מיין שטעטעלע פּומפּיאַן,
אין די ווייטע קינדער־יאָרן,
ניט צו קומען, ניט צו פאָרן,
ניט מיט ים און ניט מיט באַן, —
אין דער אומעטיקער ליטע,
לאַנד פון נידעריקן טאָל,
האָט אַמאָל, אַמאָל, אַמאָל
זיך באַוויזן „עלינאָווי"
וואַנדערער — ווער ווייס פון וואַן?
אין דעם שטעטעלע פּומפּיאַן.

שניי צעגייט, דאָס טייכל — טיף,
הערט זיך שוין דער ערשטער ציף;
זון איז אויפגעשטאַנען פרי,
ערב פּסח איז שוין הי.
מיט אַ באַרשט אין זיינע הענט,
זיידע ווייסט די אַלטע ווענט:
באָבע וואַשט און זינגט צו מיר:
— קליפּ־קלאַפּ אין מיין גאָלדן טיר!...
און די שוואַלבן, ליבע געסט,
בויען שוין ביי אונדז אַ נעסט.

ערב פּסח, מה נשתנה, —
ס'איז צום סדר איין מעת לעת.
מיט אַמאָל קומט מומע חנה:
— ס'האָט ביי אונדז פּאַסירט אַ נס —
אַז ביים שוועל פון דער אלמנה,
אין דעם עק פון אונדזער געסל,

איז געשטאַנען ווײַן אַ פֿעסל,
מצות, אײער, — גאָטס מתנה
ווער האָט אין געהיים געבראַכט?
— עלינאָווי אין דער נאַכט!

שלאָגט דאָס האַרץ בײַ מיר מיט פֿרייד:
— עלינאָווי קומט, און גייט,
עלינאָווי — ווער און וואו?
זאָגט די באָבע: שלאָף אין רו,
קען זײַן ווי אַן אָרעמאַן,
קומט ער אַן דאָ, אין פּומפּיאַן,
גייט אין בלאָטע, אָרט צו אָרט,
מיט אַ שטאַמלדיקן וואָרט,
גייט ער אום אַזוי פֿאַרשטעלט,
גייט ער אום די גאַנצע וועלט.

האָט מײַן האַרץ אַלץ אין געבעט
זיך געטוליעט: — ווער? און וואו?
— זיידע, זאָג דעם סוד מיר דו!
האָט דער זיידע מיך געגלעט,
און גערעדט מיט שטילן קול:
— קומען וועט אַ טאָג אַ מאָל,
וועט אַנטפּלעקן זיך זײַן ליכט...
וועט ער אָפּדעקן ס'געזיכט,
נאָר דערווײַל אין וועג — ביז דאַן —
וואַנדערט אום דער אָרעמאַן.

אָרעמאַן, אָ, אָרעמאַן,
אין מײַן שטעטעלע פּומפּיאַן!
טראַכט איך: אײדער וואָס און ווען,
לאָמיר אים כאָטש איינמאָל זען!
בין איך נאָכגעגאַנגען שטום
יעדן בעטלער — אַלט און קרום;
יעדן שטאַמלער, יעדן הונק,

מיט אַ ציטער, מיט אַ וואונק:
— זאָג, ביסטו עס? — זאָג ביסטו?...
וואו איז עלינאָווי, וואו?...

ליבע קינדער! און זייט דאַן,
ווי דאָס וואַסער שווימען יאָרן —
ווייט אַהינטער ליגט פּומפּיאַן,
שטעטל, וואו איך בין געבאָרן.
נאָר צי גיי איך הין, צי הער, —
אויף דער בויערי, צי סקווער, —
ווי איך זע אַן אָרעמאַן,
גיט אַ בלענד פאַר מיר אַ שיין,
פּסח, יום־טוב — אפשר דו?
וואו איז עלינאָווי, וואו?

משה רבינו

משה פאַשעט זיינע רינדער ווייט פון פרעמדע גראָזן, —
מיט זיין שטעקן, מיט דער סטאַדע צו דעם מדבר זיך געלאָזן.

מעקען שעפּעלעך צעשפּרייטע, זוכן עסן, טרינקען, —
משה היט זיי, דאָך אין טרויער טוט זיין מוח זינקען.

וויים ער, ווי די שאָף און רינדער, הונגעריקע, דאַרע,
זוכן יידן שטרוי פאַר ציגל ביי דעם בייזן פּרעה.

טראָגן אויף די פּלייצעס לאַסטן, און דעם מצרים בייטשן קנאַלן, —
— פאַטער! ווען וועט שוין דער שופר פון באַפרייאונג שאַלן?

פּלוצלונג זעט ער, ביים באַרג חורב וואַקסט אַרוים אַ דאָרן,
שטעכיק, שפּיציק. — היט נאַר, שעפּעלע, דיין האָרן!...

טראַכט זיך משה: ווי אַ דאָרן איז מיין פאָלק, אַן לעבן,
גאָט האָט מיר אַ טרויעריקן צייכן איצט געגעבן...

שלעכטער אָנזאָג, אַז ישראל וועט, דורך שווערע יאָרן,
לאַנג נאָך דאָרן־קוואָרן, זיין פאַרמיאוסט, ווי אַ דאָרן.

משהס האַרץ ווערט פול מיט רחמים, און זיין צונג מיט בעטן:
— גאָט, יהוה, ענטפער! ווער־זשע וועט דיין פאָלק דאָך רעטן?

און ווי משה מאָנט און בעט זיך, פּלוצלונג פון דעם דאָרן
גיט אַ שלאָג אַ פלאַם אַ רויטער: — היט נאַר, שעפּעלע, דיין האָרן!

טראַכט זיך משה: איז דאָס מיגלעך, אַז גאָטס גרים און צאָרן,
וועט ישראלן פאַרצוקן ווי אין פלאַם אַ דאָרן?!

משהס האַרץ ווערט פול מיט טענות. הייבט זיין בליק אין פלאַמען:
— זאָג, וואָס האָסטו צו די קינדער פון אברהמס שטאַמען?

האָבן זיי דען ניט אין וואַנדער דיך געטאָן אַנטפּלעקן,
און דעם געץ צעבראָכן? וועסטו זיי דערפאַר פאַרמעקן?

פּלוצלונג דוכט זיך משהן, אַז אין דאָרן הערט ער שטימען,
גאָטס מלאכים זינגען: — זע דעם גרויסן סימן!

ברענט און ברענט אַזוי דאָס פייער, בלייבט דאָך גאַנץ דער דאָרן,
זע דעם צייכן: ס׳וועט ישראל קיינמאָל ניט פאַרלאָרן!

פעלקער אַנדערע, ווי ביימער, בליען און פאַרדאָרן,
ליידן יידן, ווען זיי דאָך איבערלעבן פרעהן.

באַלד, און דורכן ים-סוף ציען די באַפרייטע שקלאַפן, —
ניט אומזיסט האָט גאָט פון שטויבן אדמען באַשאַפן

און ווי משה הערט עס, הייבט זיין קאָפּ אָן שטראַלן,
ווי אַ זון פון שמחה וואַלט אויף אים אַראָפּגעפאַלן.

טרייסלט אָפּ פון זיך די זאַמדן, רופט די שאָף צוזאַמען:
— לאָמיר, שעפעלעך, אַהיימגיין, קומט, מען טאָר ניט זאַמען!

גייט די סטאַדע שלאָפן, ביז דער היטער וועט זיי וועקן, —
גייט ער משה שטאָלץ און מוטיק האַלט אין האַנט זיין שטעקן.

האַלט דעם אַלטן שטעקן, וואָס עס איז אין אים פאַרבאָרגן,
וואונדער פון דעם נעכטן, פון דעם היינט, און אויך פון מאָרגן.

זעט ער אַלץ די זעאונג, וואָס אין פלאַם איז אויפגעגאַנגען, —
גייט דער טרייער פאַסטוך און ער זינגט צו גאָט געזאַנגען.

זינגט: אָז ישיר! — שטאַרק און מאַכטיק, גאָט פון אַלע צייטן!
לאָמיר זוכה זיין צו זען דיין פאָלק שוין אַ באַפרייטן!

זינגט ער, און די שעפעלעך זיך טוליען: — מי-ע, מי-ע —
אויף דעם מדברדיקן מערב הייבט זיך אויף די שקיעה . . .

פלוצלונג רופט אַ בת-קול: — מזרח, מערב, דרום, צפון —
— משה! ניט אומזיסט געווען דיין בעטן, ניט אומזיסט דיין האָפן!

ביסט אַ טרייער היטער פון די ריינע שאָף און קינדער,
דו אַליין וועסט זיין דער פאַסטוך פון ישראלס קינדער!

פלאַטערט משה, טרערן רינען — אַ, ווי גרויס איז דיין גענאַד!
— שמע ישראל, אדוני אחד!

דער טאָג פון שבת

דאָס איז געווען בראשית, גאָר אין אָנהייב, ווען די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן. זיינען זיך צונויפגעקומען די טעג און זיי האָבן זיך גענומען קריגן צווישן זיך: ווער פון זיי איז דער וויכטיקסטער טאָג, ווער פון זיי איז גרעסער?

האָט געזאָגט דער ערשטער טאָג:

— איך בין גרעסער און וויכטיקער פון אייך אַלעמען, ווייל מיט מיר צוזאַמען, מיטן ערשטן טאָג, איז באַשאַפן געוואָרן טאָג און נאַכט; מיט מיר איז באַשאַפן געוואָרן די ערשטע ליכטיקייט, און די פינצ־טערניש האָט זיך אָפּגעטיילט. ווען ניט איך, וואָלט נאָך אַלץ געווען וויסט און פינצטער. איך, דער ערשטער טאָג.

האָט דער צווייטער טאָג געזאָגט:

— ניין, איך בין דער וויכטיקסטער טאָג אין דער יצירה, אין דעם באַשאַף פון דער וועלט. וואָרום, מיט מיר, מיטן צווייטן טאָג, איז אויסגעשפּרייט געוואָרן איבער אונדז דער וואונדערלעכער, בלויער הימל. אָן מיר, אָן דעם הימל, וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט געהאַט די וועלט? ערשט ווען ס'איז באַשאַפן געוואָרן דער הימל האָט מען געקענט זען דעם אונטערשייד צווישן טאָג און נאַכט. איך, דער צווייטער טאָג.

האָט זיך אָפּגערופן דער דריטער טאָג, אַזוי צו זאָגן:

און וואו בין איך? מיטן דריטן טאָג איז געוואָרן די טריקעניש. אַלע וואַסערן האָבן זיך איינגעזאַמלט פון אונטערן הימל אין איין אָרט. און ס'האָט זיך באַוויזן די יבשה, די ערד. און אויף דער ערד האָבן צום דריטן טאָג גענומען וואַקסן אַלערליי געוויקסן. די ערד האָט גענו־מען אַרויסברענגען גראָז און אַלערליי קרייטעכער, און אַלערלייביימער. אַלץ האָט גענומען גרינען, אַלץ האָט גענומען בליען. איך גאָר בין דעריבער דער וויכטיקסטער טאָג: איך, דער דריטער טאָג.

האָט זיך אָפּגערופן דער פערטער טאָג:

— וואָס גרייסט איר זיך אַלע אַזוי שטאַרק? איך בין גרעסער פון אייך אַלעמען, וואָרום מיט מיר צוגלייך, אין דעם פערטן טאָג, האָט פון דער הויך גענומען אַראָפּקוקן די גאָלדיקע זון צו געוועלטיקן

ביטאָג, און די זילבערנע לבנה צו געוועלטיקן ביינאַכט. און דער הימל אזוי פול געוואָרן מיט דימענטן-שטערן. וואָס אַ שטייגער, וואָלט די ערד געטאָן, — אָן זון? און ווי פינצטער וואָלט געווען די נאַכט אָן אַ לבנה? איך בין דער וויכטיקסטער טאָג: איך, דער פערטער טאָג.

האָט זיך אַריינגעמישט אין קריג דער פינפטער טאָג און מיט אַזאַ דינן קול, ווי אַ פייגעלע, גענומען ריידן:

— איך, איך בין גאָר וויכטיקער פון אייך אַלעמען. מיט מיר, מיט דעם פינפטן טאָג זיינען באַשאַפן געוואָרן אַלע פויגל, און אַלע מינים פיש; מיינע פויגל טראָגן זיך אונטערן פרייען הימל, איבער דער גאַנצער ערד. מיינע פויגל זינגען און מאַכן פול די גאַנצע וועלט מיט שירה, מיט געזאַנג; מיינע פיש פּרוכפּערן זיך און מערן, און זיי פילן אָן די ימען. איך גאָר בין דער וויכטיקסטער טאָג: איך, דער פינפטער טאָג.

האָט מיט אַזאַ פעסטן קול זיך אָפּגערופן דער זעקסטער טאָג און געזאָגט:

— איר ווילט וויסן, ווער ס'איז דער וויכטיקסטער טאָג פון דער יצירה? דאָס בין איך! מיין שכן, דער פינפטער טאָג, גרייסט זיך מיט זיינע פויגל און מיט זיינע פיש. אָבער מיט מיר, מיטן זעקסטן טאָג, זיינען באַשאַפן געוואָרן אַלע שטאַרקע חיות, אַלע בהמות, שאָף און רינדער. און דערנאָך איז מיט מיר, אין דעם זעקסטן טאָג, באַשאַפן געוואָרן אָדם, דער מענטש, די קרוין פון דער וועלט, דער מענטש וואָס איז באַשאַפן געוואָרן בצלם אלהים, אין גאָטס געשטאַלט. איך בין דער גרעסטער טאָג: איך, דער זעקסטער טאָג.

און ווי די ניי-באַשאַפענע טעג האָבן זיך אַזוי געקריגט, האָט זיך איבער זיי, פון הימל, אַראָפּגעלאָזט אַ נייער טאָג, דער לעצטער טאָג, דער זיבעטער, יום השביעי.

— און ווער ביסטו? — האָבן די טעג ביי אים געפרעגט.

— איך בין שבת

— און וואָס טוסטו?

— גאָרניט — האָט שבת געענטפערט.

די טעג האָבן קוים געקענט איינהאַלטן זייער געלעכטער.

— אָבער, זאָג, וואָס איז מיט דיר באַשאַפן געוואָרן אויף דער וועלט?

האָט שבת געענטפערט:

— מיט מיר איז באַשאַפן געוואָרן די רו.

די טעג האָבן זיך איבערגעקוקט, ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט, און געשוויגן.

און דער שבת האָט געזאָגט:

— גאָט ברוך הוא האָט אַלץ פאַרענדיקט צום זיבעטן טאָג. און ער האָט גערוט אין דעם זיבעטן טאָג פון דער גאַנצער אַרבעט, וואָס ער האָט געמאַכט, און ער האָט מיך געהייליקט און דאַמאָלט האָט דער באַשעפער געקוקט מיט פרייד דורך מיר, ווי דורך אַ פענצטער, אויף אַלץ וואָס ער האָט באַשאַפן און ער האָט געבענטשט די גאַנצע ערד. איך בין דער הייליקסטער טאָג, דער גרעסטער: איך, דער זי־בעטער טאָג.

האָט זיך אָפּגערופן די זון, און אַזוי געזאָגט:

— אויב גאַרנישט טאָן, דאַמאָלט דאַרף איך אויפהערן צו שיינען אויפן זיבעטן טאָג.

האָט דער שבת געזאָגט, אַזוי צו זאָגן:

— דו, זון, מוזט שיינען אָן אויפהער. ווען די זון זאָל אויף איין טאָג זיך אויסלעשן, דאַמאָלט קען חרוב ווערן די וועלט, אָבער גאָטס באַשאַף טאָר ניט חרוב ווערן. די וועלט מוז זיין אייביק. די זון מוז אייביק שיינען.

האָט געזאָגט די ערד:

— אויב רו איז אַזאַ גרויסע זאַך, דאַמאָלט דאַרף איך אויפהערן אַרויסצוגעבן מיינע שפּראָצונגען אין דעם זיבעטן טאָג.

האָט דער שבת געענטפערט און געזאָגט:

— אויך דו, ערד, מוזסט ניט אויפהערן לעבן, און אָן אויפהער אַרויסגעבן דיין גראָז און אַלע פלאַנצן. די וועלט טאָר ניט חרוב ווערן. גאָטס באַשאַף מוז אייביק לעבן.

— און דו? — האָבן אַלע טעג געפרעגט.

— איך — האָט דער שבת געזאָגט — איך בין די הייליקע רו. רוען דאַרף דער מענטש, וואָס באַאַרבעט די ערד, רוען דאַרף דער שקלאַף און דער קנעכט, און די דינסט; רוען דאַרף דער אָקס וואָס ציט דעם אַקעראייזן. דאָס איז שבת. און אַז דער מענטש וועט רוען און אָפּוואַשן פון זיך דעם שטויב פון אַ גאַנץ וואָך, וועט די זון נאָך ליכטיקער ווערן, די נשמה אין דעם מענטשן וועט ווערן לויטע־

רער, און נאָך הייליקער וועט ווערן די גאַנצע וועלט. פון איין עק וועלט ביזן צווייטן וועט זיך טראָגן אַ ליכטיק געזאַנג. דורך מיר וועט אַמאָל אויך קומען רו פאַר אַלע וואָס ליידן, די רו פאַר אַלעמען אויף דער גרויסער וועלט. דורך מיר קומט די ברכה אויף דער וועלט!

און ווען דער שבת האָט געענדיקט די רייד, האָט זיך דערהערט אַ בת-קול פון הימל:

— שבת, דער זיבעטער טאָג. אַלע טעג זיינען הייליק. אָבער שבת איז דער הייליקסטער, דער טאָג פון רו!

דעמאָלט האָבן די טעג אַרומגערינגלט דעם שבת, אַזוי ווי קינדער וואָס רינגלען אַרום אַ מאַמען, האָבן זיך גענומען פאַר די הענט און גענומען טאַנצן און זינגען דאָס געזאַנג פון שבת:

— שבת, שבת, שבת,
די קרוינונג און די רו
פונם מלך מלכי המלכים,
הקדוש ברוך הוא.

8

וואונדער איבער וואונדער

א. אַ מעשה וואָס איז זיך פאַרלאָפן אין כעלם

ב. דער מלאך פון סדום

ג. דאָס פאַרשוואונדענע הויז

ניט זינג, נאָר רייד, דערציי֗ל מיר פּראָסט און אָפֿן:
וואָס האָט בײַ אײַך פּאַסירט, וואָס האָט געטראָפֿן?

וואונדער איבער וואונדער

אַ מעשה וואָס איז זיך פאַרלאָפן אין כעלעם

כעלעם שלאָפט און אויף אַ חלום
קומט צופליען דער באַגין.
„יאָסי כבין" וויל זען גאָטס וועלטל,
נעמט ער טלית, תפילין־זעקל,
פאַקט ער שטילערהייט זיין פעקל
שאַרט זיך טריטלדיק, בגנבה, —
בליקט צום ווייב און קוקט אויף זין,
עפנט אויף פון טיר אַ שפעלטל,
לאָזט ער זיך אַרויס — וואוהין?
יאָסי לאָזט זיך קיין לובלין.

כעלעם האָט אַ סך חכמים,
איז דער קליגסטער יאָסי כבין.
— כ׳בין און בין. — וואו ביסטו יאָסי?
קליין און רונדיק, ווי אַ פעסל,
קייקלט זיך פון גאָס צו געסל,
— כ׳בין געווען דאָ און איך בין...
פעלט צום מנין, — וואו איז יאָסי?
יאָסי־יאָסל איז ניט פסול, —
אַדרבה, נעם געפין —
כ׳שטיי ביים עמוד, כ׳בין און בין...

נאַכט. די כעלעמער חלומות
שפרינגען אום פון דאַך צו דאַך.
יאָסי כ׳בין אַז לאַנג שוין וואַך:
איז פאַראַן אַ וועלט מיט תורה,
און וואו תורה — דאָרט איז סחורה.
כעלעם, כ׳מיין — נאָר ס׳ציט אַהין!
שפאַנט שוין יאָסי, טראָגט די פאָלעס,
ווי אויף אָפצוריכטן גלות.

— גאָט פון רחמים און פון דין,
וואו איז אונדזער יאָסי כבין?

ציט דער וועג מיט גרינע גראָזן,
פעלד און וואלד, און טאָל און באַרג, —
ער האָט אַלץ צום מענטש געלאָזן,
כביכול איז ניט קאַרג.
זומער-פייגעלעך פיל-פאַרביק
פליען אום אַהער-אַהין;
יאָגן אַלע צו יאַרידן,
דאַרף מען זען, ווי לעבן יידן,
קודם כל מוז יאָסי כבין
אָנקוקן די שטאָט לובלין.

ס'האָט דאָך שוין אַמאָל געטראָפן,
אַז אַ שלאָף מיט פינגער דין,
האָט פאַרמאַכט אַ מענטשנס אויגן,
און אין טרוים אַנטפּלעקט דעם זין —
נישט געשטויגן, נישט געפלויגן —
פון אַ רעטעניש אין שרעק,
און געעפנט אים דעם וועג
צו דעם וואונדער פון אַהין...
ניט אַזוי איז זיך פאַרלאָפן
אויפן שליאַך מיט יאָסי כבין.

איז אַ מידקייט אָנגעשוואומען,
זיך צעלייגט אין יעדן ביין;
נייגן זיך די גראָזן, בלומען,
פאַרבן מאַניען — גאָלד און גרין.
יאָסי לייגט זיך, אָבער שפּעטער,
ווען ער כאַפּט זיך אויף, ווי וועט ער
זען דעם וועג — צי הער, צי הין?
פאַלט אים איין אַן עצה גיך:
ער וועט שטעלן זיינע שיך
מיט די שפּיצן קיין לובלין.

טרעפן טראָפן — ניט צום טרעפן...
פאָרט אַ פּויער מיט אַ וואָגן

פירט ער צווייגן לאַנג און דין;
גאַנצע ביימער — שייך זאָגן!
גרייכן זיי אויף אַלע זייטן,
שפּיציק-פינגערדיק, אוי וויי!
גיבן זיי די שיך אַ דריי,
(זוך אין צרות ניט קיין זין...)
קוקן שוין די שיך קיין כעלעם,
כעלעם, כעלעם, ניט לובלין.

גלעט די זון זיין קלוגן שטערן,
און אין אויער זשומט אַ בין.
יאָסי גיט זיין ברעם אַ הויב:
— זאָגט מיר, יידן, וואו איך בין?
וואָס מיר יידן, גרויסער טאַטע!
ביימער דאַוונען: ברוך אתה.
גיט ער אויך צו גאָט אַ לויב,
און די שיך — זיי קוקן, קוקן!
וועלן פירן אים — וואוהין?
ס'הייסט, וואוהין? נו, קיין לובלין...

שפּאַנט ער פריילעך, ס'איז ביי שקיעה,
נענטער, נענטער, קומט לובלין.
יאָסי וועט שוין זיין באַלד דאָרט...
מיט אַ מאָל, וואָס טוט זיך פּאָרט?
שטייט ביים עק די אַלטע חורבה,
מיט די לעכער, מיט די שדים,
וואו אַ מאָל דעם רבים איידעם
האָט פאַרבלאָנדזשעט דאָ, אָן זין...
סיידן, אַז אַזאַ מין חורבה
עקט און שרעקט אויך ביי לובלין.

כאַטקעס, הייזלעך, קרומע דעכער,
טאָפּטשעט וואַסערטרעגער נאָטע,
קריכט ער שטומערהייט דורך בלאָטע.
און די עמערס — רין און רין...

און דער קאַליקע אין פּאַליש
קרימט זיין מאָרדע, קלינגט מיט גראָשנס
אין אַ טעפּעלע פון צין.
טראַכט זיך יאָסי: — פלאי־פלאים!
גלעט די באָרד און גלעט זיין קין:
— פונקט ווי כעלעם איז לובלין.

שווערט שוין יאָסי ביי זיין נאָמען:
— ווי מען רופט מיך: יאָסי כבין, —
איך מוז זען צי אישה זלאַטע,
איז פאַראַן אויך אין לובלין.
יאָ, ביים גריבל שטייט דאָס שטיבל,
שטייט זיין אישה — פּאָטער־טאַטע!
מיט איר בעזים שטייט זיין זלאַטע.
טראַכט זיך יאָסי: — אַזאַ מין!
איז דאָך אַלץ פאַראַן אין כעלעם,
וואָס זשע דאַרף מען נאָך לובלין?

אַז עס פאַלט צו דר׳ערד דער הימל,
אויסגעהיטן זאָל מען זיין!
אויף אַ שטיין זיצט „יאָסי כבין",
טראַכט ער, איז אַזאַ מין יאָסי
אויך פאַראַן דאָ, אין לובלין?
וואַרט אַ שעה, און נאָך אַ שעה,
— כ׳בין, און בין און — בין ניטאָ...
וויינט ער... טאָרקעט אים זיין אישה:
— נו?
— יאָסי, וואָס? אַ חלום? טפו!...
בייזער חלום פון לובלין!

עס טרעפט אַ שעה...

עס טרעפט אַ שעה און ס'ווערן מיר דערווידער,
די גראַמען, ריטמען, זינגנדיקע לידער.

די אותיות — אָפּגערוקט, און עכאַדיק אַנטשווינגן,
און אַלץ ווערט אָפּגעדעקט, און אַלץ ווערט ליגן.

די שורות — אײנציקווייז, צעפּאַלן זיך די זילבן,
צעשאָטענע, צעשראָקענע, ווי קריכנדיקע מילבן.

די פּנימער געשרומפּענע און מאַסקעס, ווי ראַלעטן,
קומט אָן אַ מחנה האַריקע פּאָעטן.

קומט אָן אַ מחנה בעטלערישע שטימען —
זאָגט אײנער קדיש און דער צווייטער זינגט אַ הימען.

קריכט אײנער אויף די ווענט און קלינגט אין גלאָקן,
דער צווייטער — טריט געמאָסטענע, אַ פרושדיקער זקן.

און אַלע ביי דעם האַרצן כאַפּן זיך און בענקען נאָך אַ מאַמען,
און אַלע זיצן בעטלערדיק מיט פײערדיקע שראַמען.

און אַלע — נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל שוין לאַנג-געהערטע קלאָגן.
ניטאָ שוין וואָס צו זינגען — ניטאָ שוין וואָס צו זאָגן.

באַפאַלט אַ שנאה מיר — די ביטערקייט פון גאַלן,
אַ, וויי צו אייך, פאַרהונגערטע שאַקאַלן!

אַ, וויי צו אייך פאַרשטעלטע, נאַרישע פּאַיאַצן,
וואָס טופּען טרערנדיק מיט טאַצנדיקע טאַצן.

איך וואָלט אַזוי אַ ביטערער אַוועק אויף וועגן,
און ביי דעם ערשטן בעסטן מענטשן וואָלט איך פרעגן:

— ניט זינג, נאָר רייד, דערצייל מיר פּראָסט און אָפן,
וואָס האָט ביי אייך פּאַסירט, וואָס האָט געטראָפן.

דער מלאך פון סדום

ער האָט אַליין אונטערגעלייגט פייער צו די ווענט,
און ווערט אין דעם אייגענעם פייער פאַרברענט.

קיינער האָט ניט צעלייגט פאַר אים די עקדה,
ער און דאָס פייער — זיי ביידע.

ביי דעם קרייץ פון די שליאַכן, וואו וועגן פון ווייט, ניט-דערקאַנטער,
זיינען געלעגן אַזוי ווי אַ קנופּ אין אַ פּלאָנטער.

ביי אַ שטאָט, וואו די שרעק פאַר די הימלישע שטראָפן,
איז געגאַנגען פאַרויס מיט מלאכים און שרפים, —

איז געשטאַנען אַ חורבה מיט שימל און שמאַטעס,
זיינען געלעגן בעטלער — די מענטשלעכע לאַטעס.

די לעצטע מענטשן, די לעצטע טאָרבעס,
און געמאָסטן ביי וועמען זיינען גרעסער די האָרבעס.

און געציילט די מתים,און געציילט די פּלאָגן, —
בעטלערשע רוקנס קענען בערג גאַנצע טראָגן.

און פון יעדערנס אויג האָט געטריפט אַזאַ סם,
און ביי יעדן דאָס מויל, ווי אַ גיפטיקער שראָם.

איז געקומען, ווי שטייט דאָרט אין פּסוק: בבוקר!
אַ מענטש אָן אַ קוליע, אַ מענטש אָן אַ הויקער.

מיט בלוי אין די אויגן, ווי בלוי פונעם הימל,
געזאָגט צו די בעטלער: וואָס ליגט איר אין שימל?

די ערד ליגט אין רחבות, גאָטס וועלט איז דאָך אָפן,
אין מזרח, אין מערב, אין דרום, אין צפון.

גאַנץ וועלט איז דאָך פול, ווי געזאַמלטער שייער,
אַוועק זאָל די חורבה מיט רויך און מיט פייער!

געזאָגט האָט דער מענטש, און פון הינטן געהאַלטן,
צוויי מלאכישע פליגל באַהאַלטן.

אַ מלאך, פון אומקום, פון בשורה, פון פייער,
אין חורבן — אַ שליח, אין בוי — אַ באַנייער.

האָבן אַלע, די לאָמע, די בלינדע, די קרומע,
ווי בינען אַ מחנה זיך זשו־זשו צעזשומעט.

געקנוילט זיך אין דרייען, געקנוילט זיך אין צענען,
געקלאַפּט מיט די קוליעס: פאַרברענען! פאַרברענען!

נאָר אַז מענטש האָט דאָס פייער צעצונדן,
האָט איינער אַ מצורע מיט קנאָכיקע וואונדן,

אַ שטשירע געטאָן מיט די שפּיציקע גלידער,
און ווילד זיך צעשריען: — אוי, ראַטעוועט, ברידער!

— אַ גזלן פאַרשטעלטער, פון פינצטערע היילן,
ער נעמט און פאַרברענט אונדז די לעצטע פיר איילן.

איז ווי נאָר געזאָגט האָט דאָס אַלץ דער מצורע,
אַרויף איז אויף בעטלער־המון אַזאַ מורא:

— עי, ברידער, געכאַפּט אים! צי זייט איר ביים זינען?
— ניט לאָזט דעם צעשטערער, פון דאַנען אַנטרינען!

און ס׳האָט זיך צעפלאַקערט אַ שיפּן, אַ העשן:
— עי, ברידער, פאַרלעשן! פאַרלעשן! פאַרלעשן!

אַזוי ווי די צווייגן אין רים פון די ווינטן,
האָבן בעטלער צעוויגט זיך — פאָרויס און אויף הינטן.

די לאָמע, די בלינדע, די הינקעדיק־קרומע,
אַ ווילדער המון אין אַ ווילדער מהומה.

נאָר ווי קען מען לעשן, אַז ווענט זיינען טרוקן,
און צונגיקע פלאַמען, זיי צוקן און צוקן.

האָט צעהיצטער המון מיט צעברענטקייט פון סמען,
דעם פרעמדן געכאַפּט און געשלעפּט צו די פלאַמען.

אַ שטופּ, און דער פרעמדער מיט בלוי אין די אויגן,
געטראַכט האָט: אַמאָל איז אַ מלאך געפלויגן...

אָט וועל איך אַ צי טאָן די פליגל צו הויכן,
אַ שוועב איבער קעפּ, איבער פלאַמיקע רויכן.

נאָר פליגל — צו לאַנג אויף דער ערד דאָ געגאַנגען,
מיט מענטשלעכע תאוות, מיט קליינע פאַרלאַנגען.

די פליגל זיי קענען ניט פליען צום אויבן —
באַשווערט און באַפלעקט פון די מענטשלעכע שטויבן.

אַ וואָרף, און דער פרעמדער, ניט מלאך, נאָר בשר־ודם,
איז אַריין אין די פלאַמען, אין גיהונמשן תהום.

געמורמלט צום טויט: — כ׳האָב געצונדן די ווענט,
און ווער אין דעם אייגענעם פייער פאַרברענט.

ס׳האָט קיינער פאַר מיר ניט צעלייגט די עקדה,
איך און דאָס פייער — מיר ביידע.

און די בעטלער אַלע, די לאָמע, די קרומע,
זיי שטייען און שווייגן, זיי שטייען שוין שטומע.

זיי שטייען מיט אויגן, צעעפנט, צעצונדן,
מיט אָפענע מיילער, מיט אָפענע וואונדן.

און אויבן דער הימל, פון ווייטע אין־סופן,
עס סטראַשעט מיט נייע יסורים און שטראָפן.

און עס ציט זיך אָן עק, און עס ציט זיך אָן ענדע,
די מעשה פון סדום, די פייער־לעגענדע.

באַלאַדע פון די דריי פליער

דריי מענטשן, דריי ברידער, מיט אָדלערשע אויגן,
אין דריי עראָפּלאַנען געפלויגן.

אַריבער די בערג און אַריבער די טאָלן,
אויף עקן ווי פיש, און אויף פליגלען פון שטאָלן.

דורך וואָלקן, דורך לענדער, ווי פייל אויסן בויגן,
עס האָט זיי צו ווייטקייט, צו זוכן, געצויגן.

האָט איינער געפונען דעם נעסט פון די ווינטן,
אין אייז-בערג באַהאַלטן, אין שניי-לאַבירינטן.

דער צווייטער האָט ווייטער, נאָך ווייטער, צו צפון,
דער פעטערל פראָסט אין אַ הייל דאָרט געטראָפן.

דער דריטער, ער האָט צו דעם סוף זיך פאַרנומען,
פון איין וועלט אַרוים אין אַ צווייטער געקומען.

דריי מענטשן, דריי ברידער, מיט אָדלערשע אויגן,
אויף שטאָלענע פליגלען געפלויגן.

געפלויגן, געזען, — מיט פּראָפּעלישן ברומען
פאַרמאַטערט צוריק אין דעם היים אָנגעקומען.

נו, זיצן די ברידער באַקרוינט מיט מעדאַלן,
דאָס פאָלק אַרום זיי טוט נאָר יובלען און שאַלן.

און זיי, ווי אין טראַנס גאָר, זיי טראַכטן און קלערן:
— איז וואָס טוט מען איצטער, וואו טוט מען זיך קערן?

געפלויגן, געטראָגן, געזוכט און געפונען,
ניטאָ מער קיין סודות, די ווייטקייט צערונען.

האָט איינער, דער עלטסטער, אַזוי געטאָן זאָגן:
— ווי ס'קומט דער באַגינען, ווי ס'הייבט נאָר אָן טאָגן,

וועל איך אויף אַ ערד־פּאַס, פון וועלט אָפּגעשניטן,
אַרום מיט אַ פערד, מיט אַ וואָגן און שליטן.

וועל אַקערן, זייען און שניידן מיין קאָרן,
און אָפּלעבן רואיק די איבעריקע יאָרן.

זאָג מיטלסטער ברודער: — וואָס טויג מיר פיר איילן?
וועל גיין אין דער וועלט און וועל מעשיות דערציילן.

דערציילן פון שטורעמס פון וואָלפיש און בערן,
און אַלטע און יונגע, ווער ס'וויל נאָר זאָל הערן.

זאָגט אינגסטער: — וואָס טויג מיר דאָס זאָגן און רעדן,
איך וועל מיט אייך, ברידער, זיך איצטער צעשיידן.

האָב איינמאָל געלאָזט זיך אין פלי־וועג אין גיכן,
איך קען אויף דער ערד, ווי אַ ראַק, מער ניט קריכן.

אַזוי האָט דער מענטש אַ באַלון אָנגעבלאָזן,
אַליין זיך צוריק אין דער פוסטקייט געלאָזן.

אַוועק, און דורך רויכן — פאַרלאָשענע פלאַמען,
פאַרלוירן געוואָרן אויף קריעקע ימען.

וואָס ווייטער? דער ברודער אין פעלד, ביי די גאַרבן,
ווען ער איז געקומען אין שייער צו שטאַרבן;

עס האָבן די גלעקער גערופן, געקלונגען,
די ווייבער געכליפּעט און פּסאַלמען געזונגען.

מען האָט אים אין קבר פאַרשאָטן, באַגראָבן, —
אוי, האָבן געקראַקעט די דאָרפּישע ראָבן.

דער צווייטער מיט מעשיות פון שנייאיקע בערן,
ס'איז עפּעס געשען מיט זיין טראַכטן און קלערן.

מע זאָגט, אַז ער גייט אום אויף שטויביקע שליאַכן,
און מורמלט צו זיך ניט-פאַרשטענדלעכע זאַכן.

דער דריטער — פאַרשוואונדן, ניטאָ, און פאַרפאַלן!
גיי פרעג ביי די ימען, ביי רוישיקע וואַלן.

מע האָט אים געזוכט שוין מיט פלאַנען, באַלונען,
געזוכט און געזוכט, און קיין שפּור ניט געפונען.

און ייִנגערע דורות מיט אויגן וואָס וואַכן,
זיי לאָזן זיך ווידער אַריבער די פלאַכן.

אַריבער די שראָפן, צום ימיקן אָפן,
אַריבער די שנייען צום אייזיקן צפון.

עי, שטאָלענע פליגלען, איך טו אייך איצט בענטשן,
אויף אייער געפלי צום פאַרלוירענעם מענטשן.

אַ דאָרפישע מעשה.

דאָס פויערשע פעלד איז געלעגן אין זון —
אַ טאָג אין דעם מיטן פון זומער, איו יול.
די היישטאָל ביז אויבערשטן פענצטערל פול;
מיט הינדעלעך מאַמעט, צעפעדערטע הון;
און ס׳רוט קליינע שטיבל ביים דאָרפישן וועג,
מיט רו פון דעם שיפל געבונדן צום ברעג,
מיט רו פונעם טייכל, וואָס זשומט אין דער זון.

און פלוצלונג, אוים רו! אין דער ליכט פון דער זון
איז הויך, פון דעם פעלזיקן באַרג, פון דעם שפיץ,
געקומען צעפליען, — אַ, היט און באַשיץ! —
מיט פליגלען צעשפרייטע דער רויבער-קאָרשון.
און באַלד האָט זיין שאָטן — אַ קויליקער פלעק,
גענומען זיך דרייען מיט צוק און מיט שרעק,
אַריבער דעם ראַבער, צעשויבערטער הון.

אַ קרייז אין אַ קרייז, און עס פליט דער קאָרשון,
און רונדן אין לופטן, ווי נעצן ער וואַרפט;
מיט אויגן געקרימט, און מיט שנאָבל געשאַרפט, —
און עס יאָגט מיט די קינדערלעך מאַמישע הון.
דער הונט גיט אַ ביל און עס שטייפט זיך זיין עק;
די קו גיט אַ מו, און איר קעלבל אַ לעק, —
געבריל און געברום אין דער אָפענער זון.

אוי, ווער קען איצט שיצן די אָרעמע הון?
אָט גיט מיטאַמאָל דער קאָרשון אַזאַ טויך,
אַ שניט אין דער לופט, ווי אַ קויל פון דער הויך;
אַ פּיק, און מיט הינדעלע קליינס אין דער זון —
אַ צי, און אַ פלי, און דעם קרבן אַ וואַרג,
אַ צי צו דער הויך, צו דער ווייט, צו דעם באַרג, —
און שטומער באַשאַף בלייבט נאָך שטומער אין זון.

געשוויבערט האָט לאַנג נאָך די מאַמישע הון ;
דער פויער מיט ביקס אין דער האַנט — שוין צו שפּעט.
און איך, דאָ אַן אורח, צו זיך האָב גערעדט :
— הערשט אייביק און אייביק פּאַרצוקער־קאַרשון,
ווי שטיין, וועלכער ליגט דאָ דורך דורות פאַרמאַכט,
ווי שאָטן, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ מיט דער נאַכט,
ווען הינטערן באַרג ווערט פאַרצוקט אויך די זון...

אַ מעשה מיט צוויי יינגלעך

צוויי שול־יינגלעך זיינען געזעסן, גערעדט וועגן טויט.
איינער האָט געקייט אַן עפּל, דער צווייטער האָט געגעסן ברויט.

— געשטאָרבן, וואָס מיינט טויט ?
— נאַרישער קאָפּ, אַלץ שטעלט זיך אָפּ.
— און דערנאָך וואָס ווערט ?
— ווערן — ווערט, וואָס זאָל ווערן ? מען טראָגט אַרויס פון הויז,
מען לייגט אַריין אין דר׳ערד און אויס.
— מען ליגט איין וואָך, נאָך אַ וואָך,
— און דערנאָך ?
און אַלץ ווערט ערד.

(ערשטער יינגל,
שטעלט אַרויס אַ צינגל,
גיט אַ פייף.
שטייף :)

— דערנאָך וואָס ווערט ?
— גראָז. פון דר׳ערד וואַקסט גראָז.
— נו ?
— אַ קו מאַכט מו.
קו עסט אויף דאָס גראָז.
— און ווייטער ?
— מעלקט מען דעם אייטער,

קוילעט מען, עסט מען פלייש,
פלייש און ביין,
ביז דער טויט קומט ווידער צוגיין.

(ערשטער ייִנגל מאָדנע לאַכט,
כאַפּט אַ קוק אין דער זון,
און זאָגט אַרויס פאַרטראַכט:
— און?...)

(צווייטער ייִנגל — שלונג נאָך שלונג,
אָט אַ רייד און אָט אַ זונג — — —)
— און — און — און, אַ ווייסע הון,
מענטש מיט גראָז און גראָז מיט קו,
לאָז צורו!
ערשטער ייִנגל האָט אַראָפּגעלאָזט די נאָז,
און ציטעריק און קליין ווי אַ האָז,
איז ער אַוועק אַהיים אַזוי גיך,
די מאַמען געקושט, געגלעט אירע האָר,
דעם טאַטן אין די אויגן געקוקט,
געגלעט זיין האַנט:
— איז דאָס וואָר?..
און ביינאַכט, אין בעט אַליין
האָט ער אויף דער וואַנט,
איבער זיך,
דערזען זיין שאָטן שטיין,
אָן אויסגעשטרעקטע האַנט:
— שטילער, שאַ, —
קום, לאָמיר גיין!

דאָס פאַרשוואונדענע הויז

1

אָרעמעלייט מיט זייערע קינדער, מיט טומל און געשריי,
זיינען געזעסן אין הייזלעך אויפן נידעריקן בעי.
זיינען געזעסן, גערעדט פון קאַרנעגיע, גערעדט פון שוואב.*) —
און געקראָכן דורך זאמד, צו דער שטאָט, נאָך א דזשאב.

און דערביי, אַן א זייט, פון געהובלעוועט האָלץ,
איז געשטאַנען א הויז אין פאַראיינזאמטן שטאָלץ.

צוויי שטאָק און א האלב, און א דאַך, ווי א טיש,
געפּאלדעטע ווענט, ווי די שופּן פון פיש.

דערהויבן, פאַרצויגן, אליין און פאַרלאָזט,
א הויז צווישן הייזלעך אין רעגן און פראָסט.

קיין מענטש און קיין טראָט, ס׳איז ניטא באלעבאָס,
א שילדל : „פאָר סעיל״, און פאַרזשאווערטער שלאָס.

2

זיינען זיך צונויפגעקומען עלטערע לייט,
און דערמאָנט די פאַרלאָפענע צייט.

— אמאָל פלעגט דאָ קומען אין הייסן יון,
א רייכער מאַן זיך צו וואַרעמען אין זון.

א רייכער מאַן מיט בערדל און שניפּס,
א גראָער קאָפּ, אזוי ווי פון גיפּס.

*) שוואב, קאַרנעגי — שטאָל-מאַגנאַטן.

זיין יורש — קומט זומער: ער פליט צו אַ גליטש,
קומט ווינטער — ער יאָגט ערגעץ וואו צו אַ ביטש.

עס קוועלן מיליאָנען פון מינעס און אייל,
פאַרמאַכט דאָ די לאָדנס און: — „האוז פאָר סעיל".

3

איז אַוועק אַ שווערער ווינטער, קומט אַ פרילינג.
קומט אַראָפּ דער יורש, זוכט ער: 23 בילינג!

זוכט ער געסל, זוכט ער נומער אויס,
אַלץ איז דאָ, נאָר ס'איז ניטאָ דאָס הויז.

קלאַפּט ער מיט אַ שטעקן, טאַפּט ער מיט די פיס,
ליגט אַ שטיקל ערד אין פלעקן, ריס אויף ריס.

ליגט אַ ציגל, ליגט אַ שינדל, ברוך און בראַק,
ליגט אַ שפּענדל און אַ הענטל פון אַ האַק.

און אַ דינער סלופּ איין־איינציק, אויפן שפּיץ,
— „האוז פאָר סעיל", ווי אַ חוזקדיקער וויץ.

— הויז! ניטאָ דאָס הויז! צעטראָגט זיך אַ געשריי —
שרייט דער יורש, יאַכמערט, ליאַרעמט: — פּאָליציי!

— וואו איז מיין הויז אַוועק?
קומען אָן די בלאָע רעק.

— וואָס איז דאָ געשען?
פּאָליציי־לייט זאָלבעצען.

גייט מען זוכן. נאָר אין שטאָט וואו אַלץ איז דאָ,
איז ניטאָ קיין פרעמדע, בלאָנדזשענדיקע הויז — ניטאָ!

איז ניטאָ קיין טויער, און ניטאָ קיין שלאָס,
— ס'איז ניטאָ, באַלעבאָס!

4

וועבן וואונדער זיך אויס, לעגענדאַרישער כישוף,
אין פאַנטאַסטישע מעשיות, נאָר ניט אין אַ ישוב.

איז, וואָס איז דאָ געווען? וואָס איז פּאַרט דאָ געשען?
ס'איז אַ בייזער און גרויזאַמער ווינטער געווען.

האָבן בייסיקע ווינטן פון אָפענעם בעי,
זיך געקיילט אריבער די דעכלעך אין שניי;

און פאַריאָגט קינד־און־קייט, און געקראָכן דורך שפּאַלט,
און ניטאָ שוין קיין ברויט, און דער אויוון איז קאַלט.

איז געגאַנגען, געבראַדזשעט דורך שניי אָרעמאַן,
צום פאַרלאָזענעם הויז מיט פאַרהונגערטן שפּאַן;

גיט אַ צי, און אַ ריס, און אַ לאָדן מיט זיך, —
און געשלעפּט אויפן דיך צו זיין אָרעמער קיך.

פאַרקינדלט אַ פייער, צעוואַרעמט די הענט,
און שוין ווידער אַוועק צו פּוסט־פּאַסיקע ווענט.

העי, דו שניידיקער ווינט, לאָז דעם באַרג, ניט צעבלאָז,
אַן אָרעמער רייסט איצט פון פענצטער די גלאָז.

קומט אַ דריטער מיט פראָסט אַרום מויל, מיט אַ האַק,
און אַ פערטער שלעפּט מיט אַ פאַרלאַטעטן זאַק.

קום אַהער, און אַ בראָך, און אַ צופּ, און אַ שינד!
קומען אָרעמעלייט, קומט אַ זקן, אַ קינד.

פאַלט אַ ציגל אַראָפּ, היט זיך, היט, ס'פאַלט דער דאַך!
שלעפּ אַ ברעט, דריים אַ קלאָץ, — ניט געבליבן קיין סך.

און מע לאַטעט די הייזלעך אין באַרגיקן שניי,
ווער עס קאָכט, ווער עס באַקט — און שוין ווידער אַ גיי!

מיט די פּיצעלעך הויז דורך די סקרוכיקע פראָסט,
הין־און־הער, ווי מוראַשקעס, וואָס האָווען צום נעסט.

און אַזוי דורכן ווינטער, אַ וואָך נאָך אַ וואָך,
איז צעגאַנגען דער שניי, איז געבליבן דער יאָך.

נאָר דאָס הויז איז פאַרשוואונדן, אַוועק ביזן גרונט,
מיאַ, מיאַ — וויינט אַ קאַץ און האַוו־האַוו קלאָגט אַ הונט.

נאָר דאָס הויז איז אַוועק איבער לאַנד און צאָם.
ס'איז אַ מעשה וואָס האָט זיך געטראָפן ביים ים.

די מעשה פון וואונדער

וואו טרעפן אַלע וואונדער?
דאָס ווייסן גרויס און קליין.
פאַרטראַגן, ווייט פון קראַכן,
ביי בערג פון ווייסן שטיין,
ליגט אָפּגערוקט פון שליאַכן,
אַ שטעטעלע באַזונדער,
ליגט סודותדיק, אַליין —
ליגט טעראַ קאָטאַ, מעין.

אַ פלאַסט אויף פלאַסט — גראַניטן,
און שניי אויף שפּיץ פון באַרג.
אויף דענקמעלער צעשניטן,
שיקט מעין געשטיין אין מאַרק;
ליגט צפונדיקע שטרעק,
אי קיל, אי שטיל, אי שיין. —
דאָס שטעטל ביי קוויבעק,
אַ דענקמאָל איז אַליין.

דער אָנהייב פון דעם ישוב —
לעגענדע, ווייטער קול:
אַ פרעמדער דורך די ימען,
געקומען איז אַמאָל.
אַ פרוי מיט מאָדנעם כישוף
באַגלייט האָט אים, צוזאַמען
גענומען דלאַט און אָל —
געבויט אַ הויז אין טאָל.

געבויט, געזוכט, געפונען, —
געלייגט דעם ערשטן וועג;
און אויפגעדעקט דעם צפון, —
פּילגרים, צי ווער — ניט פרעג!
אַ קיניג איז אַנטלאָפן?
צי איז אַ שקלאַף אַנטרונען?

א סוד, געהיימער שטעג,
געהיימניספולע טעג.

פארהוילענע געשטאלטן!
צי איז דאס טרוים, צי וואר?
דורך ניסימדיקע טראפן
גייט דורך שוין דור נאך דור;
א שטעטעלע באהאלטן,
א שטעטעלע צום גאפן —
היט איין אלץ ביז א האר,
ביי פעלדזן ווייס און קלאר.

און יאר נאך יאר — דורך יארן —
א נס יאגט נאך א נס:
אמאל האט שוין געטראפן
מען האט געפירט א מת,
און מיטאמאל דער ארון
הויבט אויף זיין דעק און — אפן!
דער טויטער איז קיין מת —
— נא, וואסער, ברויט און עס!

עהע, האט זיך געטומלט,
א ראד גייט נאך א ראד.
נאר באלד א צווייטע מעשה,
לויפט אן א נייער סוד,
דער פארמער מייק, אנומלט,
דערזען האט בליטן ווייסע
אין מיטן פראסט, גאטס גנאד,
זיי בליען אין זיין סאד!

אין צייט פון קריג, פארלוירן,
געווען איז לאנד אין נויט.
א וואונדער ווי אויף שפאסן,
א קאלב מיט מאדנער הויט,
געבוירן איז געווארן,
באפינטלט און מיט פאסן,
געקראכן ביי א פלויט —
א פאן — ווייס-בלא און רויט!

מען האָט די קאַלב געטראָגן,
געלאָפן אויף און אָפּ.
מען האָט געציילט די שטאָטן,
פון עקל ביזן קאָפּ.
נאָר טאָג נאָך טאָג טוט יאָגן,
דורך ווערטער און דורך טאָטן,
מיט זון און רעגן-טראָפּ,
פאַלט וואונדער-שרעק אַראָפּ.

די נאַכט איז העל. לבנה,
שיינט מיט אַ זעלטן ליכט;
אַרום איר לייכט אַ צלם,
אין צלם אַ געזיכט.
— אַ שטראָף, צי אַ מתנה? —
צעשראָקן שטייט דער עולם,
ווי שעפּסעלעך געדיכט,
אין שטורעם אומגעריכט.

אָ, וואונדער, מאָדנע וואונדער!
ס׳ווערט רוישיקער דער שליאָך.
דאָך טרעפט און ס׳האָט געטראָפן, — — —
חלומות זיינען וואך . . .
מען הערט ניט אויף צו האָפן
צוזאַמען און באַזונדער,
פון פרי ביז שפּעט מעת-לעת,
צו וואַרטן אויף אַ נס.

מען הערט ניט אויף דערציילן —
ניטאָ צו טרוים קיין סוף.
און קומט עס ניט אין וואַכן,
דאַן פליט עס אָן אין שלאָף.
מיר אַלע אין די קראַכן,
מיר מעגן שטוינען, לאַכן
נאָר טערא-קאָטאַ קליין,
קומט אַלץ אויפסניי צוגיין!..

די פריילעכע לוויה

(אַ מעשה פון ווינטערסוויל, אָהייאָ)

מעשיות קומען און פּאַסירן,
טרעפט אַמאָל אַ נייע.
ווער עס וויל זאָל הערן, גאַפן,
זאָגן אַן די טעלעגראַפן, —
ווינטערסוויל, אָהייאָ.

ליגט דאָס שטעטל ביי די שליאַכן,
ציט זיך ווי אַ ווירע,
וווינען איינע, אַלטע שכנים,
צוים ביי צוים געבוים אינאיינעם,
דירה ביי אַ דירה.

טומלט זיך פון שטעט, פון קראַכן,
געלע, שוואַרצע, ווייסע.
אָבער איינמאָל איז אין יאָרן,
ווינטערסוויל אַרויסגעפאָרן
מיט אַן אייגענער מעשה.

אויף אַ בוים, אין מיטן שטעטל,
העכער צו די שפּיצן,
איז אַ קאַץ מיט שנעלע שוואונגען,
שפּעט באַנאַכט אַרויפגעשפּרונגען,
און געבליבן זיצן.

פרעמדע קאַץ, ווער ווייסט פונוואַנען? —
איבער אַלע דעכער.
איז פאַרגאַנגען זיך אין קלאָגן,
דורך דער נאַכט און ביז צום טאָגן,
מיאַו און מיאַו, און העכער.

קומט אַ טאָג, די שעה פון פּראַצע,
אַקערס, האַמערס, זעגן.
איבער אַלץ דאָס קעציש ווײנען,
ווילדער מיאו, וואָס קען דאָס מײנען?
הײבט מען אָן צו פרעגן.

זאַמלט רעדל זיך נאָך רעדל,
שטיפן קינדער מונטער:
— נאַ דיר מילך און פּוטער, קעצל,
קעצל, נאַ אַ פולע טעצל,
קום צו אונדז אַרונטער!!

אָבער קאַץ שוין זעקס מעסלעסן,
ברענט מיט אויגן גרינע,
דורך די בלעטער: צײנדעלעך בליציק,
שאַרף, אוואַיעדיק און שפּיציק,
גאַווערן מיט שנאה.

זשומען באַנען, עראָפּלאַנען,
לאַנד פון בראַווע, פרײע.
אָבער קאַץ האָט מיט איר קלאָגן,
אַלטע שאָטנס אָנגעטראָגן,
ווינטערסוויל, אַהײאַ.

ווײנט און מיאַוקעט. נאַכט. אין וויגן,
וואַרפן זיך די קינדער.
קוקן באַבעס דורך די שויבן,
וואַקסט און וואַקסט דער אָבערגלויבן,
בלינדע נאַכט ווערט בלינדער.

הײבט זיך אויף פון הינטער צלמים,
שרעק פון ווײטע דורות:

ע ר ש ט ע ר:

שד אויף הויקערדיקע פּלײצעס,

צווייטער:

שד טרייבט פערד ארום אָן לייצעס,

דריטער:

— גילגול פון די פּרעירים.

שרעק פאַרוועבט זיך אין לעגענדע,
יעדער שפּינט באַזונדער:

ערשטער:

בוים האָט אָנגעהויבן וועלקן.

צווייטער:

קי זיך אויפגעהערט צו מעלקן.

דריטער:

— וואונדער, בייזע וואונדער!!

פלוצלונג אין דער נאַכט אין צענטער,
ווערט דער מיאו אַנטשוויגן.
אין דער פרי אין ליכט פון זונען,
האָט מען ביי דעם בוים געפונען,
קאַץ אַ טויטע ליגן.

גייען יונגען, גייען גרעבער,
קעצישע לויה.
אַלע, אַלע, אָקן־באָקן,
ס'האָבן אויסגעפּעלט נאָר גלאָקן,
ווינטערסוויל, אָהייאָ.

מעשיות קומען און פּאַסירן,
שמחות און לוויות.
ווער עס וויל זאָל הערן, גאַפן,
שרייען אויס די טעלעגראַפן:
— נייס, נייס, נייס.

אַ מעשה וואָס האָט געטראָפן מיט אַ בוים

1

אַ בוים איז געשטאַנען, געשטאַנען, —
אַ צייט קומט צו בליען, אַ צייט קומט צו וויאַנען.

ווי נעכטן, פאַראַיאָרן — האָט ווידער געטראָפן:
אַ ווינט איז געקומען צופליען פון צפון.

וואָס בלעטער, ווען בלעטער — די פייגל פאַרטריבן,
אַליין און אַליין איז דער בוים דאָ געבליבן.

2

פיר זייטן, פיר הימלען — פון פאָרנט פון הינטן,
דער בוים האָט גענייגט זיך צו אַלע פיר ווינטן.

ציט מערב — דער בוים נייגט צו דר'ערד זיך, וויל ציען!
פליט מזרח — דער בוים וואַרפט מיט צווייגן — וויל פליען!

צו דרום, צו צפון — טרעפט ווינטן, זיי שרייען,
דער בוים שרייט מיט זיי און ער בייגט זיך אין דרייען.

אין זוניקע טעג, אונטער שטערן וואָס פינקלען, —
ביז האַרבסט האָט צעלייגט זיך אין אַלע פיר ווינקלען.

3

דער ווינט האָט געוויִט און נאָך דרום געצויגן!
דער בוים, שוין האַלב נאַקעט, האָט דאַר זיך געבויגן.

ביז שטאַר, און צעריסן, מיט שפּיציקע צווייגן —
וואָס טראַכט ער, דער בוים, אין זיין נאַקעטן שווייגן?

און דאָס איז געשען — און עס איז זיך פאַרלאָפן,
דאָס ווייסט ער, דער ווינט, פון ברוגזן צפון.

דער בוים האָט אין ווינטיקן חושך פאַרנומען:
— פאַר וואָס זאָל איך שטיין דאָ און וועלקן, און שטומען?

פאַר וואָס זאָל איך שטיין דאָ געגאַרט און פאַרלאָזן? —
דער ווינט האָט געצופּט און דער ווינט האָט געבלאָזן.

געטראַכט אין דער נאַכט — האָט דער בוים זיך צעבונדן!
אַ רים — און ער שלעפּט זיינע וואָרצלען פון גרונטן!

אַ רים — און ווי קריכיקע, גיכיקע שלאַנגען,
די וואָרצלען זיך רירן, זיך רירן — געגאַנגען!

אַ רים — און אַוועק פאַרביי ליכטיקע היימען —
די ווערים געלאָזן אויף אָפענע ליימען.

4

אַ מעשה וואָס איז אין דער נאַכט זיך פאַרלאָפן,
און וואָס האָט דערנאָך מיט דעם בוים זיך געטראָפן?

צי ליגט ער איצט ערגעץ אויף מיטן פון וועגן?
— ווי קומט ער אַהער? — שטייען מענטשן און פרעגן.

געפאַלן — פאַרהאַלטן די פערד אין די שפּאַנען.
— נו, היידאַ, אַ טראַג, נעמט אַוועק אים פונדאַנען!

אין זשאַבישן גראָבן — פאַרפוילט וועט ער ווערן — — — —
וואָס טויג אונדז דאָס טראַכטן, וואָס טויג אונדז דאָס קלערן.

דער בוים איז אַוועק, געלע בלעטער, זיי טאַנצן, —
קומט לאָמיר אַ בוים איצט אַ נייעם פאַרפלאַנצן!

אַ טרויעריקע מעשה מיט אַ שוחט

פאַרפרוירענע שויבן, איך ליג אויפן אויוון:
דערביי שטייט אַ מולטער מיט טייג אויף הייוון.

אַ וואַרעמע זויערקייט, טייג, הייב זיך העכער! —
חלה און בענטש־ליכט, און גאָלדענער בעכער.

און פלוצלונג די טיר פאַלט פאַנאַנדער אויף צווייען,
די באָבע קומט אָן מיט אַ כליפען און ווייען:

אַ שרפה, מגפה, צום זיבעטן מולד
האָט מען דעם שוחט געפונען געקוילעט.

דער שוחט — רויט־האָריק, אַ פּנים מיט פלעקן
איז געקומען אין שול מיט אַ וואַלדיקן שטעקן.

אוים שחיטה! די אָקסן פאַרשפּאַרט אין די שטאַלן,
געבונדענע עופות זיך שטעלן און פאַלן.

מיר, יינגעלעך, געהערט האָבן רייד צווישן עולם:
— ער האָט ביים מאָהילניק געוויינט פאַרן צלם.

— אויף אַ זון שטראַל געפּאָכעט די שאַרפקייט פון חלף,
געפרעגט ביי אַ הונט וואָס עס מאַכט קמץ־אלף.

— אַרום דעם בית־עולם ביינאַכט זיך געהאַלטן אין דרייען,
געוויינט און געוויינט ביז די הענער האָבן גענומען קרייען.

איז פראָסטיק אין קלויז; פאַרטרויערט קומט אָן פון שבת די מלכה,
און פלעדערמייז פליען אין שוואַרצקייט פון באַלקן צו באַלקן.

די ווייבער שלוכצן פון אויבן, און די מתפּללים אַלע —
זיי זינגען מיט אומעט: לכה דודי לקראת כלה . . .

די טרויעריקע מעשה מיטן שמש רב שאַיע

1

אַן עלטערע פרוי אין קליין־שטעטלשן הויז:
— צי איז אַזוי שפּעט נאָך דער טאַטע אין קלויז?

די טאָכטער: — סע סקריפּעט אויף דרויסן דער שניי,
צי האָב איך אָקאָרשט ניט געהערט אַ געשריי?

די מאַמע: —נעם, טו אָן דיין שאַל, לאָמיר גיין,
אַ, מאַלע־וואָס ס'דוכט זיך פון זיצן אַליין.

לאַמטערנע געצונדן, דאָס טירל פאַרמאַכט,
צוויי שאָטנס אריבערן שניי, אין דער נאַכט.

2

אָנגעפּושעט, פראָסט ווערט שטאַרק,
הייזלעך אָפּגערוקט פון מאַרק.

שפּליטער־שניי שניידט דאָס געזיכט,
אין לאַמטערנע צאַנקט דאָס ליכט.

שטומע פענצטער, ווינטער־שלאָף,
שפּרייט זיך איינזאַמקייט אָן סוף.

ליגט פאַרשאָטן אין דעם טאָל,
שטעטל, ליטווישער אַמאָל...

3

אין ליטווישן שענק, צווישן רויכיקע ווענט,
אוי, האָט זיך געטומלט, אוי, האָט עס געברענט;
געגאָסן, געפּלאָסן, אַ פלאַש נאָך אַ פלאַש,
— אַהער נאָך אַ גלעזל! — אַן עפן די טאַש! —

דריי גוים — צעפּאַטלט, צעהוליעטע קעפּ,
דריי גוים — וועזולום, קאַווארנע, אַלעפּ.

געקומען אַ שליטן מיט בייטשן, מיט ווייץ,
— ס'איז קאַלט ביי דיר, אידליק, דעם אויוון פאַרהייץ.

פאַרקויפט שוין די תבואה, נו. היידאַ, אין שענק!
— עי, מאָשקע, אַהערצו, מיט בראָנפן פאַרשווענק.

געטרונקען, געשוואוירן ביים הייליקן קינד,
געשריען, פאַרשריען דאָס וואָיען פון ווינט.

נאָר ווינטער — או-הו!— ס'ווערט פאַרטראָגן די ערד,
געוואַי און געוויי, און אַ הירזשען פון פערד.

— אַהיים! — גוטע נאַכט!
— גוטע נאַכט!
— גוטע נאַכט!
דער שענקער: ס'האָט גאָט היינט די גויים געבראַכט!

4

די שינעם שאַרף, די סליאַדן לאַנג,
עס גאָרגלט פּויערשער געזאַנג.

דער שניי פליט-אויף ווי ווייסער מעל,
און שטיקט דעם אָטעם, שטיקט די קעל.

א בייטשן-קנאַל, אַ הייסע רוט,
עס ברענט דער שניי, עס פלאַמט דאָס בלוט.
דער מאַרק איז מדברדיק און פוסט,
גייט אַ געשטאַלט און גיט אַ הוסט.

געבויגן אין אַ פעלץ פאַרדרייט,
אַהיים פון שול דער שמש גייט.
ער גייט און זעט פון ווייט זיין שוועל — — —
טראָגט אָן אַ שליטן זיך אויף שנעל.

און אין געזאַנג, אין ווילדן פלאַם,
קנאַלט-אויף אַ בייטש אין ווייסן ים.

וועזולום זאָגט: — נעם, גיב אַ שלעפּ!
רב שאַיע ליגט שוין צווישן קעפּ.

קאַוואַרנע שמייסט: — עי, פערדלעך, ברענט!
רב שאַיע ליגט שוין צווישן הענט.

ער ליגט אין שליטן קאָפּ אַראָפּ,
דער שליטן, וויאָ! גאַלאָפּ, גאַלאָפּ!

עס פולווערט העכער זיך דער שניי,
פאַרהילט דעם יידנס וויי-געשריי.

אַרויס פון מאַרק, אַרויס פון שטאָט,
— אוי, גאָט!!

עס דרייט דער וועג זיך ווי אויף טרעפּ,
עס דרייען זיך די דולע קעפּ.

וועזולום זאָגט: — ער ליגט און ברומט,
ליג, קעלבעלע, און ווער פאַרשטומט.

און ס'לאַכט אַלעפּ: — ניט פעלץ, נאָר פוך!
זאָל אומקומען פאַרשאַלטן דוך!

קאָוואַרנע שילט: — אַ הונט איז — וואָן!
אַ קריי טאָן וועט אויך ניט קיין האָן.

און אַלע דריי אַ שטופּ, אַ וואָרף,
ביים צלם צווישן שטאָט און דאָרף.

דער שליטן יאָגט, עס בילן הינט,
די נאַכט איז ווייס, די נאַכט איז בלינד,

5

פליטערלעך — שטערנדלעך וויגן זיך, פאַלן,
לייגן זיך אוים אויף די בערגלעך און טאָלן.
לייכטן ווי פאַקלען די ביימערשע שפּיצן,
פענצטערלעך קליינע באַבלומט און באַמאָלן.
הינטער דעם אויוון די באָבע טוט זיצן,
זיצט זי אַזוי ווי אַמאָל דורך די יאָרן,
— זיצט זי — אַ ליכטיקער שניי-מענטש פאַרפרוירן.
מורמלט זי: — כ׳וועל אייך אַ מעשה דערציילן:
— ערגעץ-וואו, ווייט, ליגן פינצטערע היילן,
טיף אין דער נאַכט קומען ריזן-געשטאַלטן,
קומען גזלנים דעם רויב צו באַהאַלטן.
דאָ אָבער, קינדער, האָט קיין זאַך געטראָפן,
שאַט, מיינע פייגעלעך, צייט שוין צו שלאָפן.

9

לאָמיר עס הערן אין יידיש

(לידער פון אַנדערע שפּראַכן)

װעגן װאָס זאָל דער זינגער זינגען ?
און זײַן ליד זאָל זײַן אמת און פֿרײַ ?
דער אמת איז אַלט, אַזױ אַלט,
אין געזאַנג איז דאָך תמיד נײַ.

אײדער װעלט — איז שױן שקר געװען,
שטאָמט דער אמת פֿון װײַט, אײדער־צײַט ;
אױך דער שקר איז אַלט — און װערט עלטער,
נאָר דער אמת װערט אײביק באַנײַט.

פֿרענסיס טהאָמפּסאָן

לאָמיר עס הערן אין יידיש

לאָרד בייראָנס יידישע מעלאָדיעס

.1

לאָרד בייראָן (דזשאָרדזש גאָרדאָן בייראָן) האָט די יידישע מעלאָדיעס אָנגעשריבן אויף דעם פאָרשלאָג און אויף דער בקשה פון זיין פריינט, ריטער דאָגלאַס קינײרד, פאַר אַ זאַמלונג פון יידישע געזאַנגען. אַזוי האָט בייראָן אַליין אָנגעגעבן אין אַ מין „מודעה" ביים פאַרעפנטלעכן די דאָזיקע סעריע אין יאָר 1815. צו יענער צייט ווידער האָבן די מוזיקער בראַהאַם און נייטען, (דער לעצטער — אַ חזן, אַ „קאַנטאָר") אויך פריינט פון דעם דיכטער, פאַרפאַסט מוזיק צו די מעלאָדיעס. קומט, הייסט עס אויס, אַז די מעלאָדיעס זיינען געשאַפן געוואָרן בלויז פון „פריינטשאַפט־וועגן".

אָבער ווען מען לייענט בייראָנס ווערק, ווען מען דערשפירט זיין טאָן, זיין ריטם; ווען מען באַקענט זיך גענויער מיט בייראָנס פערזענלעכקייט, — דאַן הויבט מען אָן צו האָבן דאָס געפיל, אַז ניט נאָר צוליב „פריינטשאַפט" האָט דער ענגלישער דיכטער אויסגעזונגען די היברו מעלאָדים. עפּעס טיפערעס האָט אים צו דעם געבראַכט. בייראָן, מיין איך, האָט געטראָגן אין זיך טיפע איינפלוסן פון תנ"ך. אין זיין קינדהייט זיינען די דערציער זיינע אין שאָטלאַנד מיט אים אַדורכגעגאַנגען גאַנץ תנ"ך. בייראָן האָט אַ סך פסוקים געקענט אויף אויסוועניק. און אָט אַזוי זיינען אין אים שוין אויף אייביק פאַרבליבן תנ"כישע איינפלוסן, אַ געוויסע תנ"כישע דירעקטע בילדלעכקייט; אַ מין בונטאַרישע פּראָפעטישקייט; אַן אָפנקייט און אַן עקסטאַטישקייט; אָפּט אַן אָפּקלאַנג פון אַ קהלת־טאָן, און דערצו — גרויסער ערנסט. אמת, בייראָנס ערנסט ווערט אין גאַנג פון זיין לעבן און שאַפן אָפּט געמישט מיט בייסיקייט, מיט אַ מין טראָציקייט; אויך פאַלט אַמאָל זיין ערנסט אַראָפּ, ווי אַ טייל קריטיקער ווילן האָבן, צו „ציניזם", אָדער ווערט גאָר פאַרשוואומען מיט סענטימענטאַליזם און מיט צופיל רייד. אָבער דאָך טראָגט זיין ערנסט, זיין רוף, זיין רעוואָלט און זיין התלהבות קענטיקע איינפלוסן פון תנ"ך.

אָט די איינפלוסן וואָס אין דעם רויש פון דעם בייראָן־שטראָם, ווערן זיי אָפּט

פאַרוואַנדלט בלויז אין שוים־בלעזלעך; אָט די ליכטיקע פונקען, וועלכע האָבן געגליט אין זיין בלוט, האָבן אין אים איינגעהיט אַ ליבשאַפט צו „ישראל" (אַלנפאַלס, צום אַמאָליקן „ישראל"...) און האָבן אַרויסגעזוונגען פון אים מיט די נאַציאָנאַל־ראָמאַנטישע טענער פון די „יידישע מעלאָדיעס".

די דאָזיקע לידער זיינען גוטע און קרעפטיקע שאַפונגען, כאָטש זיי זיינען ניט פון זיינע העכסטע פאָעטישע דערגרייכונגען. זיי זיינען אין אַלגעמיין גענומען, אויך ניט כאַראַקטעריסטיש פאַרן בייראָניזם, ווי דאָס האָט זיך אַנטוויקלט ביי אים גופא און דערנאָך אין דער וועלט־פאָעזיע. זיי זיינען אָבער זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אים אַליין. זיי דעקן אויף, גלויב איך, אַ באַהאַלטן ווינקל אין זיין נשמה, אַ ווינקל, וואָס איז פאַרדעקט געוואָרן מיט בייראָנס אַנדערע מער־כאַראַקטעריסטישע טענער זיינע. זיי ווייזן אַז אין תוך האָט בייראָן אפשר געביינקט נאָך ליד פון גלויבן, פון גאַנצקייט, פון רו, און ניט דווקא נאָך געשפּליטערטע טענער, נאָך צעריסנקייט, נאָך „אומרו צוליב אומרו"־לידער, וואָס זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן אויסגעשפּראָכענעם בייראָניזם.

2.

פאַראַן צווישן די 25 „מעלאָדיעס" לידער פון פיר גאַטונגען.

1. לידער קעגן פויסט, קעגן דעם „גייסט פון מאַכט"; לידער וואו דער פאָעט זאָגט פאָראויס דעם אונטערגאַנג פון די סנחריבס, פון דעם נצחון פון גאָט און פון געטלעכקייט, פון דעם זיג פון דער הייליקער נבואה.

2. לידער אויף דעם חורבן ירושלים און אויף דעם שווערן גורל פון פאָלק ישראל. דאָ הערן זיך לידער פון קלאָג און אויך טענער פון גבורה. און דערביי קלאַנגען פון האָפנונג.

אין די דאָזיקע לידער שפּירט זיך די פאָעטיש־פּראָפעטישע פאַראַכטונג צו פאַגאַניזם. עס זינגט אַרויס פון זיי די טיף־תנכ׳ישע טרייסט, אַז די רשעות וועט סוף כל סוף מוזן פאַלן און גערעכטיקייט וועט זיגן.

3. לידער פון הייליקער פרויען־שיינקייט, לידער וועגן „שיינקייט", אי אַלס באַגריף און אי אַלס דערגרייכונג. שיינקייט — אָן תאוה, אָן ערדישע באַגערן; אַזאַ שיינקייט, וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין הערלעכקייט, און וואָס איז גאַנץ אַנדערש פון דער עראָטישער שיינקייט פון בייראָנס אַנדערע לידער וועגן פרוי און וועגן ליבע. בייראָן האָט הפנים געהאַלטן אַז שיינקייט סובלימירטע, שיינקייט ווי „גאָטס קרוין", פרויען־שיינקייט אָן גוף, (אין קעגנזאַץ צום גריכישן באַגריף פון שיינקייט), איז יידישער מאָטיוו.

4. לידער וואָס האָבן אין זיך קהלת־טענער, אַ מין רעזיגנאַציע, און אויך עטוואָס טראַגישעס פון איוב, ווי אַ שטייגער דאָס אינטערעסאַנט און קרעפטיק

ליד: „ווען קאַלטקייט הילט אין מיין געביין"; אָדער דאָס ליד: „הבל הבלים" און דאָס ליד „פון איוב".

5. לידער פון מענטשלעכן נשמה־געראַנגל, דאָס געראַנגל צווישן יצר הרע און יצר טוב, וואָס איז אַזוי טיף יידיש. לידער פון חרטה, פון יאוש, פון געוויין. אַזוינע טענער, ליריש־רירנדיקע, הערן זיך אין זיין „הורדוסעס קלאָג־ליד", די לידער וועגן שאולס טויט, אָדער דאָס באַרימטע ליד „מיין זעל איז פינצטער" (וואָס דער רוסישער דיכטער לערמאָנטאָוו האָט עס אין רוסלאַנד באַרימט געמאַכט מיט — ניט קיין איבערזעצונג — נאָר מיט אַ באַאַרבעטונג).

און איבער אַלץ, איבער אַלע לידער פון דעם ציקל, שוועבט אַ רייסן זיך צו געלייטערטקייט, צום יום שכולו טוב, צו גאַנצקייט, צו רו. אפשר גאָר איז אַט דאָס געווען דער אינערער רוף פון בונטאַר — לאָרד בייראָן!

בייראָנס יידישע מעלאָדיעס זיינען פון די באַרימטסטע, וואָס ניט־יידן האָבן געשריבן וועגן יידן. איך האָב זיי איבערגעזעצט, ניט אַזוי צוליב זייער באַרימטקייט און ניט דווקא צוליב זייער פּאָעטישן ווערט, נאָר צוליב מיין אייגענעם סענטימענט. בייראָנס קללה אויפן פּאַגאַניזם, זיין רוף צו גערעכטיקייט, האָט פאַר מיר גענומען שיינען ווי אַ טרייסט נאָך די בלוטיקע היטלער־טעג. איך האָב זיך געטראַכט: — אַט איז אַ ניט־ייד, וואָס זעט אויך איין, אַז דער ייד איז ניט אומזיסט געגאַנגען צו טויט און צו חורבן און צו גלות; אַז אין דעם דאָזיקן גיין איז דאָ הייליקע עקשנות, פאַרבאָרגענער אַנזאָג, אַז די מפּלה פון אַלע סנחריבס וועט מוזן קומען.

3.

עטלעכע ווערטער וועגן בייראָנען אין אַלגעמיין.

אין ענגלאַנד איז, ווי באַוואוסט, יאָרנלאַנג אָנגעגאַנגען אַ דיסקוסיע וועגן דעם ווערט פון בייראָנס לידער. ענגלאַנד האָט אַ לאַנגע צייט אים ניט געקענט פאַרדייען. דאָס לאָרדישע ענגלאַנד האָט אין בייראָנען געשפּירט אַ פרעמדע גע־שטאַלט. יאָרנלאַנג איז אין ענגלאַנד אָנגעגאַנגען אַ גערייד צי בייראָן איז אָקאָרשט ניט געווען מער בונטאַר, ווי פּאָעט; מער פרייהייטס־ליבהאָבער, ווי ליריקער, מער פּערזענלעכקייט, ווי קינסטלער. מ'האָט אים אויך פּשוט געזידלט און אָנגע־רופן „פּראָזיאָר" און „פּאָעטישער פּאָזירער". בייראָנס נאָמען האָט געהאַט געווג אויסצושטיין, און ס'איז זייער אינטערעסאַנט וואָס אין די טעג פון קריג און וועלט־טראַגיק, אין די יאָרן 1935 — 1945, האָט זיך געהייבן די וואָגשאָל אין ענגלאַנד לטובת בייראָנען. מען איבערשאַצט און מען ענדערט אַמאָ־ליקע מיינונגען. די קריטיק זעט זיך אַרום. זיין חשיבות וואַקסט. מען דער־פילט זיין כוח און זיין גרויסן פּאָעטישן ווערט.

אָבער וואָס פאַר אַ ווערט האָבן סיי־ווי געהאַט די אַלע יע־און־ניין־דיסקוסיעס,

ווען מען נעמט אין אַכט די גרויסע השפעה פון בייראָנס ליד אויף דער פּאָעזיע פון 19־טן יאָרהונדערט, אין גאַנץ איראָפּע, און אויך אין אַמעריקע! בייראָן איז דאָך ניט נאָר בייראָן. פון בייראָן איז געוואָרן — בייראָניזם. און בייראָניזם איז געווען דער ווענד־פּונקט פון דער פּאָעזיע אין דעם 19־טן יאָרהונדערט.

אין וועלכן לאַנד האָט מען ניט געפילט בייראָנס איינפלוס? יעדע פּאָעזיע, אין יעדן לאַנד כמעט, האָט זיך געהאַט איר „בייראָן״.

אין דער רוסישער ליטעראַטור — פּושקין. און נאָך מער איז לערמאָנטאָוו — דער ריטער פון בייראָניזם.

אין דער פּוילישער איז בייראָנס השפעה גרינג צו געפינען ביי מיצקעוויטשן, ביי סלאָוואַצקין.

קריטיקער דערמאָנען: לעאָפּאַרדי אין איטאַליען, אַלפרעד דע־מוסיע, לאַמאַר־טין, און הוגאָ — אין פראַנקרייך, און נאָך און נאָך — אַלע טראָגן אין זיך פונקען פון בייראָניזם. אויך ביי היינען איז דאָ בייראָן. ווען היינע איז געווען אַ יינגל האָט בייראָן שוין געשמט מיט זיינע קאַנטאָס פון „טשאַילד העראָלד״. און ס'איז קיין ספק ניט אַז היינע טראָגט אין זיך בייראָנס ווירקונגען. (היינע איז געשטאָרבן 35 יאָר נאָך בייראָנען).

און אַז מיר קומען צו אונדזער אייגענער סביבה, צו דער יידישער, קען מען אויך גרינג געפינען בייראָנס ירושה, כאָטש צו אונדז איז דאָס שוין געקומען ניט אַזוי דירעקט, ווי עטוואָס אומדירעקט, דורך — לערמאָנטאָוו, פּושקין, היינע און מיצקעוויטש. מען קען די איינפלוסן געפינען אין די בייראָן־היינישע טענער פון מאָריס ראָזענפעלד: „קראַנק איז איינער פון אונדז ביידן; זאָגט, בין איך עס צי די וועלט?״; אין די ערנסטע און דאָך אין זיך צעריסענע בענקשאַפטן פון י. ל. פּרץ, דער עיקר אין זיינע דראַמאַטישע ווערק; אין די אויפגעהויבענע, דאָך אין תוך עלעגישע טענער פון דעם „המתמיד״ פון חיים נחמן ביאַליק, אָדער אין די בייראָנישע יאַמבן פון אַזוינע ביאַליקשע לידער ווי „בן עבי אש ועבי דם״ (י. י. שוואַרצעס איבערזעצונג: „אין וואַלקנס פלאַם, און וואַלקנס בלוט, אין מערב זינקט די זון אין בלוט״. און וויטער ווי עס גייט אין ליד: „ווער האָט מיט שאָטנס דיך פאַרפילט? אין פינצטערניש פון נאַכט געהילט? פאַרוואָס ביסטו באַטריבט, פאַרביינקט, — די וועלט איז ברייט און דיר איז ענג?״...) אין דער ווימוטיקייט פון אַ צאָל רייזענס לידער; אין די עקסטאַטישע און דאָך טראַגישע לידער פון א. ליעסין; אין די טראַציק־בונטאַרישע און אָפּט ביטער־גאַליקע לידער פון מ. ל. האַלפּערן; אין דער טעאַטראַליש־טרויעריקער דאָן־זשואַנישער פּאָזע פון משה נאַדיר; אין דעם שאַרפן דראַמאַטיזם, אין דעם קאָנפליקט און אין דעם געראַנגל צווישן „איך״ און דעם אָרום ביי ה. לייוויק; אויף דעם וואָגשאָל פון מענטשלעכן דורכפאַל, אָדער דערגרייכונג — ביי ב. לאַפּין; אין די טריט פון דעם יידישן „טשאַילד העראָלדישן „גייער״ פון מנחם באָריישאָ; אין משה קולבאַקס „בערע און בוניע אויפן שליאַך״ און **דער**

עיקר אין זיין „דיסנער־טשאַילד העראָלד״; אין די אַכט־שורהדיקע יאַמב־פּערזן פון א. לעיעלעסעס „פּאביוס לינד״ (אין דער אָפּטיילונג: „דער פרילינג גייט״...) אָדער אין לעיעלעסעס גרעסערן ליד „בייראָן״; אין דער ריטמיק פון ל. פיינבערג; אין דעם באַחנטן סאַטירישן, און דאָך מעלאַנכאָלישן איך־טרויער פון יעקב גלאַט־שטיין, — און נאָך, און נאָך. טענער פון בייראָן, און בייראָן־ריטמען, בייראָן־יאַמבן און בייראָן־אַנאַפּעסטן זיינען צעוואָרפן אין דער לענג און ברייט פון אונדזער גאַנצער פּאָעזיע.

קורץ, עס איז גאָר ניט אָפּצושאַצן ווי גרויס עס איז געווען בייראָנס השפּעה אויף דער פּאָעזיע פון דעם 19־טן יאָרהונדערט. און אויך ווייטער. בייראָנס השפּעה איז אפשר געווען נאָך גרעסער פון געטעס, און אוודאי גרעסער פון זיין צייט־חבר שעלי. געטע האָט מער דערגרייכט. געטע איז גאַנצער, צמצומדיקער, האָט מער פאָרם. שעלי האָט מער מוזיק, צאַרטקייט. אָבער קיינער קען זיך ניט פאַרגלייכן צו בייראָנס איינפלוס. די גרויס פון איינפלוס דעקט זיך ניט אַלעמאָל מיט דער גרויס פון טאַלאַנט. דאָס איז שוין ניט איינמאָל באַוויזן געוואָרן אין דער געשיכטע פון ליטעראַטור. אָבער דאָך איז איינפלוס אַ גרויסע זאַך. עס באַווייזט עפּעס. קודם כל ווייזט עס אַז דער געגעבענער קינסטלער האָט באַנומען זיין צייט, און די צייט וואָס האַלט אין אָנקומען. אַז ער האָט אָנגעכאַפּט דעם ריטם פון אַ גאַנצער עפּאָכע, און נאָך ווייטער.

בייראָן האָט געלעבט נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון 1789, און אין ברען פון די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות. און אַז מען זאָל בייראָנען פאַרבינדן מיט זיין צייט קומט אויס, אַז ער האָט אין זיך געטראָגן אַ דואַליזם — די אידעאַליסטישע רעבעלישקייט און פּאַטאָס פון דער רעוואָלוציע, פּאַטאָס צוזאַמען מיט טראַגיק, און דערביי אויך די ריקזיכטסלאָזיקייט, געוואַגטקייט, צוריקפאַל און אויך מעלאַנכאָליע, פון אַ נאַפּאָלעאָן־העלד. די רעבעלישקייט ביי בייראָנען איז ניט פון איין שניט, אויך זיין אידעאַליזם איז ניט פון איין גאַנצקייט. ער האָט פיינט דעם שלעגער, האָט אָבער וויניק ליבע פאַרן געשלאָגענעם; האָט פיינט מלכים, אָבער האָט ניט קיין וואַרימקייט פאַר מאַסע, פאַרן המון.

דאָס זיינען זאַכן וואָס האָבן צו טאָן מיט דער סאָציאַלקייט פון בייראָנס עפּאָכע. דערביי דאַרף מען נאָך צוגעבן אַ מאָמענט וואָס האָט צו טאָן מיט דעם אינדיווידו, מיט דער איבערלעבונג פון יחיד אין יענער צייט. די געוויסהייט, די זיכערקייט און ליניע־גאַנצקייט פון רענעסאַנס האָט זיך אין צוזאַמענהאַנג מיט די דעמאָלטיקע צייט־פּאַסירונגען, גענומען ברעכן. עס זיינען אַנטשטאַנען צווייפלען, קרומקייטן, זיג־זאַגעניש. עס איז פאַרגעקומען אַ ריס אין דער מענטשלעכער נשמה.

און דאָס אַלץ האָט בייראָן געשפּירט. פון דאַנען שטאַמט זיין השפּעה און די השפּעה איז אַ דויערנדיקע, ווייל די אַנטשטאַנענע געבראָכנקייט, די צייט פון

איבערקערענישן, די צייט פון זוכעניש, פון זוכן נייע גאַנצקייטן, — איז נאָך ניט פאַראיבער ביז צום היינטיקן טאָג.

4.

און איצט, צום סוף, זאָל מיר דערלויבט זיין צו זאָגן אַ וואָרט וועגן דעם מעטאָד פון דער איבערזעצונג.

ס׳איז אַ דבר ידוע: ליד, פערזן, און דערצו נאָך געגראַמטע פערזן, איז שווער צו איבערזעצן. ס׳איז שווער איינצוהאַלטן אי דעם ריטם, מעטער, אי די בילדלעכ־קייטן, קלאַנגען, און די גענויאיקייט פון לשון. ס׳איז שווער איינצוהאַלטן און איבערצוגעבן אין אַ איבערזעצונג דעם אָריגינעלן חן פון דער שפּראַך, אין וועלכער דאָס ליד איז געשאַפן געוואָרן. אַ וואָרט אין אַ שפּראַך, און אין אַ ליד נאָך דערצו, איז מיט טויזנט פעדעם פאַרבונדן מיט די מיט־ווערטער זיינע, מיט די קרובים זיינע אין דער געגעבענער שורה.

און דעריבער זיינען דאָ מיינונגען, אַז אַ ליד קען מען איבערהויפּט ניט איבערזעצן. און אַנדערע ווען אפילו שאַרף אַ זאָג טאָן, אַז אַ ליד דאַרף מען ניט איבערזעצן.

אָבער די ניין־זאָגער זיינען ניט גערעכט. איבערזעצונגען האָבן פיל באַריי־כערט אַלע ליטעראַטורן.

ווי זאָל אַ ליד איבערגעזעצט ווערן?

פאַראַן פאַרשיידענע צוגאַנגען צו דעם. אַ סך מאָנען פּינקטלעכקייט אין אַן איבערזעצונג; זיי מאָנען אַ ריכטיקע איבערזעצונג — שורה נאָך שורה.

יאָ, פּינקטלעכקייט איז אַ גרויסע זאַך. אָבער מען טאָר, האַלט איך, צוליב פּינקטלעכקייט ניט מקריב זיין דעם פּאָעטישן אָטעם פון דעם ליד, די פרישקייט פון וואָרט.

דאָס מיינט ניט אַז ביים איבערזעצן זאָל מען זיך דערלויבן אַלערליי פרייקייטן, טאָן מיטן ליד וואָס מען וויל. מען מוז, אויף וויפיל דאָס איז נאָר מעגלעך, זיך האַלטן נאָענט צום אָריגינאַל.

ס׳איז וויכטיק איינצוהאַלטן דעם ריטם פון ליד, און אויך דעם מעטער. יאַמב דאַרף בלייבן יאַמב, כאָרעי דאַרף בלייבן כאָרעי, און מיט דער זעלביקער צאָל זילבן אין דער שורה. דאָך: מען מוז אַמאָל מאַכן אַ פשרה מיט דער צאָל זילבן, אָבער ניט מיט דער פּאָעטישער איבערלעבונג. איך האָב געפּרואווט זיך אַריינלעבן אין דעם תוך פון יעדן ליד, עס זאָל אַרויסקומען פליסיק, פריש, און עס זאָל ניט קלינגען ווי עפּעס פרעמדס.

עס זיינען געווען מאָמענטן ווען איך האָב זיך געפרעגט: — ווי וואָלט בייראָן

זיך דאָ אויסגעדריקט ווען ער וואָלט זיין ליד געשריבן אויף יידיש ? איך האָב אויף דעם געפּרוואווט געבן אַן ענטפער, כאָטש געוויס זיינען ניט אַלע מיינע „ענטפערס״ מזלדיקע. איך האָב אויך געפּרוואווט געפינען אייגענע, יידישע וואָרט־קרובהשאַפטן, אַליטעראַציעס, קלאַנג־שייכותן. איך האָב דאָ און דאָרט ניט געוואָלט צוליב אַבסאָ־לוטער פּינקטלעכקייט מקריב זיין די פּינקטלעכקייט פון דער יידישער שפּראַך. אין אייניקע שורות און שטעלעס, האָב איך געמוזט אָנקומען, לפי כוחי, צו איבערדיכ־טונג, כדי אַרויסצוברענגען בייראָנס גייסט.

און איך האָף אַז גאָר אומזיסט איז מיין אַרבעט ניט געווען.

ווי געזאָגט, כ׳האָב אין בייראָנס יידישע מעלאָדיעס געפונען עפּעס אַ טרייסט. זיינע יידישע לידער זיינען מיר אין נאַציאָנאַל־שווערע טעג געוואָרן נאָך נענטער ווי פריער. איך האָב, שעצנדיק בייראָנען אין אַלגעמיין, געפּרוואווט מיטגיין מיט דעם ריטם פון זיינע מעלאָדיעס ; אויפנעמען זיין רוף קעגן פּאַגאַניזם, קעגן די סנחריבס. און אוודאי איז מיר נאָענט זיין געוויין אויף דעם חורבן פון ישראל און זיין האָפנונג אויף גאולה.

סנחריבס מפלה

אַשור לויפט — ווי אַ וואָלף וואָס אַ סטאַדע באַפאַלט;
ס'האָט זיין חייל אין גאָלד און אין פורפור געשטראַלט;
ס'האָבן שפיזן געגלאַנצט ווי די שטערן אין תהום,
ווען עס רוישט פאַרביי גליל דער נאַכטיקער שטראָם.

ווי די בלעטער פון וואַלד — ווען דער פרילינג דערוואַכט,
האָט די מחנה מיט פאָנען געשימערט פאַרנאַכט;
ווי די בלעטער פון וואַלד — אין די האַרבסטיקע טעג,
ליגט די מחנה באַגינען פאַרוועלקט אויפן וועג.

ווייל דער מלאך פון טויט האָט די פליגלען פאַרשפרייט,
און זיין אָטעם אין פנים פון שונא געווייט;
זיינען אויגן אין שלומער געוואָרן פאַרקילט —
האָבן הערצער געפּלאַצט, און אויף אייביק פאַרשטילט.

און דער קריגס-פערד, אָט ליגט, ברייט-געעפנט זיין נאָז,
נאָר עס גליט ניט אין אים פון נצחון דער פלאַם;
ס'איז דער שוים פון זיין גסיסה פאַרגליווערט אין גראָז,
ווי די ווייס-קאַלטע פיענע ביים ברעג פונעם ים.

און דער רייטער אָט ליגט — זיין געזיכט אַזוי בלאַס,
ס'איז זיין פאַנצער פאַרראָסט — און זיין שטערן איז נאַס.
די געצעלטן פאַרשטומט, ס'האָט די שפיז ניט געפּראַלט,
ס'האָט די פאָן ניט געווייט, דער טראָמפּייט ניט געשאַלט.

די אַלמנה פון אַשור גיסט טרערן אַ קוואַל,
ס'ליגט דער אָפּגאָט צעשטערט אין די טעמפּלען פון בעל.
און דער פיינט — וועם' דער שווערד ניט געמאַכט האָט צו שפּאָט,
איז צעגאַנגען ווי שניי אינעם אָטעם פון גאָט!

די זעאונג פון בלשאצר

דער קיניג אויפן טראָן,
און טויזנט ליכט אין זאַל;
סאטראפּן אויבנאָן,
ס'איז גרוים אין רויש דער באַל.
די כוסות גאָלד־געגילט,
יהודהס קדושה־שיין, —
גאָטס כלים אָנגעפילט
מיט יין־נסך וויין.

אין זאַל, אין זעלבער שעה,
אַ פינגער פון אַ האַנט,
ווי שרייבנדיק אויף זאַמד,
באַווייזט זיך אויף דער וואַנט.
דער פינגער פלייש און בלוט,
נאָר האַנט — געשפּענסטיק, בלויז, —
ווי אַ מכשפהס רוט
רופט אות נאָך אות אַרויס.

בלשאצר קוקט אין שרעק,
זיין בליק ווערט בלוטלאָז, ווילד:
— זאָל זיין צום טאַנץ אַן עק!
זיין קול אין קעל פאַרקילט.
— רופט אַלע קלוגע לייט,
די קליגסטע פון מיין לאַנד,
כ'מוז ווייסן דעם באַדייט
פון וואָרט־שפּרוך אויף דער וואַנט.

די כשדים זיינען קלוג,
נאָר דאָ — עס פעלט זיי רייד;
זיי ווייסן ניט גענוג
צו ווייסן דעם באַשייד.

און בבלם אַלטע לייט,
אין כישופֿן געניט,
זיי זוכן דעם באַדייט —
דער פּתרון קומט דאָך ניט.

אַ פֿרעמדער און אַ שקלאַף,
געפֿאַנגען אין דעם לאַנד,
ער זעט דעם מאָדנעם כּתב,
און ווייס, וואָס ס׳שרייבט די האַנט.
די לאָמפּן העל, אַ פּראַכט —
די זעאונג אויך איז קלאָר,
דער יונג באַשיידט בייַנאַכט,
פֿרימאָרגן ווייזט — ס׳איז וואָר.

— בלשאצרם גרוב געענעט,
זיין קיניגרייך צעפֿאַלט
און ער, אין גורלם הענט,
ווערט ליים, ווערט קליין און קאַלט.
זיין טראָן ווערט קבר־שטיין,
תּכריכים — פֿון זיין טראַכט;
קומט מדי שווין צו גיין,
און פּרס רויבט זיין מאַכט.

אַ שטערן

זון פֿון די שלאָפֿלאָזע, מעלאַנכאָלישער שטערן!
דיין טרערנדיקער שטראַל גליט ציטערדיק און ווייט;
דו ווייזט דעם חושך, וואָס דו קענסט דאָך ניט צעשטערן, —
ווי גלייך ביסטו צו פֿריידן פֿון פֿאַרגאַנגענהייט!
אַזוי דאָך גליט דער עבר — דאָס ליכט פֿון ווייטע יאָרן,
וואָס שיינט, דאָך וואַרעמט ניט מיט אָפּשיין אין זכרון, —
אַ נאַכט־שטראַל, וואָס דער צער וויל טיף אין זיך באַהאַלטן,
העל — דאָך ניט צום גרייכן! קלאָר — דאָך, ווי! — ווי קאַלט.

אויב מיין האַרץ...

אויב מיין האַרץ, ווי דיר דוכט, איז מיט פאַלשקייט פאַרסמט,
וואָלט איך קיינמאָל אין גלות פון גליל אַוועק;
איך דאַרף בלויז פאַרשווערכן מיין פאָלק, און כ'פאַרמעק
בייזע פלוך, וואָס דו זאָגסט, איז די זינד פון מיין שטאָם.

אויב די שלעכטס קיינמאָל זיגט — דאַן שטייט גאָט אויף דיין וועג,
אויב עס זינדיקט נאָר שקלאַף, ביסטו פריי און אָן פלעק;
אויב געיאָגטער אויף דער ערד ווערט אין הימל פאַרשפּאַט —
טאָ לעב מיט דיין געץ, איך צום טויט גיי פאַר גאָט.

איך האָב פאַר מיין גלויבן פאַרלאָרן פיל מער פון דיין גאָב,
ווי ס'ווייסט ער, וועלכער גיט דיר דיין גוטס און דיין האָב.
ער היט מיין האָפנונג און זעל, און מיין לעבן און לאַנד
האָב איך איבערגעלאָזט צוליב אים אין דיין האַנט.

דאָס געזאַנג פון שאול המלך פאַר זיין לעצטער שלאַכט

קריגער און הויפטלינג! אויב שווערד אָדער פייל,
וועט מיך דערהרגען ביים פירן גאָטס חיל,
איבער מיין גוף, כאָטש אַ קיניגס, אין טאָל —
ציט קעגן גת מיט דעם בלאַנקיקן שטאָל!

דו, נושא כלים, מיין אָנזאָג איז היינט:
אויב מיין אַרמיי ווערט דערשראָקן פון פיינט,
שטעך מיך, און וואַרף מיך אין בלוט צו דיין טראָט,
איך נעם דעם גורל, וואָס האָט זיי באַדראָט.

כ'שייד זיך מיט יעדן, מיט דיר ניט צעשיידט!
זון פון מיין האַרצן, און יורש פון טראָן!
לייכט זי, די קרוין, איז מיין מאַכט אַזוי ברייט —
מלכותדיק איז ער דער טויט, וואָס קומט אָן!

שאול ביי דער מכשפה אין עין-דור

— דו, וואָס גייסטער ברענגסט אַרויף,
וועק פון טויט דעם נביאס גייסט.
— שמואל, נעם, דיין קאָפּ הייב אויף!
— קיניג, זע, פּראָפעט זיך ווייזט!

די ערד זיך שפּאַלט, אין מיטן פון אַ וואָלקן-רינג ער שטייט,
דאָס ליכט זיך בייט און ווערט פון די תכריכים אָפּגעשיידט;
דער טויט באַוועגלאָז קוקט פון אויגן גלאָזיק, שטאַר,
די אָדערן פאַרוועלקט, און האַנט — געשרומפּן, דאַר;
זיין פּוס מיט ביינער-ווייסקייט לייכט אין גרויל,
קנאָכעדיק, אָן הויט, געשפּענסטיק-הויל;
און פון די שטומע ליפּן און אָטעמלאָזן גוף
קייכט קול, ווי ווינט, פון טיפער הייל אַרויף.

שאול זעט און הערט, און גיט צו דר'ערד אַ פאַל,
ווי ס'פאַלט אַ דעמב אין וואַלד אין דונערקנאַל.

— „ווער האָט מיר מיין רו געשטערט?
ווער וועקט מתים פון דער ערד?
מלך, דאָס ביסטו אַליין?
זע, ווי קאַלט ס'איז מיין געביין,
וואָס מיט מיר וועט זיין מיט דיר, —
מאָרגן נידערסטו צו מיר,
איידער נייער טאָג פאַרשווינדט,
פריער דו, דערנאָך דיין קינד;
בלויז איין טאָג פון פרייד און שיין,
שימלט באַלד דיין ליים מיט מיין;
דיך מיט שטאַם — פאַרשעמט, באַזיגט,
פייל נאָך פייל האָט דורכגעפליקט;
פירט דיין האַנט אַליין די שווערד
צו דיין האַרץ און פאַלסט צו דר'ערד;
פאַלט אָן קרוין, אָן קאָפּ, אָן מאַכט
שאולס הויז — אין לעצטער שלאַכט!"

זי שוועבט אין שיינקייט . . .

זי שוועבט אין שיינקייט, ווי עס שוועבט די נאַכט
אין שטערן־רוים, אין ספערן הויך און בלאָ;
און אַלץ וואָס שיינט פון שאָטן אָפּ מיט פּראַכט
אין אויסשטראַלונג ביי איר אין אויג איז דאָ;
פאַרוויגט אין יענעם שטילן ליכט פון נאַכט —
וואָס איז ביים שרייענדיקן טאָג ניטאָ.

איין שטראַל בלויז ווייניקער, איין שאָטן מער,
וואָלט האַלב געפעלט פון נאָמענלאָזן ליכט,
וואָס וויים פון שוואַרצן צאָפּ, פון יעדן קער,
און ליכטיקט צאַרט אַריבער איר געזיכט, —
וואו לויטערער געדאַנק דריקט אויס, אָן וואָרט,
ווי ליב און ריין עס איז זיין וואוינונגס־אָרט.

און אויף דעם שטערן, אויף דער באַק זיך צינדט,
באַרואיקט ווייך אַזוי, דאָך אויפגעוואַכט,
די פאַרב, וואָס גליט, דער שמייכל, וואָס געווינט, —
דערמאָנט אָן טעג אין גוטסקייטן פאַרבראַכט,
אַ האַרץ אין אומשולד, אָן אַ שפּור פון זינד,
איר זעל מיט אַלץ אין שלום זיך פאַרבינדט.

אין מיטן בלי

אָ, אין דיין שיינקייט אָפּגעפּליקט,
קיין שווערער שטיין דיין קבר דריקט;
נאָר אויף דיין גראָז אין פרילינג-פרי,
די רויז אַנטפּלעקט איר ערשטן בלי,
דער ציפּרעס-בוים זיין אומעט שטיל פאַרוויגט.

און אָפט ביים שטראָם, אין בלאָ צעגליט,
וועט קומען צער מיט שטילער טרער,
און טרוימען לאַנג, און טראַכטן שווער,
און גיין געהיט, מיט לייכטע טריט —
אָ, ליבער נאַר! דער טויט הערט סיי־ווי ניט.

פאַרשווינד! די טרער איז דאָך אומזיסט!
עס ווייס ניט פון קיין פּיין דער מת;
נאָר וואָס דען העלפט, אַז טרויער פליסט,
קען זיין אבלות גרינג און לייכט?
אויך דו, וואָס זאָגסט: פאַרגעס, פאַרגעס! —
דיין בליק איז שטאַר, דיין אויג איז פייכט.

יפתחס טאָכטער

אויב ס׳וויל גאָט און דאָס לאַנד, אַז דיין קינד
ווי אַ קרבן זאָל ווערן געבראַכט, —
אָ, מיין האַר, ברענג צו גאָט מיך געשווינד,
ס׳האָט דיין נדר געוואונען די שלאַכט.

ס׳איז געשטילט פון אבלות מיין טרער,
און די בערג ניט באַהאַלטן מיך מער;
אויב די האַנט פון פאַרטרווישאַפט מיך שעכט,
איז דער וויטיק מיר גרינג און — גערעכט.

דו, מיין פאָטער, דו ווייסט דאָך אַליין,
אַז דאָס בלוט פון דיין טאָכטער איז ריין;
ווי די ברכה — גיב איידער עס שפּריצט,
ווי דער לעצטער געדאַנק, וואָס באַשיצט.

כאָטש פון חברטעס הערט זיך געוויין,
דו, זיי העלד און זיי ריכטער אַליין!
איז דורך מיר די סכנה פאַרביי,
און מיין פאָטער און לאַנד זיינען פריי.

ווען דאָס בלוט פון מיין קרבן איז קיל,
און דאָס קול וואָס דו ליבסט איז שוין שטיל —
זיי דאָך שטאָלץ! ניין, איך בין ניט קיין מת,
כ׳האָב געשמייכלט ביים טויט — ניט פאַרגעס!

דו האָסט געוויינט

איך זע, דו וויינסט, דיין טרער — זי פאַלט
אַריבער אויג פון בלוי;
מיר האָט זיך אויסגעדוכט: עס שטראַלט
אַ בלויער טראָפּן טוי.
דו האָסט געשמייכלט — וואונדער-ליכט!
דער סאַפּיר-פלאַם בלייבט קאַלט
אַנטקעגן שיין פון דיין געזיכט,
און בליק פון דיין געשטאַלט.

ווי וואָלקן הינטער זון אין גלי —
טריפט צאַרט און ווייך אין רוים;
און שאָטן, אין זיין אָוונט-פלי,
קען אים פאַרלעשן קוים;
אַזוי דיין שמייכל לינדערט פּיין, —
זאָל זיין ווי טונקל, שוואַרץ! —
לאָזט הינטער זיך, ווי זון, אַ שיין,
וואָס ציטערט אין מיין האַרץ.

תשעה-באָב

פון דעם באַרג וואָס האָט לעצט אויף דיין מקדש געקוקט,
כ'האָב דיך,ציון, דערזען! פון די רוימער פאַרצוקט!
לעצטע זון אין פאַרגיי, און פון חורבן דער בראַנד,
האָט געוואָרפן אַ שיין אויף מיין בליק — צו דיין וואַנט.

כ'האָב דיין טעמפל געזוכט, און די היים, וואָס פאַרשטומט,
ניט געשפּירט גאָר די יאַכיקע קנעכטשאַפט, וואָס קומט;
כ,האָב דעם טויט-פלאַם געזען, וואָס דיין וואוינאָרט פאַרלענדט,
און די קייט, וואָס פאַרשמידט פון נקמה די הענט.

און פאַרנאַכט נאָך פאַרנאַכט, הויכער באַרג, און אליין, —
האָט דערגליט לעצטן שטראַל פון די טעג אין פאַרגיין;

כ׳האָב געזען פון דעם שפּיץ — בין השמשות, געהיים, —
ווי עס נידערט און לעשט זיך דער בליק אויף דיין היים.

שטיי איך ווידער אויף באַרג אין דעם טאָג פון דיין פּאַל,
נאָר מיך קימערט ניט מער דער פּאַרנאַכטיקער שטראַל;
אָ, וואָלט בעסער אַ בליץ איצט זיך שניידיק צעשיינט,
און אַ דונער געקראַכט אויפן קאָפּ פון דעם פיינט.

ס׳וועט דער געץ דאָך דיין נאָמען ניט מאַכן צו שאַנד
אין דעם היכל, וואו דו האָסט גערוט אין דיין לאַנד;
און דיין פאָלק, כאָטש צעזייט און צעשפּרייט, און צו שפּאָט,
וועט אַלץ בעטן, אָ, פאָטער, צו דיר נאָר, צו גאָט!

אָ, וויינט ...

אָ, וויינט מיט די, וואָס האָבן ביי דעם בבל־טייך געוויינט,
וועמ׳ס לאַנד עס איז אַ חלום נאָר, זיין טעמפּל איז צעשטיינט;
באַוויינט יהודהס האַרף אין בראָך, אין חורבן ניט געשוינט,
אבלים — וואו ס׳האָט גאָט געוואוינט, דער גאָטלאָזער איצט וואוינט.

וואו זאָל ישראל אָפּוואַשן די בלוטנדיקע פיס?
און ווען־זשע וועלן ציונס לידער ווידער קלינגען זיס?
און דאָס געזאַנג יהודהס ווען וועט הייליק, ווי אַמאָל,
די הערצער אויפבראוזן מיט פרייד אין ציטער פון גאָטס קול?

וואוהין קענט איר אַנטרינען איצט צו רוען אויף דער ערד,
איר, שבטים פון דעם וואָגלער־פוס, מיט האַרץ אַזוי באַשווערט!
דער פוקס, ער האָט זיין הייל, עס האָט איר נעסט די ווילדע טויב,
די פעלקער — זייער לאַנד, ישראל בלויז — דעם קבר־שטויב.

ביי די ברעגן פון ירדן

אַראַבער-קעמלען בלאָנדזשען אום, וואו ירדן פליסט,
אויף ציונס הויכקייטן דאָרט קניט פון געץ דער פּריסט;
און אויף באַרג סיני זוכט דער בעל זיך אַן אָרט, —
דאָך, גאָט, אויך דאָרט דיין דונער רוט, אפילו דאָרט!

דאָרט וואו עס האָט דיין האַנט די לוחות אויסגעברענט,
דאָרט, וואו דיין וואָלקן האָט צום פאָלק מיט ליכט געבלענדט;
דיין רום פאַרבאָרגן אין אַ קלייד פון פייער רויט,
און דו — ס'קען קיינער דיך זען און זאָל ניט בלייבן טויט.

אָ, קום, דערשיין אין בליץ, און וואַרף דיין בליק אויף דר'ערד!
ריים פון דעם שונאס ציטערדיקער האַנט די שווערד!
ווי לאַנג וועט פיינט דיין לאַנד פאַרשוועכן מיט זיין טראָט?
ווי לאַנג וועט שטיין אַליין דיין מקדש-פּלאַץ, אָ, גאָט?!

דער העלד

דיין טאָג פאַרשווינדט, דיין רום באַגינט,
דאָס פאָלק אין ליד באַערט
דעם זיג פון אויסדערוויילטן קינד,
די שלאַכטן פון זיין שווערד;
מיט שטאַרקער האַנט — פאַרבּרייט דאָס לאַנד,
און פרייהייט אומגעקערט.

ווי לאַנג מיר זיינען פריי, דיין מוט
ווערט ניט פאַרדעקט מיט טויט;
כאָטש ס'איז אויף דר'ערד געפלאָסן רויט,
דאָך זינקט ניט איין דיין בלוט —
זיין גלי שטראָמט אונטער אונדזער הויט,
דיין גייסט אויף אונדז נאָך רוט.
דיין שם — אַ רוף, וואָס צינדט, באַזעלט
די מחנה צום געפעכט;

דיין פאַלן — שטייגט אַרויף, צעהעלט,
אין מיידלס כאַר-געפלעכט.
ניט קלאָגט, באַדויערט ניט דעם העלד,
געוויין זיין רום פאַרשוועכט!

דער ווילדער הירש

דער ווילדער הירש אויף יהודהס בערג
אַנציקטערהייט נאָך שפּרינגט;
און פון די טייכלעך, גאָטס געווערק,
אַ פריידיקער ער טרינקט.
מיט לייכטן טראָט, מיט אויג צעפלאַמט,
קוקט ווייט, און פריי, און ניט געצאַמט.

אַ טראָט אויף פלינק, אַן אַנדער בליק,
האָט יהודה דאָ געזען;
וואו ס'חורבנט איצט פאַרלאָרן גליק,
איז הייליק קינד געווען!
דער צעדער אויף לבנון שטייט,
די שלאַנקע טעכטער — ווייט, צעשפּרייט.

געבענטשטער פון ישראלס שטאַם,
איז פאַלמע-בוים אויף פליין;
וואו וואָרצל גראָבט, אין שאָטנס צאַם,
דאָרט בלייבט די פאַלמע שטיין.
קוים בייט זי אָרט, ווערט זי צעשטערט,
זי וואַקסט ניט אויף קיין אַנדער ערד.

נאָר מיר פאַרשעמטע מוזן גיין,
געיאָגט פון לאַנד צו לאַנד;
און וואו פון אבות ליגט געביין —
מיר ליגן ניט ביינאַנד.
פאַרצוקט, פאַרוויסט איז טעמפּלס פּראַכט,
אויף ציונס טראָן זיצט שפּאָט און לאַכט.

ביי די טייכן פון בבל

מיר זיינען געזעסן און פאַרגאָסן טרערן
ביי די טייכן פון בבל, און האָבן געטראַכט
פון דעם טאָג, ווען דער פיינט, אין געשריי פון דער שלאַכט,
האָט ירושלים צערויבט אין צעשטערן;
און, ווי! אירע טעכטער פאַריתומט געבליבן,
זיי זיינען אין יאָמער געוואָרן פאַרטריבן.

מיר האָבן פאַרטרויערט געקוקט אויף די וואַלן,
און געזען ווי דער טייך ציט אַ פרייער זיין גאַנג.
האָט דער שונא געמאָנט: — זינגט ישראלס געזאַנג!
אָ, ניין! ס'וועט דער פיינט אָט דעם זיג ניט דערהאָרן, —
די האַנט מיינס די רעכטע וועט בעסער פאַרדאַרן,
די הייליקע האַרף וועט פאַר פרעמדע ניט שאַלן!

מיר האָבן אויף ווערבע די האַרף אויפגעהאַנגען;
אָ, מיין לאַנד, ס'מוז דיין ליד דאָך ווען ווערן באַפרייט!
פון דער שעה, ווען דיין פּראַכט איז געפאַלן אין שטרייט,
דיין אָנזאָג דער לעצטער ער איז ניט פאַרגאַנגען:
— עס זאָל זיך דער קלאַנג פון דער האַרף אַזוי זויבער,
ניט מישן מיטן קול פון דעם פיינט, פון דעם רויבער!

אין דעם טאָל פון די טייכן

(וואַריאַציע)

אין דעם טאָל פון די טייכן מיר האָבן געוויינט,
און געטראַכט ווי ס'איז ציון געוואָרן צו שאַנד;
מיט געבויגענע קעפּ און מיט הערצער פאַרשטיינט —
דאָך טיף אין נשמה געלויכט האָט דאָס לאַנד!

אונדזער הייליק געזאַנג וויל דער פיינט, נאָר אומזיסט!
אין דעם האַרץ שטומט דאָס ליד, ווי אויף באַרג שטאַרבט דער ווינט.
ס'וויל דער שונא די האַרף, — אונדזער בלוט נעם, פאַרגיס!
רעכטע האַנט וועט ניט רירן די סטרונעס אַצינד.

אויף דער ווערבע פאַרשטילט, פון דעם עלנטן בוים
הענגט די האַרף, טויט-אַראָפּ, ווי אַ בלאַט וואָס פאַרוויאַנט —
איז געשמידט אונדזער האַנט, נאָר די טרער האָט קיין צוים,
און זי גיסט זיך פאַר גאָט און פאַר ציון — זיין לאַנד!

דודס האַרף

די האַרף, באַרירט פון קיניג־זינגער,
געזאַלבט פון מענטשן, און אויסדערוויילט פון גאָט,
האָט, וויינענדיק, געמאַכט דעם טרויער גרינגער,
ווען האַרץ פון הערצער האָט איר ליד געזונגען.
פאַרטאַפּלט אירע טרערן! די סטרונעס זיינען איצט צעשפּרונגען!
האָט מאַן פון אייזן אויך געבויגן,
געוועקט האַרטנעקיקן צו גנאַד!
קיין זעל, ווי קאַלט, האָט ניט געקענט פאַרנויגן
איר הייליקן געפּיל, דעם פייער פון איר טאָן, —
ביז ס'איז געוואָרן דודס האַרף נאָך מעכטיקער פון טראָן.

זי האָט דערציילט פון מלכס זיגן,
און פלאַטערדיק געטראָגן לויב צו אונדזער גאָט;
זי האָט געמאַכט די בערג זיך וויגן,
די טאָלן זינגען, די צעדער זיך צו בויגן,
איר קלאַנג התלהבותדיק האָט הויך צום הימל זיך געצויגן.
זייט דאַן, כאָטש אויף דער ערד אַנטשוויגן,
דורך טריישאַפט, און דורך איר טאַכטער: ליבע, —
איר גייסט, איר בענקשאַפט, ווערט גערופן אויבן,
צו יענעם קלאַנג, וואָס קומט פון טיפן גלויבן,
צום טרוים, וואָס ליכט פון טאָג קען איבער דעם ניט זיגן.

יענע וועלט

אויב יענע הויכע וועלט, וואָס קומט נאָך דער,
געטרייע ליבע אייביק היט;
אויב ס׳היים געליבטע האַרץ דאָרט גליט,
דאָס זעלבע אויג, נאָר אָן אַ טרער, —
דאַן זײַ געבענטשט, געהיימע ספער!
ס׳ווערט זיס דער טויט, פון ערד געשיידט —
צו זען, אָ, אייביקייט, ווי שרעק
צערינט, און אין דײַן ליכט פאַרגייט.

ס׳מוז זײַן אַזוי! ניט זיך צוליב
מיר ציטערן ביים לעבנס-סוף;
אַריבערשפּאַנען ווילט זיך גרינג,
דאָך קלאַמערט האַנט אָן לעצטן רינג.
אין יענער צוקונפט גלויב און האָף,
וואו האַרץ מיט האַרץ געגאַרט זיך בינדט,
און זעל מיט זעל ביים לעבנס-קוואַל
אין בונד, אין אייביקייט, זיך צינדט.

מיין זעל אין פינצטער...

מיין זעל אין פינצטער, אָ, גיך צי אָן די האַרף,
ווי לאַנג איך קען נאָך איינזאַפּן דיין ליד!
און זאָלן דיינע פינגער דין און שאַרף,
אַריינמורמלען ס׳געזאַנג אין מיין געהער.
אויב אין מיין האַרץ אַ לעצטע האָפנונג טליט,
זאָל קלאַנג זי אויפוועקן צעגליט,
אויב ס׳לויערט נאָך אין אויג אַ טרער,
אַרויספלאַצן זאָל זי — ניט ברענען מער!

זאָל ניגון זיך צעוויגן טיף און ווילד,
און ניט פון פרייד זאָל אויפשאַלן דיין סטראָף!
אָ, זינגער, הער, כ׳מוז וויינען איצט, כ׳בין קראַנק,
מיין האַרץ פאַרגייט אויב ס׳ווערט ניט באַלד געשטילט.
כ׳האָב שווייגענדיק אין שווערע נעכט, אָן שלאָף,
גענערט, געשטיקט זיך מיט מיין פּיין צו לאַנג, —
און איצט, איך וויים עס קומט די לעצטע שטראָף,
דער סוף — אויב ניט די האַרף מיט איר געזאַנג!

הורדוסעס קלאָג ליד אויף דעם טויט פון מרים*)

דאָס הארץ פאַר ווערמען, מרים מיין,
דו האָסט געבלוטיקט — פאַרבלוטיקט איז אַליין געוואָרן.
נקמה איז געוואָרן פיין,
חרטה ווילד געקומען איז נאָך צאָרן.
אָ, מרים, וואו ביסטו, אָ, וואו?
דו קענסט איצט מיין געבעט ניט הערן;
און ווען דו וואָלסט געהערט — פאַרגעבן מיר וואָלסטו,
כאָטש גאָט וויל ניט פאַרנעמען מיינע טרערן.

און איז זי טויט? ווער האָט איר מיין באַפעל
פון וואַנזין, אייפערזוכט געוואָגט צו ברענגען?!
פאַרמשפּט איצט איז אויך מיין זעל,
די שווערד, איר סוף, אַריבער מיר טוט הענגען.
נאָר דו, דערמאָרדעטע, ביסט קאַלט,
מיין טונקל הארץ אומזיסט טוט בעטן
צו איר, וואָס שוועבט דאָרט אין די הויכקייטן באַשטראַלט,
ווייט פון מיין זעל, וואָס קיינער טאָר ניט רעטן.

אַוועק די מלכה פון מיין קרוין!
אַראָפּ אין קבר מיט מיין פרייד צוזאַמען;
געבליט האָט זי פאַר מיר אַליין —
אַ רים געטאָן די בלום פון יהודהס שטאַמען!
די שולד איז מיין, דער גיהונם מיין,
איך קען זיך קעגן סוף ניט ווערן,
מיר קומט די מאַטערניש און פּיין,
וואָס, ניט פאַרצערט, — זיי טוען מיך פאַרצערן.

---

1) מרים (מאַריאַמנע) די קיניגין, וועמען הורדוס האָט אַליין פאַרמשפּט צום טויט.

ווען קאַלטקייט הילט איין מיין געביין

ווען קאַלטקייט הילט איין מיין געביין, —
ווי גיט זיך הויך דער גייסט אַ הויב!
ער שטאַרבט ניט, דאָך ער בלייבט ניט שטיין,
נאָר וואַרפענדיק פון זיך דעם שטויב,
צי פליט ער דאַן, באַפרייט פון צוים,
צום וועג פון געטלעכן פּלאַנעט?
צי פילט ער באַלד דעם גאַנצן רוים
מיט זעאונג אָן — אַן אויג וואָס זעט?!

אומשטערבלעך, פריי — און ניט צעשטערט —
זעט אַלץ, כאָטש אים זעט קיינער ניט;
און וואָס געווען אויף הימל, ערד,
ער נעמט אַרום, מיט זיך נעמט מיט.
דער שוואַכסטער שפּור פון ווייטער צייט,
וואָס טליעט אין זכרון קוים, —
מיט בליק, וואָס דרינגט פון רוים דורך רוים —
ווערט פון פאַרגעסנהייט באַפרייט.

ער דרינגט דורך כאָאָס וויסט און לער,
צום ערשטן מענטש, צו ערשטער שטים;
צום וועלט-געבורט, און גאַנג אַהער, —
צום בראשית ברא אלהים;
און צו דער צוקונפט, גוט, צי שלעכט, —
זיין בליק דערזעט, וואָס איז נאָך ווייט;
צי זון זיך לעשט, צי וועלט זיך ברעכט, —
דער גייסט רוט אין זיין אייביקייט.

הויך, איבער האָפנונג, האָס און שרעק,
לעבט ריין, און העל, און אָן באַגער;
אַ דור פאַרפליט — אַ יאָר ניט מער,

אַ יאָר, ווי ס'וואָלט מינוט אַוועק.
אין אַלץ, דורך אַלץ, אַן פליגל פליט
אומענדלעך אייביקער געדאַנק, —
דער גייסט, וואָס האָט פאַרגעסן לאַנג
דעם צער פון אומקום און פון טויט.

פון איוב

אַ גייסט האָט פּלוצלינג זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט,
איך האָב דערזען: די אייביקייט האָט ס'פּנים אָפּגעדעקט.
שלאָף פאַלט אויף יעדנס אויג, נאָר ניט אויף מיין,
ער שטייט אַן אָנבליק, נאָר אין אַ קדושה־שיין.
אַ פּחד איז מיר דורך, אַדורכגענומען יעדן ביין,
די האָר פאַרשטייפט, איך הער, עס רעדט דער גייסט אַליין:

— קען מענטש דען זיין גערעכטער, הייליקער פון גאָט?
פון אים וואָס שפירט קיין שלמות אויך אין שרפים לויב?
איר ברואים פונעם ליים, באַוואוינער פון דעם שטויב,
דער מאַיל האָט לעבן אויך — דער מענטש וואָס האָט?
באַשאַפן אויף איין טאָג, קומט נאַכט און ער פאַרגייט,
פאַרשטאַרט און בלינד צו חכמהס ליכט, וואָס איז אומזיסט צעשפּרייט.

הבל הבלים אָמר קהלת...

רום, חכמה, מאַכט געווען איז מיין,
און יונגשאַפט האָט מיין בלוט געוואַרעמט;
מיין כוס האָט זיך געריט מיט יעדן וויין,
און ליבסטע האָבן מיך געאָרעמט;
מיין האַרץ האָט זיך גע׳זונ׳ט אין שיינהייטס בליק,
מיין זעל געווען איז אונטערטעניק, —
וואָס ערד פאַרמאָגט, פון שטערבלעכקייט דאָס גליק,
געהערט האָט אַלץ צו מיר — דעם קיניג.

איך זוך איצט אין זכרון יענע טעג,
פון פרייד, פון אַלץ, וואָס ערד קען געבן;
וואָס זיי צוליב וואָלט איך אויף לעבנס־וועג,
געוואָלט זיי ווידער איבערלעבן;
קיין טאָג, קיין שעה איז ניט אַוועק מיט פרייד,
וואָס זאָל מיט צער ניט זיין צוזאַמען, —
און יעדע ציר, וואָס האָט מיין מאַכט באַקליידט,
האָט אין מיין לייב געטריפט מיט סמן.

די שלאַנג אין פעלד, מען קען מיט שפרוך, אָן שמאַרץ,
מיט כשופן, איר גיפט פאַרקלעמען, —
נאָר יענע שלאַנג, וואָס קנוילט זיך אויף מיין האַרץ,
אָ, ווער האָט קראַפט זי איינצונעמען?
מען קען זי ניט פאַרנאַרן מיט געזאַנג,
און חכמה ווערט פון איר אַנטמוטיקט,
עס שטעכט אַלץ בייזער, סמיקער די שלאַנג,
און ס׳האַרץ און די נשמה בלוטיקט.

פערזן פאַר מוזיק

זיי זאָגן האָפענונג איז גליק,
נאָר בענקשאַפט צום אַמאָל גאָר קומט!
דערמאָנונג וועקט דעם טרוים צוריק,
צום ערשט געוועזן, צום לעצט פאַרשטומט.

און וואָס זכרון צערטלט, ליבט,
געדאַרפט האָט אין דער האָפענונג זיין;
וואָס האָפענונג האָט אַדורכגעהיפט,
איצט לייכט גאָר אין דערמאָנונגס־שיין.

אָ, ווײ! ס'איז אַלץ אַ פאַלשער קול!
די צוקונפט נאָרט פון ווייטן לאַנד;
מיר זיינען ניט, וואָס אין אַמאָל,
און וואָס איז איצט — איז אונדזער שאַנד.

לידער פון סערגיי יעסענין

(רוסישער פּאָעט: 1895 — 1925)

דער וועג

אין דעם לאַנד פון אויסגעקרימטע פּלויטן,
קראָפּיווע און טאָרף, —
וואו צו ווערבעס האָט זיך צוגעטוליעט —
יתומדיקער דאָרף.

דאָרט, דורך פעלדער, הינטער בלאָ פון קוסטעס,
ביי דעם וואַסער-גרין —
קריכט אַ וועג דורך זאַמדן ביז סיביריען,
ביז די ברעג אַהין!

האָט געוואַגט, און ביז מאָרדוואַ און טשודאַ
איז פאַרגאַנגען רוס!
גייען מענטשן אָפן וועג, געשמידטע,
שלעפּן פוס נאָך פוס.

גייען, גייען מערדער, צי גנבים,
ווי ס׳איז זיי באַשערט;
האָב איך ליב גאָר זייער בליק פון אומעט,
באַקן אָפּגעצערט.

צופיל פרייד ברענגט אוים פון פרייד ביי מערדער,
האַרץ איז פּראָסט און הויל,
נאָר דורך שוואַרצע פּנימער עס קרימט זיך
אַזאַ בלאָ ביים מויל.

אײַן געדאַנק באַהאַלט איך און איך צערטל,
כ׳בין אין האַרצן רײַן!
נאָר אויך איך װעל האַרבסטיק װען צעשנײַדן,
עמיצן ביזן בײַן.

װעט מען מיך אַזוי דורך זאַמדן נעמען
אין דעם װעג אַרײַן,
מיט אַ קנופּ אויף האַלדז — אין ענגע קלעמען,
ליב צו האָבן פּײַן.

און װען איך װעל שטאָלצן שמײכל װעקן —
שפּרײַזנדיק אָן שרעק,
װעט דער שטורעם מיט זײַן צונג פֿאַרלעקן
מײַן פֿאַרלעבטן װעג.

אין אַ שניי־שטורעם

שניי־שטורעם שטעכט זיך, צעפּאַלט זיך, ווי שפּליטער
הענגט די לבנה — פאַרפרוירענער בלענד.
שוואַרצט זיך דער היימישער פלויט דורך געוויטער,
און ביי אַ פענצטער אַ פייערל ברענט.

היימלאָזע, טוען מיר פיל דען באַדאַרפן?
זינג איך, ווען איך האָב נאָר עפּעס דערגרייכט.
ברויט אַף אַ טיש מיט אַ מעסער אַ שאַרפן,
און ביי דעם טיש זיצט מיין מאַמע פאַרבלייכט.

קוקט און עס הענגען די טרערן אַף ברעמען,
שווייגט, ווי זי וואָלט גאָר קיין צער ניט געאַנט, —
וויל זי דעם לימענעם טעצעלע נעמען,
שפּרינגט איר דאָס טעצל אַרויס פון דער האַנט.

טייערע, גוטינקע, צערטלעכע, אַלטע,
אָ, ווי דו האָסט זיך אין שאָטנס פאַרוועבט!
הער ביי האַרמאָניקע — שנייאיקער, קאַלטער,
כ׳וועל דיר דערציילן ווי איך האָב געלעבט:

איך האָב געוואָגלט, געזוכט — ניט געטראָפן,
איך האָב געליטן, געליבט אויף דער וועלט;
און כוליגאַניש מיט שוים זיך פאַרלאָפן,
ווייל ס׳האָט דיין גוטסקייט מיר שטענדיק געפעלט.

אָט, און איך וואַרעם זיך ווידער ביים אויוון,
באַחוועסע פּים און צעשפּילעט דאָס העמד.
האָף איך שוין ווידער — אָ, קינדערשער גלויבן!
האָף איך און גלויב פון פאַרוואָגלטער פרעמד.

און הינטער פענצטער אין שנייאיקן כליפּען, —
ווילדער און בלענדיקער שנייאיקער כישוף,
דוכט זיך מיר: ס׳בליען זיך ווידער די ליפּעס,
ליפּעס פון ווייסן אַמאָליקן ישוב.

אין אַ ווינטער־נאַכט

הערסט — די שליטן יאָגן, פערד־טריט גאַלאָפּירן.
גוט איז מיט געליבטער זיך אין ווייט פאַרלירן.

גלעקל קייקלט זיך אַף פעלד דעם אויפגעדעקטן,
שעמעוודיקער ווינטל איבער וועג געשטרעקטן.

אָ, דו שליטן, שליטן! פערד, וואָס שפּריצט מיט פונקען,
ביי דעם וועלדל נאַקעט טאַנצט אַ קליאָן באַטרונקען.

צוגעפלויגן, — קליאָן, וואָס טוסטו? און ניט צו פאַרזאַמען,
טאַנצן מיר שוין שיכור אַלע דריי צוזאַמען.

מיין טרייע

בלאָער קאַפּטל, בלאָע אויגן אויפגעדעקט —
איך האָב איר דעם אמת ניט אַנטפּלעקט.

ס'האָט געפרעגט מיין געטרייע: „שנייט נאָך אַזוי שפּעט?
איינהייצן דעם אויוון, מאַכן דיר דאָס בעט?"

האָב איך איר געענטפערט: „פון די הויכן שיט
עמעצער אַ ווייסן, שמעקנדיקן צוויט.

הייץ, פאַרהייץ דעם אויוון, מאַך דאָס בעט אַצינד,
ס'טראָגט זיך זאַווערוכיק אויפן האַרץ אַ ווינט" . . .

ס׳פייפט דער ווינט...

ס,פייפט דער ווינט, דער זילבערנער ווינט,
זיידענער שאַרף פון דעם שנייאיקן רויש, —
צום ערשטן מאָל האָב איך אין זיך געדאַכט:
אַזוי האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געטראַכט.

זאָל אויף די שויבן זיך פייכטן דער שימל,
כ׳בייג ניט מיין קאָפּ מער און קום ניט באַטריבט.
סיי ווי סיי האָב איך פאַרליבט זיך אין לעבן,
קינדיש, אַמאָליק, זיך ווידער פאַרליבט.

קומט מיר אַ פרוי מיט אַ שמייכל אַנטקעגן,
רעגט זיך מיין בלוט שוין — אַ, וואָס פאַר אַ פּלייצעס!
טראָגט זיך אַ טראַיקע, — אַ נעם פאַר די לייצעס,
יאָג איך שוין ווידער אויף כוואַליקע וועגן.

אַ, איר דערגרייכונגען, פרייד מיינס, נצחון, —
ליב האָט די ערד אונדזער מענטשלעכן גליק.
דער, וואָס האָט איינמאָל געוויינט אויף דער ערד,
אים איז שוין קיינמאָל קיין גליק ניט באַשערט.

מ׳דאַרף לעבן פּראָסטער, מ׳דאַרף לעבן גרינגער,
אָננעמען אַלץ, וואָס עס גיט אויף דער וועלט.
אָט פאַרוואָס יאָגנדיק קאַלט איבער וואַלד —
ס׳פייפט איצט דער ווינט, דער זילבערנער ווינט.

דער קאָטער

וויפיל קעץ זיינען דאָ אויף דער וועלט,
ניט צום ציילן — קיין צאָל איז ניטאָ.
שפּרייט זיך ריח פון פרישינקע אַרבעס,
קלינגט אַ שטערן פון רוימיקן בלאָ.

איז דאָס וואָר, איז דאָס טרוים, איז דאָס בענקשאַפט?
קומט דער ווייטער אַמאָל אַלץ צוריק.
אויפן אויוון ליגט קאָטערל, מורקעט,
שפּיזט זיך גלייכגילטיק אַזוי פון זיין בליק.

איך בין דאַן נאָך געווען אַזוי יונג, —
נאָר פון באָבישן ניגון און קוק,
ווי אַ טיגער גיט קאָטער אַ שפּרונג,
אויפן קניילכל, אויף דער ערד, ווי צום צוק.

אַלץ אַוועק, כ׳האָב די באָבען פאַרלאָרן,
נאָר דערנאָך — לויפט די צייט אין גאַלאָפּ,
איז פון קאָטער — אַ היטל געוואָרן,
און אַרויף אויפן זיידישן קאָפּ.

אַ בריוו צו דער מאַמען

לעבסטו נאָך, מיין מאַמע, אַלט און שוואַך?
איך לעב אויך — געגריסט זאָלסטו מיר זיין!
פּלאַטערן זאָל אויף דיין נידעריקן דאַך
אַונטיקער, סודותדיקער שיין.

שרייבט מען מיר: באַהאַלטנדיק דיין שרעק,
זאָרגסט זיך, טרויערסט, איבער מיר, דיין זון:
בלאָנדזשעסט אום אין דאָרף, אַן איינזאַמע אין וועג,
אין דיין אַלט-פאַרלאַטעטען שושון.

מאָלט זיך פאַר די אויגן דיר אַ טייוולישע בילד —
בלאָ פון אָונט ווערט שוין טונקל-שוואַרץ,
עמעצער אין אַ קאַבאַק באַטרונקען, ווילד,
רוקט אַ מעסער מיר אַריין אין האַרץ.

ניין, זיי רואיק; ניט מען שלאָגט מיך, ניט מען שטעכט —
דאָס איז נאָר אַן אָפּדוכט, בייז און שווער.
איך בין דאָך ניט אַזאַ שיכור, ביטער, שלעכט,
איך זאָל שטאַרבן דיך ניט זעענדיק שוין מער.

כ'בין נאָך אַלץ דאָס זעלבע יינגל — גוט און צאַרט;
און עס ווילט זיך און עס טראַכט זיך בלויז,
אַז באַפרייענדיק זיך פון מיין מזל — וויסט און האַרט,
זאָל איך ווידער קומען אין דיין קליינעם הויז.

יאָ, כ'וועל קומען, מאַמע, ווען אין פרילינג-בלי
אונדזער ווייסער סאַד וועט אויפהייבן זיין בליק,
נאָר דו, מאַמע, זאָלסט ניט אויפוועקן מיך פרי,
ווי אַמאָל מיט יאָרן אַכט צוריק.

וועק ניט אויף, וואָס האָט זיך לאַנג שוין אָפּגעטראַכט,
אָפּגעטראַכט און אָפּגעדאַכט און ניט געשען.
פרײַ, צו פרײַ, האָב איך אין לעבן — בייזע נאַכט —
אומגליק, אַנווער, אויף מיין וועג דערזען.

לערן מיך ניט, מאַמע, תפילה טאָן צו גאָט —
צום פאַרגאַנגענעם קיין אומקער איז ניטאָ.
דו נאָר ביסט מיין איינציק הילף, מיין טרייסטנדיקער גנאָד,
דו, מיין וואונדערשיין מיין לעצטער אין מיין לעצטער שעה.

אָ, פאַרגעס דיין ווייטיק; אָ, שטיל איין דיין שרעק,
טרויער מער ניט איבער מיר, דיין זון, —
גיי ניט אום מער נאַכטיק אויפן וועג,
אין דיין אַלט-פאַרלאַטעטן שושון.

אַ, טײערע...

די בלומען, בײגנדיק די קעפּלעך,
זײ זאָגן מיר אַזוי געהײם :
דו גײסט אַוועק, וועסט קײנמאָל מער ניט זען —
ניט איר געזיכט און ניט דײן הײם.

אַ, טײערע, געזען, געווען אויף דר'ערד,
נו, וואָס איז דאָ צו טרויערן אויף דעם ? ?
און אָט דעם קבר־ציטער — ניט געווערט, —
ווי אַ נײע צאַרטקײט איך פאַרנעם.

און ווײל איך האָב אין לעבן אַלץ געזען,
דערגרײכט, און שמײכלענדיק פאַרבײ —
איך זאָג אויף יעדן שריט : — אַלץ וואָס געווען,
קערט אום זיך פון דאָס נײ.

וואָס מאַכט עס אויס ? אַ צווײטער קומט נאָך מיר,
ער וועט מײן צער דאָך ניט פאַרשלינגען.
פאַר איר, פאַרלאָזענער, פאַר איר, פאַר איר —
אַ בעסער ליד וועט ער נאָך זינגען.

און שטיל פאַרנעמענדיק די בעסערע געזאַנגען
וועט זי, מײן גליק — אין נײעם גליק,
דערמאָנען זיך, קען זײן, אָן מיר — פאַרגאַנגען —
ווי אָן אַ בלום, וואָס בליט שוין קײנמאָל ניט צוריק.

פון אַמעריקאַנער פּאָעטן

ראָבערט פראָסט

דער אָנפאַל

ס,איז אַלע מאָל אַזוי, ווען אין באַשערטער נאַכט
דער שניי צונויפגעזאַמלטער רייסט זיך אָפּ און פאַלט,
און טראָגט זיך ווייס אַריבער אָפּגעדעקטער ערד, —
ווי ווייס קען ווייס נאָר זיין אין פינצטערן וואַלד, —
און נידערט מיט אַ שיפּנדיק געזאַנג,
וואָס וועט זיך מער ניט הערן גאָר דעם ווינטער לאַנג, — —
ווערט וואַקלדיק מיין טראָט פון קוקן אויף און אָפּ,
ווי איינער וואָס דערזעט — דער סוף האָט אים דעריאָגט,
גיט אויף זיין שליחות, וועג, און וואַרט — זאָל טויט אַראָפּ
און טרעפן זאָל ער אים אָט דאָ גלייך אויף אַן-אָרט;
קיין שלעכטס געטאָן, קיין זיג געהאַט — ניט דאָ, ניט דאָרט, —
ווי ס'וואָלט זיין לעבן קיינמאָל, קיינמאָל ניט געטאָגט.

און דאָך פון פריערדיקע צייטן ווייס איך קלאָר,
ניט איינמאָל האָט דער טויט אין שטורעם-צייט פון יאָר,
שוין אויסגעפּרוּווט די ערד, — באַפאַלן, דאָך אומזיסט!
מעג אויסקוקן די וועלט פאַרטראָגן און פאַרוויסט,
מעג שניי פאַרשיטן הויך בעריאָזע, דעמב און קליאָן, —
ניט איינהאַלטן וועט ער דעם קריי פון צאַרטן האָן,
וואָס האָט זיך נאָר-וואָס אויסגעפּיקט, אַרויס פון איי.
איך וועל נאָך זען אַ טאָג, ווען ס'וועט צעשמאָלצן שניי,
זיך לאָזן באַרג אַראָפּ אין שמאָלן וואַסער-פּאַס;
וועט דורכבליצן זיין עק — אַנטלויפנדיקע שלאַנג —
דורך קוסטעס, וואָרצלען ווילד, צעפּוילט און טויט שוין לאַנג.
ס'וועט קיין זאַך בלייבן ווייס, נאָר דאָ און דאָרטן קוים —
אַ שפּריץ פון שניי אויף קירכע-דאַך, אויף שפּיץ פון בוים.

דזשאַים קילמער

דער צוג, צוועלף־פינף־און־פערציק

אין דזשוירזי סיטים דאַך־הויז שטייט
אַ לאָקאָמאָטיוו צו פאָרן גרייט.
ער זידט און טרייסלט מיטן קאָפּ,
און רייסט זיך פון די רעלסן אָפּ.
דער רויך — אַ פליגל ווייס און רויט,
אין פנים פון דער נאַכט ער ווייעט.
די שטערן ווייט, פאַרוקט אין זיך,
זיי גלימצערן — דער צוג פליט גיך.
אַנטקעגן פינצטערניש פאַרשפּרייט
מיט ליכט, מיט שרעק — ער גייט
דער ווישיקער רעבעל, די באַן!
ברעכט דורך די נאַכט מיט ווילדן שפּאַן,
שפּייט אויס זיין טראַציקייט פאַרשייט,
שטעקט שאַרף זיין צונגיק פלאַם און שרייט —
און לאָזט קיין שפּור ניט אויף זיין שליאַך.
ווייל פינצטערניש — אי טויט, אי וואַך —
דער האַר פון יעדער, יעדער זאַך,
ליגט אומבאַרירט, ווי אַלע מאָל,
ליגט אויסגעשפּרייט אויף באַרג און טאָל.

די הייזער דרעמלען טונקל, שטיל
אין רוטערפאָרד און קאַרלטאָן היל;
דער צוג־לאָמפּ מאַכט געדיכטער, שטאַרק,
דעם חושך אין פּאַסעיקער פּאַרק.
און דרעמל האַלט איין מידע טריט,
וואָס וואַנדערן דורך פּראָספּעקט סטריט.
קלינג־קלאַנג — וועמען אַרט דען אונדזער רוף?
עס מאַכט זיך דאָך קיין טיר ניט אויף
צו זען וואָס וויל אין שפּעטער שטונד

דער שרייענדיקער וואַגאַבונד.
אויף מיין געקישלט רויטן זיץ,
אין פֿאַבריצירטער ליכט און היץ
איך פיל זיך אומנאַטילעך, קליין.
איך זע, די שטעטלעך הויל און ריין,
געשיצט פון רויש — די שעה פון רו —
זיי נעמען גאָטס מתנה צו.
די שטערן אָפן — ליכטיק ברעם —
אויף קליפּטאָן און אויף בעטלעהעם.
מלאכים נייגן זיך פון רוים
און נידערן מיט ליכט און טרוים.
און איך — איך טראָג זיך הפקר־ווילד,
דורך וועלט וואָס איז איצט איינגעשטילט.
דער בלישטש, דער גרילץ — וואָס קרעכצט און רופט,
פאַרשוועכט די נאַכט־געבענטשטע לופט.

אין לעיקוויו הייזעלעך געשטערט
פון שלאָף — זיי טוליען זיך צו דר'ערד.
אויך פּעטערסאָן — פון רויש און ברום —
רוט ווי אַ נאָנע, גוט און פרום.
און אירע לייט פון טאָגיק קריג
זיי היטן אָפּ די נאַכט, דעם שלאָף,
דעם וואַפּנשטילשטאַנד אָן אַ זיג.
און וואָס איז אונדזער ציל און סוף?
ווער טרייבט אונדז אין דער נאַכט אַריין?
אַ פליכט אַ שליחות — פרייד צי פּיין?
אָ, וועלכער סוד יאָגט אונדזער ראָד?
איילט מיט אונדז אַ קיניגס גנאָד?
און אפשר צווישן בערג אין נאַכט
גייט אום דער טויט, ווי צו אַ שלאַכט
מיר טראָגן זיך — זאָל טויט אַוועק!
און אפשר גאָר מיט ווילד געיעג
מיר מאַכן קירצער נאָך זיין וועג
צום קרבן ווייט און ניט געדאַכט.
קען זיין אַ פרוי אין פּיין אַליין

זיך וואַרפט און האָרכט: — צי קומט, צי ניין? —
דער צוג וואָס זינגט — אַ מלאך פליט
און טראָגט אין פליגל באַלזאַם מיט.

ס'קלינגט: האָטהאָרן! — אַ גאַס, אַ הויז, —
שפּרינגט עמיץ אויף, רייבט אויגן אויס,
גייט גענעצדיק אַרויס פון צוג —
די טריט פאַרקלינגען אויפן ברוק.
ווערט פּלוצלונג אַלץ מיר העל און קלאָר:
ניט ווילד איז אונדזער לויף — פאַרוואָר!
און ניט קיין שד האָט אונדז געבראַכט
צו שטערן הייליקייט פון נאַכט.

העלט ליבשאַפט אויף — קומט אָן די באַן,
ברענגט מיט מיט זיך אַ קינד, אַ מאַן.
לייכט וואונדערלעך אויף באַרג און טאָל
דער טראָט פון שימערדיקן שטאָל.
איך פיל איצט גלען-ראַק וואַרט און וואַרט,
און רידזשוואודס טרוים — ניט אָפּגענאַרט.
דער צוג קומט אָן, אָט איז די בריק,
די קינדער קומען שוין צוריק.
און אָט אַזוי — אי דאָרט, אי דאָ,
ברענגט גאָט אונדז אין אַ גוטער שעה.
האָהאָקוס, וואַלדוויק, שמייכלען אויף
און כאַפּן אונדז אין אונדזער לויף,
און מאַהוואַ בעט מיט מילדן בליק
אַ טאַטן צי אַ זון צוריק.
די באַן וואָס לויפט מיט טאָג און שיין,
טרייבט מענטשן אין דעם יאָך אַריין.
די מיטנאַכט באַן איז אַלט און קליין,
נאָר הערט — זי קומט דורך באַרג און פּלעין
עם פינקלען שויבן אויף אין שפּעט,
פאַר יעדן איז געגרייט אַ בעט.
גאָט, בענטש דעם צוג אין שטילער נאַכט,
וואָס האָט מיך איצט אַהיים געבראַכט.

לעאָנאָראַ ספּעיער

מיין געשטאַלט

אָ, הימל, מעסט אָפּ מיין געשטאַלט,
און זאָג מיר, אַז איך מיט געזאַנג
קום נענטער אהין, צו די שטערן,
בין קליין דאָך געווען אַזוי לאַנג!

אָ, ווינט, נעם באַוועג מיך, און וועג, —
וואָס זאָגט דיין צעווילדעטע וואָג?
דעם רווח פון פּיין, און די פרייד פון אַ וואָרט,
איז אַלץ וואָס איך האָב און פאַרמאָג.

האָריזאָנט, שטרעק זיך אויס!
און אַ ציִ צו דער ווייט — דיין געשאַנק!
אָ, ראַנד פון דער וועלט,
צעברייטער מיין בליק מיט געדאַנק.

זייִ, הימל, מיין ענדלאָזע טיף,
דו, ווינט, זייִ מיין הויך און מיין ברייט, —
אָ, וועלט, זייִ דער שטח פון האַרץ,
און בענקשאַפט — מיין פליגל צעשפּרייט!

וויליאַם עלערי לעאָנאַרד

1. ישראל

זינגער פון הימנען, וואָס האָט ביים סיני-באַרג געהערט,
דאָס פייער-קול, טרומפייט, און אייביקן געבאָט;
בויער פון טעמפּלען, וואָס האָט באַגין געזען, ווי גאָט,
פון ציונס באַרג שלאָגט געצנדינער מיט זיין שווערד;
פּליט פון ראַסן, וואָס היט יאָרהונדערטער, פון שרעק גענערט,
דיין שבת און באַלוינונג, דיינע יום-טובים און אַ שכר!
אויף וואָגלער-בעט פון שטרוי, דו, זיגער איבער צער,
קום אַריין צו אונדז, ישראל, דו, קינד, פון גרויסן האַר!

דאָ, מיט דורותדיקן רוף, ביים פעלקער-ים,
די שטערן גריסן דיך און שיינען שלומדיק און שיין.
דאָ הענגט דער רעגנבויגן-בונד, און פּאַרכטיק, פריי
דאָ וואַרטן דיינע בערג. — קום, און פיל אונדז אָן מיט קדושה-פלאַם.
מיר האָבן אַ וואָרט צו זאָגן, און אַן עבודה לויטער-ריין,
אויב דו זאָלסט אונדזער זעל, ווי דיין, נאָר הייליקן אויפסניי.

2. דער בעטלער

— ווען די שיפן קראכן, און טורעמס פאלן אין שפּאַט,
דאַן לויפט נאָך מענטשן נאָך, דורך פעלד און דורך שטאָט,
אַ מאָנענדיקער בעטלער אין אַ סירישן קלייד.
ער דערציילט און ער זינגט פון זיין בלייכער לייד.
און ער יאָגט זיך צום מארק און צום קירכע־וועג,
ביי די וועגענער, האפננס, פון ברעג צו ברעג.
— אַ פעני, אַ פעני, — און ער וויינט אויס זיין פיין,
איבער מיליאָנען מייל פון דעם רעלסן־שיין.
און די הייזער פון לענדער, ווי געשטעלט אין איין ריי,
די וועכטער פון קראָמען האלטן איין דאָס געשריי.
און דער טויער פון באנק עפנט ברייט זיך און גאַנץ,
און ער קומט און ער דרינגט דורך בלומען און טאַנץ...

איך האָב אים איינמאָל געזען אויף טראַפאלגער סקווער,
דערנאָך אין לעמאָס, און ער יאָגט אויך אַהער.

כאָטש ער האָט ניט קיין קוליע, און קיין בלינדע טרער, —
דאָך וואָלט יעדער געטרויערט, ווען ער בעטלט ניט מער.
ווי ער שטרעקט דאָס זיין האַנט, און זיין ליד אַזוי אַלט:
— מיינע קינדער... הונגעריקע... מיינע קינדער... קאַלט.

ווען די דאָמבע פלאַצט, און דער טייך פליסט מיט רויט,
און די ערד זיך צעשפּאָלט, און דער וואַלד ברענט מיט טויט,
און קאַנאָן־שיסעריי אַ פאַר־שרפה׳ונג צעשפרייט, —
הער די קלאָג פון דעם בעטלער אין דעם גלילער קלייד.
ווייל נאָך שטאַרקער פון קנאַל איז דאָס ליד פון זיין לייד.

ווי ער כאַפּט אייך מיט האַנט, און מיט ליד אַזוי אַלט:
— מיינע קינדער... הונגעריקע, מיינע קינדער... קאַלט.

כ׳האָב אים לעצטנס געזען אויף בראָדוויי, אין אַ האַסט,
וואו דאָך־צייכנס ברענען אויף ראַנד און אויף מאַסט.

דזשאָן גולד פלעטשער

בטחון

פינצטערע כמאַרעס רוקן זיך אויף מיר, און יעדער וועג ווערט מיר
פאַרשטעלט;
נאָר ניט דער וועג צו מערב, וואו גרויסער טויט פון זון איז איצט
צעברענט.
איך שרעק זיך ניט פאַר די וואָלקנס, און ניט פאַר טאָג, וואָס ווערט
פאַרלענדט,
מיין האַרץ קלאַפּט פול און שטאַרק מיט יעדן אָטעם־צוג, בטחון
קוועלט, —
בטחון אין יענעם טייל, וואָס איז ניט מיין, נאָר איז געגעבן מיר צום נוץ.
דער טייל וועט ווייטער לעבן, מעגן זונען פאַלן אין פינצטערניש
געדיכט, —
בטחון אין דער ליבע, וואָס הערשט אַריבער אַלץ; און כאָטש איך
פאַל אָן שוץ,
דאָך וועל איך אייביק זיין, ווייל כ'האָב זיך אָנגעהאַלטן אָן דעם
גרויסן ליכט.

וויליאַם הענרי דעיווים

1. דאָס טויטע פויגל אונטער מיין פענצטער

ליגסט קאַלט, די פעדערלעך פאַרנעצט — דיין ענד!
כ'וועל גראָבן דיר אַ קבֿרל — אָן מי, אָן שוויים...
האָב קיינמאָל ניט געפילט דיין גוף, ווען בלוט געוועזן איז היים.
און איצט, קען זיין, איך האַלט דיך שוין צו לאַנג אין מיינע הענט.
וואָס מאַכט עס אויס, צי לעבן מיר, צי זיינען מיר שוין טויט, —
צי איך, צי דו — אַ הערצעלע, וואָס האָט געגלוסט נאָך קאַרשן־רויט...
ווען דאָס געדעכעניש פאַרשווינדט — גיט גראָז דורך ערד אַ ציי.
דאָך, האָף איך, אַז דו האָסט, ווי ס'פּירט זיך שוין פון אייביק אָן,
געלאָזט אַ קינד, וואָס וועט אויך טאָן, וואָס דו האָסט אָפט געטאָן —
אַ קלאַפּ טאָן בײַ אַ פריינט אין שויב, און מיט אַ לייכטן פלי,
„גוט־מאָרגן" אָנזאָגן — די ערשטע ברכה אין דער פרי.

2. ש י י נ ק י י ט

דריי זאַכן זיינען שיין פון שענער, —
וואָס יעדער מענטש דאַרף זען מיט זיינע אויגן:
די ערשטע זאַך, אַ שיף אין מיטן ים מיט זעגלען אָנגעבלאָזן,
און אַלע שטריק־וואַרג אָנגעצויגן;
די צווייטע זאַך, ווען ווינט און זון צוזאַמען —
זיי יאָגן זיך אין שפּיל איבער פעלד פון קאָרן;
די דריטע זאַך — אַ ליבע פרוי, אין יונגשאַפט פון די יאָרן,
וואָס ווייזט איר קינד — נאָך ניט געבאָרן...

אַ פליג

(לויט ק. ד. באַלמאָנט, רוסישער דיכטער)

אַ זומער-טאָג. עס שלאָגט זיך דורך דער שויב אַריין
אַ זייל פון זונענשיין.
די מאַמע איז נאָר וואָס אַרויס.
און איך — אַ קינד פון אַכט יאָר צי פון ניין —
האָב פון אַ טאָליע קאָרטן זיך געמאַכט אַ הויז.
און פּלוצלונג, — זשו-זשו — און נאָך אַמאָל: — זשו-זשו.
— אַ בין? —
צי האָט געכאַפּט זיין רויב
דער גאָלדיק-ברוינער שפּין,
און וויקעלט ביים שראַנק?
— זשו — אוזש — זשו — — — וואו?
איך זע:
אַ פליג, אַזוי שווארץ און קליין, מיט פליגעלעך צעשפּרייט,
קלאַפּט און ראַנגלט זיך אָן שויב
און בעט זיך: — זשו-אַרויס, זשו-אַרויס! אַרויס!

איך — (שיינעץ וואָס איך בין...)
ניט איינמאָל האָב איך פליגעלעך געוואָרפן
אין נעץ פון הונגעריקן, וואַרטנדיקן שפּין;
ניט איין מאָל האָב איך שטרוי
אין רוקן פון אַ פליג אַריינגעשטאָכן,
און צוגעזען, ווי ס'האָט געמאַטערט זיך, געקראָכן
אויף דער פייכטער ערד, —
און האָב נאָך צוגעטריבן: „נ-נאָ — נ-נאָ!" —
אַזוי, ווי ס'טוט דער באַלעגאָלע צו זיין פערד.
נאָר דאָ,

איז מיין הארץ רחמנותדיק פארגאנגען
אויפן פליגעלע, מיט פליגעלעך צעשפרייט, —
איך האָב די פענצטער ראפטאָם אויפגעעפנט ברייט —
און האָב די פליג, ביי אונדז אין הויז געפאנגען,
געראטעוועט, באפרייט!

עס זיינען שוין זייט דאָן פיל יאָר אוועק.
איך האָב אי גוטס, אי שלעכטס געטאָן, געהאט, —
נאָך אַלץ געדענקט זיך מיר מיין דעמאָלטיקע טאט,
מיין שטילער שטאָלץ אין לעבן, מיין האָפענונג נאָכן טויט.
איך ווייס ניט צי מיר קומט פאר דעם גן-עדן.
נאָר איין זאָך ווייס איך: קיין חיבוט-קבר וועל איך שוין ניט ליידן,
ווייל ווען דער מלאך דומה וועט נאָך הונדערט-צוואנציק יאָר,
צו מיר, באגראָבענעם, קומען מיט זיין שטעקן
אָנקלאָפּן אין קבר הויך, און פרעגן: —
„בן אָדם, וואָס פאר אַ גוטס האָסטו געטאָן אין לעבן?"
וועל איך יחסנדיק אַ ריר טאָן מיט דיביינער,
און אויפרייסן די איינגעקוועטשטע ציינער,
און וועל מיט שטאָלץ, פארשייט אָן ענטפער געבן:
— „גוטס? אַ קלייניקייט — הא-הא!
געבענטשט דאַרף זיין מיין גאנצער דור!
איך האָב אין אַכטן יאָר
אַ פליגעלע געראטעוועט — באפרייט!"

פראַנסיס זשאַם (פראַנצויזישער דיכטער)

ליבע

אין זייערע רייד פון ליבע — אין פּנים לאַך אריין!
ווער ס'יאָגט די ליבע נאָך — געפינט זי קיינמאָל ניט.
דער מאַן — אַ שווערער ברוט, דיין צניעותדיקע שיין
לאָזט ניט געשטילט זיין תאוה — ערוהדיק צעגליט.
דו, ווייס: ער לאַיגט! ער וועט דיך לאָזן הויל און בלויז
אַריבער קינד און אייגן האַרץ אַן איינזאַמע צו וואַכן;
און דו דערפילסט זיך אַלט, ווען ער צעפּראַלט דאָס הויז,
און דעם באַגין פאַרהילכט ער מיט זיין רויען לאַכן...

ניט גלויב אין דעם געוויין פון ליבע ביים געווינער,
אין גאָרטן גיי אַריין, וואו ס'טריפט דאָס בלאָ פון רוים,
און זע: אין טונקעלן האַרץ פון גרינסטן רויזנבוים —
עס שפּינט און שפּינט אַליין דער זילבערדיקער שפּינער.

דער שוואָן און די גאַנדז

(פון עזאָפּ'ס פאַבלען)

אַ רייכער מאַן האָט זיך געקויפט אין איין גאַנג,
אַ גאַנדז פאַר איר שמאַלץ, און אַ שוואָן — פאַר געזאַנג.
ביינאַכט האָט זיין קוכער געזוכט און געטאַפּט,
אַנשטאָט פעטע גאַנדז, האָט ער שוואָן גאָר געכאַפּט.
אַ פליק, און די האַלדז אָט צעשניידט ער אויף צוויי, —
ערשט ער הערט אונטער חלף אַ לירישן וויי . . .
דער תם האָט זיין טעות דערקענט אין צייט,
און צעשראָקענעם שוואָן פון טויט באַפרייט.

אַזוי ווי איר זעט, און דאָס איז ניט קיין וויץ,
אַפילו אַ ליד קומט אַמאָל אויך צוניץ.

10

דער שטומער עדות

ד ר אַ מ אַ ט י ש ע פּ אָ ע מ ע

דער שטומער עדות

קול:

(פאַרן אָנהייב פון דער ערשטער סצענע)

— אַ מעשה וואָס האָט זיך געטראָפן, —
אין דעם שטעטעלע איליע, ביי ווילנע, פאַרלאָפן,
ווען מיר איצט דערציילן אין לידער
פאַר שוועסטער און ברידער.

ערשטע סצענע

(פאַרהאַנג. עס זענען זיך צוויי־דריי טירן, איינע ביי דער אַנדערער, פון קליין־שטעטלדיקע שטיבער. אַ באַנק ביי אַ בוים, אַ דייזשע (פעסל) פאַר וואַסער. זיצן דריי־פיר יידענעס אויף שוועל און באַנק. טוען עפעס — פאַררריכטן, שטריקן. עפנט זיך אַ טיר און ס׳קומט אַן אַלטע פרוי, אַ שייטל אויפן קאָפּ, געבויגן, נאָר מיט אַ ליכטיק־פרומען פנים).

אַלטע פרוי:

— גוט מאָרגן, אַ גוטער מאָרגן!
זעט נאָר, וואָס פאַר אַ זון ס׳איז היינט אויפגעגאַנגען!
(ווייזט אויף אַ פענצטער)
און ביי ציפּען אַראָפּגעלאָזט נאָך די פאָרהאַנגען,
נאָך נאַכט ביי איר, שלאָפט.

ציפּע

(קומט גאָר אַן פון אַ זייט מיט אַ צעשראָקן פנים):
— וואָס נאַכט, וואָס שלאָפן?
האָט איר ניט געהערט וואָס ס׳האָט זיך געטראָפן?
אַזוינס איז זיך נאָך קיין מאָל ניט פאַרלאָפן.
איז אַוועק און ניט געקומען!
ניטאָ
(ברעכט די הענט: וויי, וויי!)

די פרויען:

ניט געקומען? ווען, וואָס?
ציפּע האָט שוין ווידער ניים!
אייביק האָט זי נאָר צו קלאָגן,
אייביק גייט זי צו לוויות.

ציפּע:

נו, הערט שוין אויף אַ קאָפּ צו דולן,
וואָס רעדט איר? זבולון דער קצב, זבולון!
איז אַוועק אין דאָרף נאָך נעכטן,
אַ בהמה קויפן,
און אויף שבת שעכטן —
איז אַוועק און ניט געוואָרן,
פאַרשוואונדן, פאַרפאַלן.

(מיט שטילער שרעק אין קול):

— שוין געזוכט אין אַלע שטיבער,
שוין געזוכט אין אַלע שטאַלן,
שוין געקוקט אין אַלע גריבער,
ניטאָ!

איין פרוי

(מישט זיך אַריין, רעדט נעבעכדיק, יידישלעך):

— ער וועט קומען, גאָט וועט געבן,
זבולון לעבט און וועט נאָך לעבן,
איר'ט אים נאָך זען צוריק דאָ אין געסל,
אַ מענטש נעמט ניט און רינט ניט אויס,
ווי וואַסער פון אַ פעסל.

(ווייזט אויף דער וואַסער־דייזשע).

ציפּע

(צעקאָכט):

— וואָס רעדט איר?
שטעטל קאָכט דאָך ווי אַ קעסל,
אַלע יאָגן, אַלע פרעגן —
ווער געזען און ווער געטראָפן,
אַלע הייזער שטייען אָפן,
אין דעם ליכטיקן פרימאָרגן
ליגט דאָך זבולון וואו פאַרבאָרגן!

(פּאַטשט מיט די הענט).

— אַלע זוכן אַלע יאָגן,
אַלע לויפן און באַקלאָגן,
דאָס גאַנצע שטעטל — דלד אמות
נאָר מען ווייס ניט וואו, פאַרהוילן!
לויפן טאַטעס, לויפן מאַמעס —
וואו און ווען?
ווער קען וויסן, ווער קען זאָגן.

(געלאָף. יידן, פרויען, אַלט, יונג, אויך קינדער. לויפט אַן אַ פרוי, אַ יאָר 40, מיט געשרייען):

קצבטע:

— מיין זבולון, מיין זבולון!
יידישע קינדער,
גייט, רופט אוים אין די שולן!
איז אַוועק און איז פאַרשוואונדן, —
ווער קען היילן מיינע וואונדן!

(געלאָף — פאַריבער. עס קומען אַן צווי יידן, איינער רעדט צום צווייטן).

אורח:

(קומט אַן, באַגלייט פון אַ קליין יידעלע. מיסטעריעזער הילוך, מיסטישער טאָן):

— ווער איז ער? ניטאָ נאָך קיין שפור?
אפשר געדאַרפט ערגעץ גיין אין אַ געהיימער שליחות?
אפשר ווייס דער רב?,
אפשר פאַרטרויט עמעצן אַ סוד?
און אפשר גאָר אַ שליח מצווה אין מרחקים?
יעדע זאַך האָט אַן'אָנהייב
יעדע זאַך האָט אַ סוף...

יידעלע:

ניין! ניט קיין סוד! ניט קיין שליח!
מיר קענען אים דאָך אַלע,
נו, איר זייט אַן אורח
פאַלט אייך איין אַזוינע זאַכן.
דאָ אָבער, אַז איר זאָלט עס זאָגן
וועט מען לאַכן;

(רעכט ניגונדיק, חזקדיק):

א פשוטער זבולון:
אַ ייד אַ קצב, אַ סוחר,
אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן;
געטראָגן אַ פּעלצל, אַ סוחר ומוכר,
דאָס בערדל אַ ביסל געשאָרן;
פלעגט אומגיין און קויפן בהמות פון גויים,
און זיין אונטערוועגס אין שטאָלן;
פלעגט זוכן מציאות,
און שרייען:
— עי, וואינקא, דיין פּגירה
זי איז אויפן פעלד דאָך געפאַלן!
פלעגט זיך חכמהן און זאָגן:
— עי, אירינא, צי האָבן דיינע מעקעדיקע שעפסן
געהאַט שוין אַ קעלבערנעם צווילינג?

(ווערט ערנסטער, פאַרטראַכטער, ציט די באָרד):

— אזוי פלעגט ער שפּאַסן און גיין איבער דערפער,
ווי ס׳פלעגט נאָר אַ זונג טאָן דער פרילינג.
אַ קצב, נאָר, מען האָט מיט אַ „רעב" אים גערופן:
ר׳ זבולון, פלעגט אַריינקוקן אין חיי־אדם,
געבן צדקה אין שולן;
אַזוי איז ער צופוס אַוועק דורכן קאָרן,
צו דאָרפישע פויערים און באַלעגופים,
און איז ניט געוואָרן.

(ריידנדיק גייען זיי אַזוי ביידע אָפּ).

אורח

(זיינע לעצטע ווערטער ביים אָפּגיין):

— אפשר, דאָך, —
פאַרבאָרגענישן, סודות —
איך זאָג אייך: אויף אַלץ איז אָנגעגרייט אַן עדות —
ניט די מויז איז דער גנב,
נאָר די לאָך —
ווערטער הייליקע און קלאָרע:
בראשית ברא —
נאָר נאָך בראשית, קומט נאָך, און נאָך...

אויף דער בינע בלייבן איבער די ווייבער, אַזוי ווי אין אָנהייב):

איין פרוי:

א צרה, א בראָך!
נאַ דיר אָן אומגליק אין מיטן דער וואָך,
ווער האָט זיך דאָס געריכט?
שלעכט, שלעכט,
(שאָקלט זיך, אַרויף־אַראָפּ).
גאָט און זיין משפּט איז גערעכט!

אַלטע פרוי

(מיטן ניגון פון טייטש־חומש):
— יידישע קינדער,
אומזיסט איז דאָס קלאָגן, אומזיסט איז דאָס וואַרטן,
א יידנס נשמה איז דאָך ניט צום שאַצן.
א ייד קאָן אַמאָל אויך פאַרלאָזן פּלאַצן,
און גיין אויף דער וועלט מיט ברעקלעך זיך נערן,
שלאָפן אויף האַרטן,
זיך פּייניקן,
גלות אָפּריכטן,
תשובה טאָן, —
איר וועט זען דעם סוף.
ער וועט קומען אומגעריכט,
אָט הערט, —

צווייטע פרוי:

אַמאָל איז געווען א למד־וואָוו...
(פאַרטאָן אינעם שטריקן):
— ניין! ניט שווייגן, מען דאַרף וועכטער שיקן,
זוכן, אויסאַקערן די ערד, אוודאי גזלנים,
פאַרשלעפּט וואו אין היילן, —
אָט הערט בעסער וואָס איך וועל אייך דערציילן...

דריטע פרוי:

(מיט א קוויטשיקער שטימע):
— וואָס שרעקט איר קינדער אין די וויגן?
א מעשה מיט א למד־וואָוו מיט היילן, —
אָט הערט בעסער וואָס איך וועל אייך דערציילן, —
זאָל גאָט מיר אַזוי העלפן, ווי איך זאָג ניט קיין ליגן.
(בויגט זיך צו נעענטער צו די פרויען, ווי צו זאָגן א סוד):

— ער איז אַנטלאָפן פון איר,
אַן ארורה, אַ שלאַק,
דאָס שעלטן אירס, גאַטעניו,
אַ ליידיקער זאַק!
אַ ווייב — אַ שרעק!
האָט ער געכאַפּט אויף די פּלייצעס אַ קלומעק,
און — אַוועק!

פינפטע פרוי:

— שאַט, מען זאָגט דער אורח איז אַוועק צום רב,
מען זיצט, מען רעדט,
מען קוקט אַריין אין ספרים,
מען וועט נאָך הייסן רייסן קברים.
הלוואי זאָל זיין אַ גוטער סוף,
רבונו של עולם!

(סוף — ערשטע סצענע)

קול:

— און אַט אַזוי וועבט זיך לעגענדע, טיפער סוד,
וועבן זיך רייד, וואָס באַריידן,
וועבן זיך רייד, וואָס באַשיידן;
באַשיידט און באַרעדט און — פאַרגעבן,
און ס'וועבט זיך שוין ווייטער דאָס לעבן.

צווייטע סצענע

(פּאַרהאַנג. צוויי יונגע קצבים, טרייב־יונגען, מיט בייטשן, יונגען וואָס פירן בהמות פון דאָרף. שטיוועלעך גלאַנציקע, יונגען פון „קוילער־געסל").

ערשטער

(הויכער):

— אי, איז דאָס אַן אָקס, אַן אימה!
שוין איין מאָל אַ בהמה!
אַזוי גרויס!
אַ ריז פון ריזן,
מיט אַ געהויבענעם קאָפּ,
הערנער, ווי שפּיזן —
אַ שטאָך, און — אויס!
ע — הע, היט זיך, ברודער!

(שרייט, שטיפעריש):

— אודער — רודער — לודער...

(דרייט מיט דער בייטש).

צווייטער

(נידעריקער פון אים):

— נו, נו, איז עס געוואָרן אַ גערודער,
ווען מ'האָט אים פון דאָרף גענומען פירן,
אין שרעק פאַרמאַכט
די טויערן און טירן —
האָסטו געזען ווי ער איז דאָס געגאַנגען?
געמאַכט אַזוינע ווילדע שפּרונגען,

עס האָבן זיך די טריט זיינע
אין גאַנצן שטעטעלע צעקלונגען.
און קינד און קייט — צו פינף, צו צען — —
— גאַנץ ליטע!
געקומען זיינען זען:
— אַן אָקס גייט צו דער שחיטה!
געמוזט זיי מיט בייטשן צעטרייבן:
— מאַנספאַרשוינען — ווייבער,
— טשעפּעט ניט!
— ניטע, ניטע!

ער שטער:

אַן אָקס, אַן עקסעלע, שוין איין מאָל אַ מעלה-גירה,
צו אים זיך צוצורירן — אַ מורא;
אַ שווערער טראָט,
ווי ער וואָלט געשפּאַנט אויף שטאָפּלען,
— ארויף, ארויף!
אַ שטשעמע מיט די קינבאַקן,
אַ ווילדער דריי מיט די אַפּלען —
— היט זיך, ביטע!
דער קיניג-אָקס גייט צו דער שחיטה!
די זון האָט געפלאַקערט,
זיין שוואַרצע הויט געצונדן,
באַלד וועט דער קיניג שוין זיין געבונדן!!

צווייטער:

— ע-הע — ריר זיך! לך, לך, געגאַנגען!
טריט און טראָטן!
ער וויל אַלץ גיין אויף צוריק,
— ניט ביי מאָטיען!
געדרייט מיט שטריק,
מיט פּעטליעס און מיט שטאַנגען!
פאַרקניפּט, פאַרשלייפט,
און אויף די ריפּן — שווערע שטאַבעס:
און פלייש וועט אויפגיין היים,
יאַ פלייש — לכבוד שבת!

ערשטער:

זאָל נאָר זיין די בדיקה כשר!
עס וואַרט דער רב, עס וואַרט דער גביר ר׳ אשר,
און צו מיין מומע שרה נעכע אבאָ׳ם,
וועט איך אָנקומען אַ שטיקל לונג!
עס וואַרטן אַלע,
פון שוסטערס הויז ביזן גבאי׳ם
אי, וועט עס זיין אַ שבת!
— לכה דודי — לקראת כלה!

(עס הערט זיך אַ שווערער, אויסגעצויגענער אָקסישער ברום).

קול:

און אַט, מיינע ברידער, וואָס ס׳איז ווייטער געווען,
איר האָט דאָך עס אַלע געלעזן —
געווען אין די בלעטער געשריבן;
לעגענדע, וואָס איז אונדז פאַרבליבן
פון בלוטיקן יאָר, פון יאָר נאָך מלחמה —
איינס און נייען, איינס און זיבן (1917)

(סוף — צווייטע סצענע)

דריטע סצענע

(פון הינטער דער סצענע הערט זיך אַ גערודער, געשריי, געלאַף. מען הערט):

— יידן כאַפּט אים, פאַרצאַמט!
— אַהער, אַהער!
— ניט פאַרזאַמט!
גיט אַ דריי, גיט אַ קער!

(אַ שוסטער מיטן פאַרטוך און קאַפּול; אַ שניידער מיט דער מאָס אויפן האַלדז; אַ מלמד אין לאַנגן טלית־קטן; אַ פּאָר פרויען — איינס מיט אַ קאָכלעפל, עטלעכע ייִנגלעך, אַלע צעשראָקן).

יידענע:

— לויף, חיימל, גיב אַ קוק,
— ניין! גיי ניט! היט זיך, שטיי!

(קומט אַן דער פריערדיקער מיסטעריעזער אורח).

אורח

(רעדט מיט אַ ניגון, גמראדיק):

— געשריי, געשריי!
דאָס שטעטל איז צעבויטעט,
זיי האָבן זיך אַן אָקס געקויפט!
— שור שנגח,
די שאַרף בליצט קעגן דער זון
אַזוי העל, צעלויכטן,
נאָר וואָס איז געוואָרן דערפון?
אַז דער שוחט ר' נחום האָט גענומען
דעם חלף, דעם גרעסטן,
און געטאָן זיך אַריבערן אָקסענעם האַלדז זיך פאַרמעסטן —
האָבן אָקסישע אויגן
בלוטיק זיך געגעבן אַ דריי!

(בייט דעם טאָן, ניגונידיק):

— ס'האָט דער אָקס ווילד און שווער,
זיך געגעבן אַ בריק,
און די פּעטליעס צעפּראַלט
און צעוואָרפן אויף שטיק.
מיט אַ ברום, מיט אַ שטאָך,

מיט די הערנער אין וואַנט,
און דעם שוחט געלאַזט —
מיטן חלף אין דער האַנט,
פאַרטשעמעט, פאַרקלעמט,
און די ברכה פאַרשעמט...

(פאַרלייגט אַ האַנט איבער אַ האַנט)

יאָגן יונגען צעשפּרייט,
איבער וועג, איבער צוים —
אין די אויגן אַ שרעק,
אויף די ליפּן אַ שוים.
איז דער חלף געווען דאָך
כשר כדין,
וואו־זשע לויפט ער, דער אָקס?
— וואוהין?

ערשטער קצב־יונג

(דער הויכער, וואָס פריער אין דער צווייטער סצענע, קומט אָן און פלאַצט אַרויס):

— שאַ, יידן, געכאַפּט שוין,
געכאַפּט!
מען האָט טרעוואָגע געקלאַפּט,
געיאָגט און —
געכאַפּט!
לויפט ער, דער אָקס,
דורכן מאַרק, צו דעם דאָרף!
יאָג איך אָן מיט אַ שטריק,
מיט אַ דריי, מיט אַ וואָרף —
האָט מען אים שוין — דעם ריז,
דאָך געפּאַקט אין די הענט!
גיט דער אָקס אַזאַ גלאָץ,
אַזאַ רעווע, אַ ברום —
קום, עקסעלע, קום!
גיי, גיי צו דעם קלאָץ,
אַ ריר — צו דער שחיטה!

(בייט דעם טאָן)

— האָבן מיר אים פאַרזיכטיקע, געניטע,

די קנאָכן פאַרדרייט, —
איז געפאַלן דער אָקס,
ווי אַ באַרג, אין אַ קייט!
— יידן, באַלד וועט זיין פלייש,
פלייש, לכבוד שבת.
(ווידער געלאָף, געשריי הינטער דער בינע)
שטימען:
— גיט אַ שטריק!
— גיט אַן אייזן, אַ שטאַנג!
— אהער, צוריק,
— כאַפּט אים!
— וואַרפט אים אונטער אַ שטאַבע,
— ס'געהערט, אַן ערב שבת?

צווייטער קצב־יונג

(קומט צעלויפן מיט דער בייטש אין האַנט):
— דער אָקס איז ווידער אַנטלאָפן,
שוין צום צווייטן מאָל, נאָר מען האָט אים ווידער געכאַפּט.
ער ווייס שוין איצט פון אַנטלויפן דעם טייטש,
אָט זעט איר, די בייטש?
פון מיר אַנטלויפט מען ניט!
(פראַגן: עולם פרעגט):
— וואָס געווען? ווי אַזוי? אַזוי?
(שרעקיק)
— אַי־אַי, שוין צום צווייטן מאָל!
צום צווייטן מאָל!!
(ווענדט זיך צום עולם):
וואָס גוואַלדעוועט איר — אוי!
ס'איז געווען אַזוי:
ווען דער שוחט האָט זיך צוגעבויגן
ווידער צו געבן אַ כיק —
האָט דער אָקס מיט אַ רעווע,
אויפסנייַ געגעבן אַ ווילדן בריק,
און מיט ריפּן און פעל,
אַזאַ ריר, אַזאַ הויב,

און צום צווייטן מאָל אונדז אַלעמען צעוואָרפֿן,
צעשאָטן ווי שטויב!
נאָר מען האָט אים דעריאָגט,
איך — פֿאָרויס אין גאַלאָפּ:
נעץ אויף אָקסענע פּיס,
טויזנט שטריק אויף זיין קאָפּ!

קליין יידעלע:

(וואָס איז געווען מיטן אורח אין דער ערשטער סצענע. לויפֿט אַריין פֿאַרסאָפּעט):

—יידן, אַ געהיימע, אַ מוראדיקע גבורה שטעקט אין דעם אָקס,
ווי געפֿעלט אייך אַ מעשה?
ער איז דאָך ווידער אַנטלאָפֿן פֿון אונטערן חלף!
שוין צום דריטן מאָל;
ער לאָזט זיך ניט קוילען;
אַזוינס האָט דאָ נאָך קיין מאָל ניט געטראָפֿן.
איר הערט, עפּעס אַ געהיימע האַנט, ווי אַ רוח וואָלט אין אים אַריין,
אַנטלאָפֿן! נאָר דאָס מאָל האָט דער שוחט באַוויזן
צו מאַכן אַ קליינעם שניט אין האַלדז,
נאָר ניט דערקוילעט אים,
לויפֿט דער אָקס איבערן שטעטל,
און עס טריפֿט פֿון זיין האַלדז דאָס בלוט,
ער לויפֿט איבער צוים און פּלויט,
און ער יאָגט אויפֿן וועג צוריק צום דאָרף,
צו זיין אַלטער שטאַל,
עפּעס אַ שלעכטער סימן.
(כאַפּט זיך)
יידן, וואָס שטייט איר?
קומט, לאָמיר לויפֿן, לאָמיר העלפֿן יאָגן.

רב

(קומט אָן צוזאַמען מיטן אַלטן שמש):

— יידן, לויפֿט ניט, יאָגט ניט, לאָזט אים לויפֿן,
מען וויל אַזוי פֿון אויבן,
(ווייזט אויפֿן הימל)

איר זעט דאָך: שוין צום דריטן מאָל,
אַ גאַנס באַשעפעניש,
האָט זיך אַרויסגעריסן פון אונטערן חלף,
אַ חלף אָן אַ פגימה,
צום דריטן מאָל יאָגט ער איצט איבערן שטאָט
און זיין בלוט טריף-טראָף,
(מיט אַ ניגון):
ציט זיך אוים אַ רויטע שנור אויף זיין אַקסישן געלאָף.
אַ רויטע שנור,
אַ מאָדנער שפּור,
יידן, עפּעס איז דאָ פאַרבאָרגן;
לויפט ניט, יאָגט ניט,
נאָר מיט טריט פאַמעלעכע,
לאָמיר גיין און זען אין בלוט;
וואו ס'איז דער ניט-דערקוילעטער אַוועק,
וואָס עס האָט אים געצויגן, און וואָס ער טוט.
(אָפּ).

(סוף — דריטע סצענע)

פ ע ר ט ע   ס צ ע נ ע

אורח:

(קומט אין דער באַגלייטונג פון דריי יידן):

פאַרוואָר,
— איצט איז שוין אַלץ קלאָר,
פאַרבאַרגענישן, סודות,
אַ שטומער עדות,
וואונדער איבער וואונדער!
האָב איך דען אייך ניט געזאָגט?

(רעדט ניגונדיק)

דער אָקס האָט געיאָגט מיט אַ רעוועך,
מיט אַזאַ ווילדן ברומען,
ביז ער איז צו זיין אַלטער שטאַל געקומען;
איז ער אַ צעהיצטער צום מיסט צוגעפאַלן,
און מיט די הערנער — אריין אין די ווענט,
צו שטעכן, צו פּראַלן;
האָט ער גענומען רייסן די שטרוי,
און די מיסטן צעגראָבן, צעוואָרפן,
בעת בלוט האָט געטראָפּנט
פונעם שניט פונעם שאַרפן;
און אין שטאַל און אַרום שטאַל,
איז שוין געווען פאַרזאַמלט די גאַנצע עדה יידן,
אויך גויים זיינען געקומען,
און צווישן זיי דער באַלעגוף יאַן,
ביי וועמען זבולון האָט אָפּגעקויפט די בהמה.
אַלע זיינען געשטאַנען און געקוקט אין אימה;
— אָט קומט, אָט קומט!
דער פאַרבלוטיקטער אָקס רייסט, און ברומט —
רייסט, און ברומט.
מיט אַ מאָל האָט זיך אין דער טיפעניש,
פון דעם אויפגעריסענעם מיסט,
ווי פון אַ קבר, באַוויזן אַ מענטשלעכע האַנט.

— אַ פּוס!
— אַ טלית-קטן!
— אַ היטל!
— אַ רימען!
(רעדט מיט געוויין):
— דער אָקס האָט אויפגעגראָבן, דעם פאַרשאָטענעם גוף.
— אַ הרוג!
קומט אין שול,
תפילה טאָן פאַר זיין נשמה,
זבולון, ר' זבולון!..

יידן:
— און וואו איז איצט דער אָקס?

אורח:
נאָך דעם ווי ער האָט זיין געטלעכע שליחות דערפילט,
און דער יידישער הרוג איז שוין געלעגן אַן אויפגעגראָבענער אין שטאַל,
האָט דער אָקס צו דער מיסטיקער ערד געגעבן אַ פאַל,
דעם האַלדז אויסגעצויגן, דעם צונג אַרויסגעהאַנגען —
און — אויסגעגאַנגען...

(בייט טאָן, רעדט ווי צו זיך אַליין)
נגלה און נסתר,
אַלץ גייט צוזאַמען;
וואָס פאַרבאָרגן — דערוויסט ער,
איבער ערד, איבער ימען —
ניט איצט — איז להבא...
יהי שמי רבא!..

קול:
אָט דאָס איז די מעשה פון ליטווישן שטעטעלע, איליע,
ווי מען האָט עס אין די נייעסן דעמאָנט.
גייט אַ געסל אין אַ געסל,
צו דערפער וווייט און נאָענט;
גייען וועגן שמאָל און זאַמדיק,
מענטשלעכער געטרעט;
פעלד און צלם, וואַלד און טייכל,

פון דער פרי ביז שפעט,
רייסט פון וועג זיך אָפּ אַ שטעגל,
ווערט פאַרשוואונדן באַלד —
— וואַנדערער, היט זיך!
עפּעס האָט פּאַסירט אין וואַלד!
שטייען הייזלעך, גראָע צאַמען, טרוקענער געפלעכט,
בלייבן סודות איינגעוועבט אין נעכט.
וועבן זיך לעגענדעס, מעשיות —
פון אַ גלח און פון אַ למד־וואָוו,
איינס אין צווייטן אָנגעהאַנגען,
אָן אַ סוף!
נאָר אַ מאָל אין אַ שטורעם,
אין אויפברויז פון אַ בייזן טאָג,
דערהערט זיך איין־און־איינציקער געקלאָג, —
ס'איז ניט קיין וואונדער, ניט לעגענדע, ניט קיין נס,
— יידן, הינטערן שטעטל ליגט אַ הרוג,
הינטערן שטעטל ליגט אַ מת!..

(סוף — פערטע סצענע)

פינפטע סצענע

(פּאַרהאַנג. ווי אין אָנהייב, די זעלביקע יידענעס ביי די טירן און אויף דער באַנק. טונקל. פּאַרנאַכט, מען זיצט פּאַרטרויערט און מען שוויגט, מען שאָקלט מיט די קעפּ)

פרוי

(הייבט זיך אויף):

— נו, מען קאָן דאָך ניט זיין אין דער פינצטער
לאָמיר גיין אין שטוב אָנצינדן ליכט,
גאָטעניו, ווער האָט זיך דאָס גערעכט?
די וואונד איז אַזוי פריש,
געווען היינט די לויה,
היינט צו קבר ישראל געבראַכט!

זקנה

(די וואָס פון דער ערשטער סצענע):

אַז מען זאָגט קדיש — דאַרף מען זאָגן: אמן,
מען דאַרף דאַנקען און לויבן זיין ליבן נאָמען.
יידישע קינדער, מיר זעען דאָך: הימל און ערד האָבן געשוואָרן,
קיין זאַך בלייבט ניט פאַרבאָרגן,
איז ניט היינט — איז מאָרגן.
דער גוי, יאַן באַלעגופ,
האָט זיך דאָך אַליין מודה געווען,
ער האָט דאָך אַליין דערציילט:
— ס'איז געווען ביי שקיעה. זבולון איז צו אים געקומען:
— „האָסטו עפּעס אַ מציאה? איך האָב מזומן."
האָט דער באַלעגופ געזאָגט:
— „קום אין שטאַל, איך וועל דיר ווייזן".
אויג אויף אויג, אין צווייען,
האָט דער באַלעגופ פאַרמאַכט דעם טויער,
גענומען אַן אייזן,
און אַזוי געזאָגט צום יידן:
— און ווי וועט זיין אַז איך דערהרגע דיך,
קיין האָן אפילו וועט ניט קרייען!
אויף דעם האָט זבולון געענטפערט:
— ס'איז אַ גאָט פאַראַנען.

און אַט דער שטומער אַקס אין ווינקל, וועט זיין אַן עדות.
(זקנה הייבט אויף איר קול):
— גאָטס וואונדער, גאָטס וואונדער!
דאָס בלוט האָט דאָך פון דער ערד געשריען!
דער שטומער אַקס האָט זיך פון חלף געריסן
דעם סוד צו אַנטפּלעקן;
די ערד האָט זיך אויפגעמאַכט.
דאָס איז אַ לערנונג פאַרן מענטשן;
דעם שלעכטן וועט ער שטראָפן,
דעם גוטן בענטשן.
אַ ייד דאַרף תמיד האָפן —
גאָטס וואונדער, גאָטס וואונדער! — —
— אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט!

קול:

און דאָס איז די מעשה
וואָס איז אונדז געבליבן
פון יאָר —
איינס-נייען, איינס-זיבן.
יידישע קדושים,
פון אַלערליי מיתות,
פייערן, וואַסערן, תליות —
ניט קברים, נאָר גריבער,
פאַרשרפהטע שטיבער.
פאַרברענטע שולן,
און אין מיטן —
די מעשה פון ר׳ זבולון.
אַ מעשה,
אַ פירטערלעכע לעגענדע,
וואָס האָט ניט קיין אָנהייב
און האָט ניט קיין ענדע.

(פאָרהאַנג)

11

די לעגענדע: ווילנע

(פּאָעמע)

די לעגענדע: ווילנע

א. שארית הפליטה

ברידער,
און דאָס איז דער סוף פון מיינע לידער —
איך און איר,
אַנטלאָפענע דורך דער לעצטער טיר,
אַנטרונענע פון טויט,
נאָר ניט פון די אויגן פון מלאך-המות;
מיר אַלע — די שארית הפליטה,
נאַקעטע, אָן קברים און אָן אבות, —
צי ביי וואַלדיקע היילן, צי ביי אָפענע ימען,
לאָמיר באַזונדער און צוזאַמען
זיך זעצן אויף אַ פיצל ערד,
וואָס איז אַליין נאָך ניט צעריסן און צעשטערט,
(אויב אַזוינס איז נאָך פאַראַנען),
און לאָמיר שבעהדיק אַליין,
אַליין, אַליין, באַוויינען אונדזער געוויין,
באַוויינען אונדזער אומקום,
די קדושים,
דעם חורבן בית-שלישי,
פון גזירת-תש״א, תש״ב, תש״ג.

טרער פון דורות, איכה-קלאָג:
— כ׳בין פאַרוואָרפן געוואָרן אין פינצטערניש,
און ניט אין טאָג.
ווי אַזוי און ווי אַזוי,
איז מיין לעבן געוואָרן — אוי און אוי?
ה׳ נתן — גאָט האָט אונדז חורבן אויף חורבן געגעבן,
וה׳ לקח — גאָט האָט צוגענומען, צוגענומען, צוגענומען —
צוגענומען אונדזער אויסגעשריי, אונדזער דורותדיקן רוף,
צוגענומען אונדזער נשמה און צוגענומען אונדזער רוף.

זאָל פאַרדאַרט ווערן מיין רעכטע האַנט,
און די צונג זאָל צוגעקלעפּט ווערן צום גומען,
אויב איך וועל פאַרלעשן, אויב איך וועל פאַרגעסן,
די טרער פון מיין מאַמען,
דעם ניגון פון שטאַמען.

ב. קום, מקונן!

קומט צו מיר ווידער און ווידער, —
ניט קיין טרייסט, נאָר וויי.
צי אין בלי בוים, צי אין בליאַסק פון שניי —
— וואו זיינען זיי?
וואו נעם איך אַ וואָרט אויף צו שטומען?
וואו נעם איך אַן אות אויף צו שרייען?
קום, מקונן פון אַמאָליקן ירושלים,
פיר מיך דורך דער דורותדיקער פיין,
צו די שפּורן פון מיין זיין,
איך — צו זיך אַליין בין פרעמד געוואָרן,
איך דערקען ניט מער מיין לעבן,
איך דערקען ניט מיינע יאָרן.
קום, מקונן, אָט, און כ׳וועל ניט ווערן.
נעם אַריין מיין לעצטע טרער,
אויב איך בין זוכה,
אין דעם אַלטן כוס פון טרערן!

ג. אָ, וויפל מאָל...

אָ, וויפל מאָל האָב איך אין נאַכט פון טרערן
געזוכט אַ טרייסט אין דורותדיקער שריפט,
עס זאָל מיין צער ווי אַלעמאָל אַ פעסטונג ווערן
כאָטש בלוט האָט דורך דער פעסטונג זיך געטריפט.
אָ, וויפל מאָל! נאָר שווער איז מיר אַצינדער,
ווי ירמיהו, צו זוכן טרייסט אין בלוט פון קינדער;
אין לעצטער נאַכט, צום לעצטן חצות,

צו זוכן שוץ ביי אַ מילב, וואָס יאָגט פון אות צו אות...
די נאַכט אַליין זיך ברעכט אויף העלפט, —
ביי ווּעמען זאָל איך בעטן הילף,
צו וועמען זאָל איך שרייען: — העלפט?

ד. בראשית ברא...

בראשית ברא... און גאָט האָט באַשאַפן די ערד,
און איבער דער ערד אַן אויסשפּרייטונג, אַ הימל,
די זון, און לבנה, און שטערן,
און דעם גאַנצן געווימל —
זיי זאָלן זיך פּרוכפּערן, מערן.
און אדם, בין איך טאָקע אדם? איז מיינס די ערשטע זינד?
עץ הדעת — בוים פון וויסן, בוים פון זין,
אַז איך — איך בין דאָך אַלץ נאָך בלינד;
עץ החיים —
אַז מיר איז נאָר געבליבן אין אייביקן געלאַף
(ניט פון גן־עדן, נאָר פון גיהנום)
צו זיין פאַרשאָלטן פון בראשית, פון באַשאַף,
און וואו איך זאָל זיך קערן, אויף גאָר דער ערד,
אַנטקעגן ברענען זאָל צוויי־שאַרפע שווערד:
דער טויט פון הבל און די שטראָף פון קין.

ה. פיר מיך, לעגענדע...

פיר מיך, לעגענדע, פיר, עס איז איצט נאַכט,
די נאַכט איז פינצטער, נאָר די לעגענדע וואַכט . . .

צי דורך מדבר, זאַמד און שטערן, זאַמד און נס,
ציט אַ מחנה מיט אַ חלום, ציט אַ מחנה מת אויף מת.

חלום פון אַ לאַנד אַ הייליקס, לאַנד וואָס איז גאָר בלויז אַ שטאָט,
ירושלים, גאָטס באַוואוינאָרט, נביא, מקדש — אדוני אחד.

גרימט זיין צאָרן, אַז פאַרשוועכטע ליגן הייליקע געבאָט,
איכה ישבה, עיר רבתי — ווי און ווינד איז צו דער שטאָט!

קום, לעגענדע, זייל פון פייער, אַלף, בית — אַזוי ביז תו,
איבער תליות, איבער קרייצן — שוועב אַריבער טויט און סוף.

קום קיין יבנה, שטאָט פון תורה, וואו עס לייגט זיך אויס אַ וועג,
סיגים פאַרן פאָלק ישראל אין די שטרויכלענדיקע טעג.

און דערווייל ביי שטענדערס, ליכטלעך — לויכטן שטערנס, לויכטן קעפּ,
פּומבדיתא, סורא — לייטערס, צו דעם הימל פייער-טרעפּ...

קום, לעגענדע, זעסטו געסלעך ענג און הייליש — דאָס איז צפת,
שוועבן זעאונגען, חזיונות איבער דפים פונעם ש"ס.

הייב זיך אויף פון טאָל, לעגענדע, טאָל פון שאַנד און טאָל פון שפּאָט,
רייסט זיך תפילה, בלאָזן שופרות — הייליקט זיך אַ נייע שטאָט,

שברים, תרועה, קומט אויף ט ר ו א, רש"י בלעטערט בלאַט אויף בלאַט,
טראָגט זיך ליכט, ווי פדיון-שבויים, פון זיין לויטערדיקן פשט.

שוועב לעגענדע, העכער, ווייטער, צי קיין וואָרמס, צי קיין פּראָג,
וואו עס קומען אום די טאַטעס פאַר די מצוות פון תרי"ג;

מאַמעס וואַרפן זיך אין פייער, רייסן זיך פון מויער-קלעם,
שפּרינגען אין די שייטערהויפנס פאַר דער הייליקונג פון שם.

שטאָט נאָך שטאָט... און ווייט אין ווייטן, ביי די טויערן פון רוים,
זיצט משיח מיט די וואונדן און ער היט דעם גרויסן טרוים.

קומט און שמייכלט אליהו — ניט ער רעדט און ניט ער שטומט —
וואַרפט, ווי קערנער, קליינע וואונדער ביז דער גרויסער וואונדער
קומט...

און דורך וואַלד, אויף שמאָלסטן שטעגל, קרוע-בלוע, שטיק אויף שטיק,
גייט ער מיט די שווערע שפּאַנען, נאָר מיט גרינגקייט אין זיין בליק;

גייט דער למד-וואָוו און בלאָנדזשעט, ניין און ניין, ער ווייסט וואוהין,
גייט ער, גייט צום טאָג פון רחמים — דורכן האַרבן טאָג פון דין.

שפּרינגט אַראָפּ פון בוים אַ העזל, טאַנצט און דרייט זיך : — אום
צי גראָד ?
שמייכלט מילד דער למד־וואָווניק: — אַלץ איז רמז, אַלץ איז סוד.

פיר, לעגענדע, דורך די פעלדער, דורך די דערפער ביזן שטאָט:
נענט דער למד־וואָוו צו מעזשבוש — האָפּערדיקער ווערט זיין טראָט;

שטאָט פון תיקון און פון ליבשאַפט, שטאָט פון מופתדיקן נס,
זיבן בעטלער — אַלע ציען צו דעם זיבעטן מעסלעס.

גייט ער ווייטער, קומען יידן פון יאַרידן און פון מערק,
ער גייט זייטיק אינעם שאָטן פון צוויי שיצנדיקע בערג...

גייט ער פאַזע טייך ווילִיע, הייבט זיך אויף אַן אַלטער שלאָס,
שטאָט פון קדושה און ירושה, אַנגעזאַמלט אות אויף אות.

ווילנע, ווילנע שטאָט פון יורשים, פינקלט ליכט פון ווייטסטן דור
אין דער רויטקייט פון דער שקיעה אין דעם אויפשיין פון קאַיאָר.

ירושלים פון דער ליטע, — גאַס אַריין און גאַס אַרויס,
קוקט ער, זוכט אויף אַלע זייטן, ביז ער קומט צום גאונס קלויז ;

קריכט ער אויף דעם אַלטן לייטער — נאָך אַ קריך און נאָך אַ הויב ! —
ביז צום בוידעם — טראָט פון דורות אין דעם דורותדיקן שטויב;

דאָ וועט ער פון וועג זיך לייגן, אַז אין שלאָף איז ער אויך וואָך,
ציילט ער דרעמלענדיק די שטערן דורך דעם לעכערדיקן דאַך...

פיר, לעגענדע, פיר מיך, איצט איז נאַכט —
פינצטער איז די נאַכט, נאָר די לעגענדע אייביק וואַכט.

ו. נס

ווי אַזוי האָט זיך דער נס געטראָפן ?
אין מיטן וועג — אויפן וועג קיין צפון,
צווישן ים דעם שוואַרצן און ים דעם באַלטישן,

מיט קאָפּ אויף באַרג, מיט פּיס אין טאָלן,
אויפגאַנג אין מיטאַלטערלעכע אַמאָלן,
אין דורכברוך פון די יאָרן —
ביסטן, ווילנע, געבאָרן געוואָרן.

אַ שטאָט פון ענגע, קרומע געסלעך,
נאָר מיט אַ פרייען און אָפענעם געדאַנק —
פאַר גאָט און פאַר לייט אַ געשאַנק.
דורך טונקעלע און קליינע שויבן,
(קלענער פון די שויבן אין בית־מדרש)
האָט דורכגעשיינט בטחון, ליכט פון גלויבן,
האָט זיך אַדורכגעריסן ברייטער שליאַך —
ווילנע, ניסימדיקער שליאַך!

געצעלטן, אוהלים — איינער אויפן אַנדערן,
גאָט וועט ניט פאַרלענדן יעקבס זאָמען!
אַנטרונענע — געראַטעוועט פון וואַנדערן,
מיט יתגדל ויתקדש און מיט מנינדיקן: אמן!
קומען יידן פון קיעוו,
קומען יידן פון פרייסן,
מיט אויסגעפּרואוווטער פּיין, ווי איוב;
קומען יידן פון בעמען,
קומען יידן דורך זאַמוט־רייסן,
קומען יידן מיטן ניעמאַן —
ווער ווייס פון וואַנען, פון וועלכע וואו'ען —
ויסעו־ויחנו — דאָ וועט מען רוען.

קומט מנשה, יצחק, צמח,
קומט אברהם, קומט אויך למך;
קומט די תורה, קומט אויך קמח —
קמח־קמח — און יארידן,
נאָר אָן תורה ניט פאַרגעס!
וואַקסט דער קהל, וואַקסט די עדה,
אַז ס'איז ביטער — קומט אַ נס:
קומט די שעפס פון דער עקדה,
צינדט זיך ווידער אָן דער סנה...

ייד צו ייד, און ייד — צו יידן,
— ישראל ערבים זה בזה.

שטיבער, הייזער זיך צעשטעלן
מיט מזוזות ביי די שוועלן;
חופות-חופות, חתן-כלה,
ווער ס'איז רב — דאָס ווייסן אַלע,
ווער ס'איז גבאי — וואַרפט מען גאַלקעס.
געסלעך-געסלעך און זאַוואָולקעס —
גיטקעס, ציפּעס, נאַטעס, —
ווילנער ישובניקעס
וואָס קימערט זיי די בלאָטעס?
ס'האָט אַמאָל געשפּאַנט איך איבערן ים,
איר שפּילט זיך מיטן יידישן שטאַם?
כלחוך השור, נאָך פּאַר קאָיאָר,
טאָפּטשען יידן. — גייט! מען גייט,
ווייקן זיך די טיפע טריט
אין דער לענג און אין דער ברייט.
וואוהין גייען יידן?
ווילנע שטייט שוין — קלויז אויף קלויזן,
— שלום-עליכם,
— עליכם שלום,
דאָ וועט זיך נעסטעווען די טויב — דער חלום,
דאָ אין ווילנע וועט דער עבר מיטן הוה הויזן.

דור נאָך דור — די גאָלדענע קייט,
צונויפגעשמידט צוזאַמען!
די הייליקע עדה פון צעזייט און צעשפּרייט —
די היטער פון הייליקע פלאַמען,
מיט טריישאַפט צו זיך, און מיט ליבשאַפט צו ווילנע,
צו אונדזער מאַמען!

אַזוי האָסטו, ווילנע, געקליבן, געקליבן,
אות צו אות און שמ"ע צו שמ"ע —
דורך טעג פון בילבולים און יאָרן פון אימה —
רציחות פון קאָזאַק, הריגות פון טאָטער —

ביסטו אַלץ געבליבן, געבליבן!
— גאָט איז אַ פאָטער!
— גאָט איז אַ היטער!
מיט טרערן געזייט, נאָר מיט פרייד פון אַ שניטער
געטראָגן דיין גאַרב —
קערנער אין קדושה גערייפט!
אַזוי האָסטו, ווילנע, געטראָגן דיין אַרב —
תורה אויף חכמה געשליפט!
אַזוי ביסטו, ווילנע, געוואָרן חזיון,
און פשוטער טייטש —
פאַר אַלע ישובים,
מיט שטאַרקייט פון לייבן
און מילדקייט פון כרובים,
סימוואָל, און צייכן, און וואָר — —
ביז ס'איז אין אונדזער פאַרשוועכטן דור,
געקומען דער בלוטיקער דייטש —
פאַרשאָלטן זאָל ער ווערן ביזן דור דעם צענטן! —
און ער האָט מיט זיין סמיקער בייטש,
מיט פייער, מיט גאַז און מיט תליה,
אַ פאָלק אַ געשענדטן, אַ פאָלק אַ פאַרברענטן,
פאַרטריבן אין שאול תחתיה.

ברידער!
ניטאָ מער די שטאָט,
זי איז מער ניט געבליבן!
אומגעקומען אין דער גרויסער שחיטה —
אין דער בלוטיקער נאַכט,
נאָר די לעגענדע איז דאָ, און זי היט און זי וואַכט,
לעגענדע פון ווילנע,
ירושלים ד'ליטע!

ז. די דריי יידן

נים איינס, נים צוויי, נים דריי — דריי יידן פּליטים ביי אַ זוים
פון אַ ליטווישן וואַלד,
אין אָנהייב פונעם פּערצנטן יאָרהונדערט. ס'איז בוים, ווי שטיין
פּאַרצייטיק-אַלט.
דער טייך ווילִיע, דאָס מוטערל פון ליטע, ציט געטריישאַפטלעך
מיט שפע, זיכערקייט און רו.
אַנטקעגן, אויף יענער זייט טייך, הייבט זיך אויף דער שלאָסבאַרג,
אַ צוים פאַר יעדן פיינט.
דער שיפוע — אַ וואַלד פון געטער-געטינס, מיט קרוינען און כּישוף-
לעמפּעלעך באַשיינט,
מיט מזלות און קמיעות פאַר הויז-געזינד און רינד, פאַר שוועסגעריקער
פּרוי, און הונגעריקער קו.
לויכט גילטינע מיט געקאַרבטן קאָפּ — געטין פון נקמה און
טויטנדיקער שווערד;
און לאַימאַ, מיט די הענט צונויפגעלייגט ביים בויך — געטין פונעם
שיקזאַל אויף דער ערד;
שמייכלט פּוסקאַיטים — גאָט פון שפע, מזל-ברכה; און אויף אַ פעלז
דער ליכטיקער פּערון —
אַ קאָפּ פון קופּער-רויט, מיט פינגער שטראַלנדיקע — דער גאָט פון זון;
און אויף אַ צווייטן פעלז — פעלז פון גבורה — שוין נאָענט צום
סאַמע שפּיץ,
פּערקונאַס — האַר פון האַרן, — ווי וואַרט ער אויף אַ מענטשן-
קרבן — גאָט פון דונער און פון בליץ.
דער צלם פלאַמיקער פון גרוים-איראָפּע — געקילט אין יידיש בלוט,
— האָט נאָך נים דערגרייכט אהער,
דער צלם פון באַרצעלאָנע, ראָטענבורג, טוליז, פון קעלן און סעוויל —
דערוויל איז רואיק דאָ ביים גוטן פירשט געדימין — דערוויל איז
שטיל...
פאַרנאַכט, די זון פאַרלאָזט דעם באַרג, און פּריסטערינס באַגלייטן איר
מיט ווײַרויך און מיט לויב;
פון טייך גייט אויף אַ חלום — און גליטשט זיך באַרג-אַרויף אויף
אַ זייל פון גאָלדיק-גרינעם שטויב.

עס פאַלט די נאַכט הייליש, דזשאַנגלדיק ; אַ זשוזשנדיקע שטילקייט
זיך צעשפּרייט.
און די דריי יידן מורמלען : — אשרי יושבי ביתך — ווי גוט איז דעם
וואָס אין דעם וועג פון זינדיקע ניט גייט.

— פון וואַנען קומט אַ ייד ? — איך קום פון ענזיסהיים, פון טויט.
אַ ריטער־רייטער (וואָס שטאַמט גאָר פון קצבים) מיט אַ פּנים
אָנגעגאָסן, רויט,
ער רופט זיך : רינדפלייש, ער פליט אַרום — אַ טייפל אויף אַ שוואַרצן
פערד,
און ברענט און בלענדט מיט בילבול, אַז יידן האָבן די האָסטיע, דאָס
יעזוס־ברויט, פאַרשוועכט.

— „פון ברויט געשפּריצט האָט בלוט"... איז, יאָגט ער אום מיט
אַ רויטן צלם — און שעכט, און שעכט, און שעכט...
און המון, דער טמא־אָפּשטאַם פון די קרייץ־פאָרער, לויפט נאָך מיט
האַק און שפּיז, און שווערד —
און ליאַרעמט — „דער ייד־פאַרשוועכער מוז פאַרטיליקט ווערן
פון דער גאָרער ערד !"

— און איר — דער צווייטער — פון וואַנען קומט אַ ייד? — איך קום
פון סאַוואָיע, פּראָנצויזן־לאַנד,
דאָרט בושעוועט די שוואַרצע פּעסט, און די מגפה טראָגט זיך, ווי
אַ שוואַרצער רויך ;
מענטשן פאַלן, ווי די פליגן — אין שטוב, אין זומפּ, אין בעט — און
יידן פאַלן אויך.
נאָר ס'איז אַרויס פון קירך אַ גלאָקן־קלאַנג, אַז יידן האָבן אַלע
ברינימער פאַרסמט.
דער קלאַנג — ער יאָגט פאַרויס פון דער מגפה, און ברענט אַליין מיט
סם און בראַנד.
אָ, ווי מען האָט ביים רב ר' אליקום זיין צונג אַרויסגעריסן מיט
אַ צוואַנג,
און דערנאָך פאַרברענט די גאַנצע עדה יידן אונטער קירכלעכן געזאַנג.

— און איר, דער דריטער ! — איך קום פון קרים, געוואַנדערט,
געלאָפן, געאיילט אַהין פון ווייט,

נאָר די ווילדע טאַטערן, מיט די קרומע נעז און מיט די קרומע שאַרפע
שווערדלעך ביי דער זייט ;
א טאַטער יאָגט אַזוי זיך, ער שפּילט זיך נאָר — אַ שפּיל אַזאַ מיט
מעסער, שפּיז און פלאַם...
אומזיסט געווען דאָס וואַנדערן, אומזיסט געזוכט אַ מקום מקלט ביים
ברעג פון שוואַרצן ים.

עס רעדט די נאַכט... די געטער שטומען... ס'איז פאַר פערקונאַס שוין
אַ קינד, אַ קרבן, גרייט,
און די יידן דרעמלען, מורמלען : — ווי גוט איז דעם וואָס אין דעם
וועג פון זינדיקע ניט גייט.

אין ווייטער-ווייט, צופוסנס פון אַ באַרג וואָס איז געווען פאַר
געצנדינסט אַ נעסט,
געקומען זיינען אַנטרונענע פון שייטער-פלאַם, עלילת-דם, פון קרייץ
און שוואַרצער פעסט ;
געקומען זיינען מיינע ברידער מיט אַלטן תהילימדיקן לויב צו גאָט,
אויפצושטעלן אַ נייעם ישוב, אַ נייע שטאָט.

ח. מיין שטעטעלע

מיין שטעטעלע פּומפּיאַן, אין ליטע — וואָס זאָל איך דאָ דערציילן ?
נאָענטע ערד — ניט קיין וועלדער, ניט בערג און ניט קיין הייל̈ן.

אַז די זון גייט אויף איז, זעט מען הימל-ראַנד וואָס פייערט אַזוי צונטער,
דער מערב איז אויך נאָענט, דאָרט וואו עס לאָזט דער הימל זיך
אַרונטער.

און דורכן שטעטעלע, ביים זייט אַזוי, פּשוט תמימדיק און אָפן,
געגאַנגען איז מיין זיידע און אויסגעשוויגן דאָס צוגעזאָגטע האָפן...

קען זיין אַז אָט די אָפנקייט איז אויך אַריין אין מיינע לידער,
פּשוט, נאָענט, אָן חידושימלעך, ווי ס'איז געווען דעם זיידנס סידור.

די באָבע איז אין גאָרטן, נאָר שבת צו שקיעה, ווען ס'איז אין שטוב
ניט פריילעך,
דערציילט זי מעשיות פון ווילנער גר-צדק און פאַרלאָרענעם בן-מלך.

באָבע מיינע, וואָס דו האָסט אויסגעטראָגן אויף דיין רוקן — בולבעס,
מעל און קאָרן,
קען זיין דו האָסט מיר מיטגעגעבן אַ ירושה אויף אַלע מיינע יאָרן.

דער טאַטע מיינער האָט דאָ געגומען „זאָגן", אַ משל מיט אַ נמשל,
מיט אַ ניגון:
— מען דאַרף דעם עולם מוסרן, נאָר אויך מיט האָפענונג און טרייסט
פאַרזויגן.

די מאַמע מיינע האָט געניים ביינאַכט, איבער זיך אַליין געבויגן.
און שטיל געזונגען: — די מאַמע ליגט אויף דר'ערד מיט צוגעמאַכטע
אויגן.

— ווער וועט דיך, מיין קינד, פוצן און צירן,
— ווער וועט דיך, מיין קינד, אין חדר אַריין פירן?

דער מאַמעס טרער, איך האָב מיט איר שוין קיינמאָל ניט געקענט
זיך שיידן,
אַ טרער קען לייטערן נאָך מער פון אַלע האָפערדיקע פריידן...

דער פעטער, אַ בעל-דיקדוק, האָט בערדלדיק אַראָפּגעבראַכט
יל"גם „במצולות ים", *)
און די מומע ביי דער שטריק-מאַשין — אַ „געזאַלצענעם ים מיט
אַ בלוטיקן תהום".

און ביידע, ביידע האָבן פון ווילנע ניט אויפגעהערט צו ריידן:
ער: — אין ווילנע גייט אַרום דער לייב-משורר, און ער דעקט אויף
ישראליקס ליידן.

זי: — אין ווילנע זאָגן שוסטערס, בערשטערס אַז דער יאָך מוז ווערן
גרינגער,
און מאַמע-יידיש האָט אויסגעטאָן דעם פאַרטעך און ווערט אַלץ
יינגער, יינגער...

---

*) יל"ג — יהודה לייב גאָרדאָן, העברעאישער דיכטער.

איך, אַ ייִנגעלע אַ קליינס, האָב איינגעזאַפּט אין זיך די אַלע ריידערייען,
צוזאַמען מיט מיין באָבעס ברכה: — צום לעבן און געדייען.

און איבער דעכער, העכער האָב איך באַשיינפּערלעך געזען: הימלען אָפענע, צעגליטע, —
און עס טריפט דאָס ליכט פון ירושלים ד׳ליטע!

ט. ערד און ים

צו וואָס ביסטו, ווילנע, געגליכן?
ווי די ערד —
פון יצירה אַ פרייע, אָן צוימען;
ווי די ערד —
וואָס זי היט און באַהאַלט אַלע זוימען;
ווי די ערד —
מיט דער ברכה פון פרוכפּערן, מערן;
ווי די ערד —
מיט דער בענקשאַפט נאָך הימל און שטערן;
ווי די ערד —
מיט דעם וואונדער פון ייִד צווישן שטאַמען
באַזונדער, אַליין און — צוזאַמען...

צו וואָס ביסטו, ווילנע, געגליכן?
ווי דער ים —
מיט די וואַסערן פון אַלערליי שטראָמען;
ווי דער ים —
מיט דער טיפקייט פון תהום איבער תהומען;
ווי דער ים —
פון אַלע לבנות די בענקשאַפט,
די בענקשאַפט נאָך אייגענעם ליכט;
ווי דער ים —
פון אַלע זונען די קרוינשאַפט —
אין שיין פון באַשעפערס געזיכט.

צו וואָס ביסטו, ווילנע געגליכן?
צו זיך אַליין —
אַ שליאַך איבער צייט, איבער רוים,
אַ כתר פון וואר און פון טרוים —
מיט ווילנס פון „וויל-נאָר" צעבליטע, —
ירושלים ד׳ליטע!

י. דיין נאָמען

דאָס איז געווען שוין שפּעט, אין רייפקייט פון מיינע יאָרן.
האָט ווילנע ווידער אויפגעבליט ביי מיר אין מיין זיכרון;
אין טעג פון ניינצן-אַכט-און-דרייסיק, טעג פון ערשטע, שלעכטע בשורות —
האָט ווילנע זיך אויפסניי פאַרוועבט ביי מיר אין אָט אַזוינע שורות:

דיין נאָמען, ווילנע, קומט צו מיר פון טיפעניש פון יאָרן,
ווען איך האָב, ווייט פון דיר, געטרוימט פון דיין געשטאַלט
איך ווייס ביסט אָרעם, איך ווייס ביסט אַלט,
דאָך ווי אַ מאַמע ברענגסטו מיר — ניט אונטערגאַנג, ניט צאָרן,
נאָר טאָג פון מיין געבאָרן.

די שטאָט, די גאַסן פון מיין איצט, אין כוואַליעדיקן ברומען, —
אין מיטן קאָך, מיר דוכט, איך שאַר זיך ביי אַ צוים.
אַהיים אין ליטע, בית־עולם־בוים,
אַ הימלראַנד, וואָס האָט ווי אַ פּרוכת זיך צענומען,
מיט יעדן גרוס וואָס איז צו אונדז פון דיר געקומען.

אַ שטעטל ביי אַ טראַקט, וואו ס׳בייטן זיך די שעה׳ן,
אַן אורח גייט, — שלום! — עליכם־שלום!
פון וואַנען? אָ, וואונדערל׳עכער חלום!
דער זיידע גלעט די באָרד, די אויגן טוקן זיך, אין גרויען,
— דער אורח איז געווען, געזען דעם אוהל פונעם גאון.

לעגענדעס, איינס און צוויי, אַ שיכט אויף שיכטן :
— דער ווילנער גאון מיט אַ זאַק אויף זיינע פּלייצעס,
— דער גאון פירט אַ פערד פאַרבלאָנדזשעטן ביי לייצעס,
— דער גאון אין אַ וואַלד, אַ פינצטערן־געדיכטן,
— דער גאון איז אַוועק אויף וועגן גלות אָפּצוריכטן.

אַ שטעטל ביי אַ טראַקט, וואו ס׳הערט זיך קנאַל פון בייטשן.
עס קייקלען רעדער זיך אַוועק אויף שווערע אַקסן,
דער זיידע איז שוין טויט, די אייניקלעך — שוין אויסגעוואַקסן,
די באָבע קרעכצט וואָס יונגוואַרג גייט אַרום ווי גאַנצע דייטשן
די ווערטער אַלט־פאַרוואָרצלטע, נאָר נייע טייטשן.

און ווידער איז אין שטעטעלע אַ נאָמען אויפגעגאַנגען :
געקומען מיט דער שניידיקייט פון בליץ.
— הירשל, הירשקע ! — אין האַרצן גיט אַ קריץ,
— דערצייל, דערצייל ! — אין ווילנע איז מען אין אַ מאַרש געגאַנגען,
אין ווילנע האָט מען לעקערטן געהאַנגען.

די טאַטעס סודען זיך, די קינדער הערן מיט די אויגן :
— די ווילנער יונגען גייען קעגן ניקאָלאַיען ;
— די שניידער־שוסטער זאָגן אַז מען דאַרף די וועלט באַפרייען !
אַריבער שטעטלעך ליטווישע, אַריבער פלויטן אינגעבויגן,
האָט זיך צעשפּרייט אַ רעגנבויגן.

עס רוישט דער ים געזאַלצענער, עס לויפן נייע יאָרן,
געשטאַלט האָט זיך געביטן אויף געשטאַלט.
איך ווייס ביסט אָרעם, איך ווייס ביסט אַלט,
דאָך ווי אַ מאַמע ברענגסטו מיר ניט אונטערגאַנג, ניט אָרון, —
נאָר טאָג פון מיין געבאָרן.

יא. די באַלאַדע פון די צוויי מאַמעס

אַ מעשה פון די היינטיקע טעג — און איר ווייסט עס אַוואַדע,
צו מיר אָבער קומט זי צוגיין ווי אַן אַלטע באַלאַדע ;
עס גייט ביז צו שלמהן — וואָס ער האָט געטאָן־טון פאַרמיידן

מען זאָל צוליב קריג פון צוויי מאַמעס דאָס קינד ניט צעשניידן.
די נייע באַלאַדע זי האָט זיך אין ווילנע געטראָפן,
טאָ הערט ווער עס וויל וואָס עס איז זיך אין ווילנע פאַרלאָפן.

די יידישע גאַס. אויף דער יידישער גאַס זיי האָבן זיך ביידע באַגעגנט,
צוויי אַלטיטשקע מאַמעס זיי האָבן אַמאָל זיך אין ווילנע באַגעגנט.
האָט איינע געקאַרבט אויף איר שטערן — דעם יחוס פון צייטן געקליבן,
אַזוי ווי אַ שטאַמיקער דעמב מיט זיין סוד אין דער קאָרע
פאַרשריבן —
געזאָגט צו דער צווייטער — ווער בין איך? איך בין אַן אַלמנה
פאַרבליבן,
מען האָט מיך אַמאָל פון מיין וואוינאָרט פאַיאָגט און פאַרטריבן;
איך בין, ווי אַ בלום אויף די וועגן געלעגן מיט זאַמדן פאַרשאָטן
און ווער נאָר עס וויל — האָט געטראָטן, געטראָטן, געטראָטן.
געבענקט נאָך די קינדער — אַ, קינדערלעך מיינע צעשפּרייטע,
געיאָגטע, געפּלאָגטע — די אייביקע שארית הפליטה!
און אָט האָט געטראָפן, וואָס זע איך? די קינדערלעך קומען צוזאַמען,
זיי קומען מיט טרייסט און מיט שמחה צו זייער פאַרוואָגלטער מאַמען;
איך הער, איך דערקען זיי —מיין יוסף, מיין יינגסטער בנימין —
איך הער, דורכן חושך מען וועקט און מען רופט מיך ביים נאָמען.
זיי קומען ווי טייבעלעך צאַרטע פון אַלע פיר ווינקלען צופליען.
— ווער ביסטו?
— איך בין דאָך די מאַמע פון ציון.

יידישע גאַס. אויף דער יידישער גאַס איז אין ווילנע די צווייטע
געשטאַנען
אַ ביסל געבוקט מיט הכנעה, נאָר אויגן — וואָס קוקן און קוקן,
זיי פינקלען גֶ ע ה י י מ י ש ווי ליכט אין אַ נאַכט גאָר אָן שטערן,
אַ שטעקן אין האַנט און אַ פעקל פאַרלייגט אויף איר רוקן.

— ווער ביסטו? וואָס טראָגסטו? פון וואו און פון וואַנען?
די אַלטיטשקע האָט זיך צעשמייכלט: — נו הערט, ווער ס'וויל הערן!
פון וואַנען? פון דאָרט און פון דאַנען, פון אַלטע און יידישע שטאַמען,
אַ מאַמע פון קינדער געטרייע — די היטער פון הייליקע פלאַמען.

געוואנדערט דורך לענדער און ימען, דורך מאינץ און דורך פראג און
דורך שפייער —
געזען ווי די קינדערלעך מיינע, ווי אותיות, זיי פליען ארויס פון דעם
פייער ;
אין שאטן פון מלאך המות — ווער איז ער ? ווער ווייס אים —
זיי קריכן ארויס פון די גריבער, פון קברים צו תחית המתים.
געקומען מיט זיי דא קיין ווילנע אין צייטן פון געצן און כישוף,
צעלייגט דא געצעלטן — א נייעם, א יידישן ישוב.

אזוי האט די צווייטע גערעדט, האט א ווײלע געשוויגן,
און ווידער צו ריידן גענומען מיט שטילן, מיט הארציקן ניגון :
— מיין פעקל ? איך קום ניט קיין יחוס צו בעטלען, צו בעטן,
נאר זע־נאר,
א מעשה פאר טעכטערלעך מיינע פון צאינה וראינה ;
א תחינה, די טרערן צו ברענגען צום בורא — צוזאמענצוקלייבן,
און קושן און שפרוכן פאר קינדערלעך קליינע דעם נאכטיקן שד
צו פארטרייבן.
וואס נאך איז אין פעקל ? כל דיכפין — פאר אורחים פאר מידע
אויף וועגן,
אזוי ווי אברהם אבינו מיט רחמים צו גיין זיי אנטקעגן ;
געהיט מיינע קינדער, נאר וויי, ווי עס טרעפט זיך אין לעבן,
געהאט אויך פארריסענע בנים זאל גאט זיי פארגעבן !
זיי האבן געשעמט זיך מיט מיר — פאר א שפחה פארדונגען,
נאר איך, אויך פון דינסטשאפט, איך האב זיי פון ליבשאפט געזונגען...
נאר אט, גאט צו דאנקען, אין ווילנע — ווער האט מיך פון נידער
דערהויבן ?
די אייניקלעך זיינען געקומען מיט לידער, געטריישאפט און לויבן ;
נו, ס׳טרעפט אז איך ווײן אויך פון פריידן — און וואס איז דער חידוש:
ווער בין איך — איך בין מאמע־יידיש.

אזוי האבן ביידע, די מאמעס, אויף דער יידישער גאס זיך באגעגנט,
גערעדט און גערעדט זיך איבערגענומען, און ווידער געזעגנט,
געקוקט ווי ברוגז פון וויטן, נאר ווידער און ווידער באגעגנט...
אזוי איז געווען און געשען, און איר ווייסט עס אוודע,
און איצט הערט זיך צו צו דעם סוף פון דער נייער באלאדע.

איז איינמאָל געקומען אַ שטורעם פון פייער — מיט שד׳אישן ברויזן,
און אָפּגעווישט ווילנע — די גאַסן, די געסלעך, די קלויזן;
די מאַמע פון ציון, דורך נסים — געפירט און געטראָגן,
געפלויגן אַזוי ווי דער נביא פון וואונדער אין פלאַמיקן וואָגן;
געפלויגן, געשטעלט אירע פיס אויף די זאַמדן פון ארץ ישראל;
נאָר זי, מאַמע-יידיש, געבליבן פאַריתומט — אָן קרוב, אָן גואל.
און וואָס איז געשען? ס׳האָט די ערשטע אין שטאָלצקייט געטאָן זיך פאַרצאַמען
און האָט אָן דער צווייטער פאַרגעסן, געלאָזט אויף צעשטורעמטע ימען.

אַ מעשה פון ווילנע, ווי גרינג ס׳איז דעם נמשל געפינען,
די אַלטע געשיכטע מיט שלמהן זי גייט ניט אַרויס פון מיין זינען.
— „דאָס קינד ניט צעשניידן!״ — נאָר ווער וועט עס איצטער פאַרמיידן,
מען זאָל אויך אין אונדזערע יאָרן דאָס קינד ניט צעשניידן?...
און ווער איז דאָס קינד — נו, איר ווייסט דאָך אַוודע,
און ס׳חזרט זיך איבער פאַר אונדזערע אויגן די אַלטע באַלאַדע.

יב. דער מוכר-ספרימניק

חודש אלול, קינדער-יאָרן,
לויכט און שימערט אין זכרון:

ס׳האָט דער שופר שוין געבלאָזן
שברים-תרועה, תרועה-שברים;
און דער זיידע אינעם טלית
נישטערט לעננער אין די ספרים.
ס׳יאָגט די באָבע דורכן גאָרטן,
ווי זי וואָלט אין לופטן שוועבן;
גיט צו זיך אַ זיפץ אַ טיפן:
— מי בחיים — גאָט זאָל געבן!
נאָר די זון-רויז לאַכט מיט פולקייט,
קרוינט זיך מיט דער גאָב פון קערנער;
און דאָס ציגעלע, אין שטיפן,
קלאַפּט אין צוים מיט אירע הערנער.

מיט אַמאָל האָט אונדזער געסל
זיך צעפּלאַטערט, אויפגעהויבן —
מ'גייט צום מאַרק, וואָס טוט זיך דאָרטן?
קוקן וואונדערדיק די שויבן:
גייט די גייטערקע, גייט סאָסי,
און די דינסט פון גביר ר' יאסי,
אויך די מומע מיט די מאָסן
די מאַשין האָט צוגעשלאָסן;
גייען שכנות, גייען ווייבער,
ווער אין שלורעס, ווער אין שיכלעך,
מיט פּאַטשיילקעס און מיט טיכלעך;
גייט די זאָגערין פון תחינות,
און די וויינערקע פון קינות;
מאַכט די באָבע — „וואָס קען שאַטן,
אפשר אויך פאַר מיר צו פּרוּוון".
גייען שטעטלדיקע יאַטן,
שיע שוסטער, שימע שניידער;
גייט דער בדחן לייב, „גאָטס-וואונדער",
קומט אויך אָן דער לאַנגער ראובן,
שטעטלדיקער „בריפן-שרייבער";
גייט ער זייטיק און באַזונדער
מיט זיין שטעקן — זילבער-קעפּל.

גייט מען, גייט מען; שטייען יינגלעך
און זיי קלאַפּן מיט די צינגלעך:

מאַכט מיין חבר, יאָסל וויכער:
— קום שוין, בינעלע, וואָס גיכער,
אַז אין מאַרק, מען טיילט דאָרט עפּל,
ווילסט קיין עפּל — גיט מען באַרן;

מאַכט אַ צווייטער, שמואליק שפּרינגער:
— נעם און ביים זיך אָפּ אַ פינגער,
וואָס מיר עפּל, וואָס מיר באַרן —
זיצט אַ קונצנמאַכער דאָרטן,
טרעפּט און ווייס אַלץ פון די קאָרטן,

ווייל מען — קריכט ער אויף די שטאַנגען;
אַז ער רעדט צו זיינע שלאַנגען,
לעקן זיי אים מיט די צינגער;
אויב מען וויל איז, פאַר אַ דרייער
ברענט ער אָן אַ הייסן אייזן,
עפנט ס׳מויל און שלינגט דאָס פייער.

מאַכט אַ דריטער — חכם עתיק,
(ווי אַ זיידע רעדט ער גלאַטיק)
— ניט קיין קונצן, ניט קיין אייזן,
קומט אַהין — איך וועל אייך ווייזן.

שטייט אין מאַרק אַ ייד מיט ציצית,
און מיט יאַרמעלקעס, מיט שפּיצן;
שטייט ער מיט זיין ציגן-בערדל
ביי אַ וואָגן מיט אַ פערדל.
פערדל הירזשעט — אָבער-אָבער,
וואו איז דאָ דער לעצטער האָבער?
נישטערט, זוכט אויף לינקס און רעכטס,
מיט אַ ברומיק-שטומען קרעכץ,
ציט מיט נאָזלעכער און בלאָזט,
הייבט דעם קאָפּ און קוקט פאַרגלאָזט
צו דעם אַלט-פאַרמאַכטן ברונעם,
צו דעם עמער האַלב-פאַראָסט.

און דער ייד, ווי מיר, די קינדער,
ער האָט אויך אַ פּאַק מיט וואונדער;
שטייט ער אויף דער ברעט פון וואָגן
און ער זאָגט אַזוי צו זאָגן:
— ווער זשע בין איך? איך בין גרונעם,
קום פון ווילנע, פון מרחקים;
כ׳האָב געבראַכט דאָ ספרים, ביכלעך,
כ׳האָב אין פור אַ גאַנצן רומל;
ווייבער מאַכט ניט קיין געטומל,
ווער עס האָט נאָר די ממתקים,
שייך זאָגן — צוויי-דריי גראָשן, —

גיכער, קומט אַרויס מיט לשון!
כ׳האָב אַ מעשה פון לויתן,
מיט זיין פּאַלאַץ טיף אין תהום;
אַלץ איז ריכטיק, ס׳קומט פון ווילנע,
פון אלמנה והאַחים ראָם;
פון בעל־שם אַ מעשה נורא,
פון זיין משפט מיט דער תורה;
כ׳האָב די „גלאָקע פון באַגדאַד״,
און די „וויטצע״ פון כאַבאַד;
נאָט אַ מעשה פון גר־צדק,
ווי ער היילקט „גאָטעס״־נאָמען;
צי פון ווילנער באַלעבעסל
מיט זיין פוילישער גראַפינע,
ווי ער שטאַרבט ביים לעצטן: אמן.
כ׳האָב אַ שפּאָגל נייע תחינה,
ווי עס וויינט די מוטער רחל,
ווי זי קלאָגט פאַר כביכול
ער זאָל שוין זיין צוזאָג טאָן;
און אַ שטיקעלע פון תהילים,
אַלעם, אַלעם אין זשאַרגאָן.
ווילט איר ספרים, מאַכט קיין שהיות,
כ׳האָב דאָ גאָר אַ יקר המציאות;
און סידורים, אויך מחזורים
אויף שבת, יום־טוב און ראש־חודש.
אויך משלים פונעם דובנער,
אין אַ לייכטן לשון קודש,
וואָס דער מגיד פלעגט זיי זאָגן
פאַרן גאון, זכותו יגן.
משל — נמשל, דרש און רמז,
אדרבה, קום און נעם עס!

— קוקן אויגן — טרוים־פאַרצויגן,
איז דער טאָג שוין באַלד אַריבער;
תחינות, מעשיות און חלומות —
לויכטן אין די קליינע שטיבער.

שפּעט ביינאַכט, די אַלע וואונדער
האָבן מיר דעם שלאָף צעריסן;
די לבנה דורכן פענצטער
קוקט אַריין — אויך זי וויל וויסן...

דוכט מיר: גייע, מאָדנע שאָטנס
שוועבן איבער זיידעס ספרים —
יידן גייען שוין פון שחרית,
און דער שופר: תרועה־שברים.

יג. איבער דורות

א. צ ו ו י י

— און ויהי — דורך טעג און נעכט,
וואו ויהי איז ביטער, שלעכט...
חורבן, גירוש, פלאַם און שווערד,
זינקט זי אונטער מיר די ערד.
וואו איז זי מיין פעסטע וואר?
בלייבט פון אַלץ לעגענדע נאָר;
שטעט וואָס זיינען לאַנג ניטאָ,
אין זכרון זיינען דאָ.
צען געבאָט — אַלץ ניט און ניט,
שטרויכלען מדברדיק די טריט,
די לעגענדע אָבער היט,
גייט פון משהן, פון נבו,
בלייבט זי אייביק שוין אַזוי...
בייט געשטאַלט זיך אויף געשטאַלט,
ווער איך יונג, ווען כ'בין גאָר אַלט.
ציט לעגענדע — בלייבט זי שטיין,
קומט אַ ניגון לויטער ריין,
ברענגט דער ניגון רו און טרייסט:
— מענטש, דו ווייס נאָר וואו דו גייסט!...
ניגון און לעגענדע — צוויי,
אייביק בלייבן וועלן זיי.

ב. תפילה לעני

— איז די הילף שוין אַנגעברייט!
גייט מיין אור־זיידע און גייט,
גייט דורך רוים און גייט דורך צייט,
קומט ער, ווי אַ זעאונג נאָר,
אָדער ער איז טאַקע וואָר?
קוקט אויף לינקס און רעכטס — אַ שפּאַן,
אומעטום איז ע ר פאַראַן!
אַזאַ שוועבנדיקער גאַנג,
אַזאַ ווייַנען אין געזאַנג;
און דורך תפילה — גרינג, באַפרייט,
בויגט ער זיך צו מזרח־זייט;

— גאָט, דו גרויסער, גאָט, דו האַר,
זיי מיך מציל פון מיין צער,
העלף מיך, העלף דעם אָרעמאַן,
היט פון אָפּגרונטן מיין שפּאַן;
צי אַרויס מיך פון דער נויט,
ראַטעווע פון טאָל פון טויט!
למנצח מזמור שיר!
טו פאַר מיר — נאָך מער פאַר דיר,
זאָלן געצן ניט אָ, גאָט,
מאַכן דיך צו שאַנד און שפּאָט,
נעם, שטרעק אויס דיין האַנט פון כוח —
למנצח, למנצח!

ג. א י כ ה

אין דער נאַכט פון חורבן, אין דער נאַכט פון ווי
אויף שבעה־קעסטלעך זיצן זיי. —
ווער זיינען זיי?
יידן, ברידער פון איין שטאַם;
נאָר איצט —
די קעפּ פאַרהילטע אין טליתים,
פון אַלע ניט־פּנימער — איין פּנים,
ישראל סבא, יינגעלע, דערקאָן אים!...

זיי ריידן זיך דורך מיטן בורא עולם,
מיט לעבעדיקע און אויך מיט מתים, —
קדושים וטהורים וואָס זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם!
דער בליצלאָמפּ איבער דער בימה בליצט,
מיט דעם שײַן פון קדיש און פון אמן;
די ליכטלעך אויף די שטענדערס פלעמלען, נייגן זיך איינס צום אַנדערן,
און פינקלען מיט איין פלאַם;
די שאָטנס ביים באַלקן טוליען זיך אויך צוזאַמען
מיט דעם אָפּשיין פון יאָרהונדערטער
און מיט דעם צער פון אַ פאָלק אין וואַנדערן,
און אַלע ווײַלע — אַ קרעכץ, אַן אויסגעשריי:

— איכה ישבה בדד,
אָ, ווי אַזוי און ווי אַזוי,
בין איך געוואָרן צו טרוקן שטרוי,
עיר רבתי — די שטאָט פון שטעט,
געוואָרן איז גאָר צו געשפּעט;
עס וויינט די טאָכטער אין דער פרעמד,
און די מוטער ציון שטייט פאַרשעמט;
גאָט, אויב פאַראַכטן האָסטו אונדז פאַראַכט,
און האָסט פאַרוואָרפן אונדז אין נאַכט,
איז, קניען מיר פאַר דיר אין פּיין:
— אָ, צי דיין גרימצאָרן שוין איין!
נעם, לייז אונדז אויס פון יאָך פון זינד,
און קער אונדז אום צו זיך געשווינט,
באַניי, ריכט אויף דיין אַלטן וואוין,
הייב אויף פון דער ערד דיין מלכות־קרוין,
אַז וויסן זאָל דער שונא אדום,
אַז ניט אויף אייביק בין איך וויסט, —
דו ביסט געווען, וועסט זיין און ביסט,
— חדש ימינו כקדם!

ד.

— און די באָבע — באָבע מיינע,
קומט צו גאָט ניט מיט קיין טענה;
ניגונדיק זי בעט און בעט,

אַלע אומגליקן פאַרגלעט;
מערער פון די יידעס נאָך,
ברענגט זי — כאָטש עס דריקט דער יאָך —
ברכה אויף אַ פולער וואָך;
וואָך, צי שבת, פרי צי שפּעט,
רעדט זיך דורך מיט גאָט און רעדט:

— גאָט, האָב רחמנות!
האָר וואָס פון די הויכן קוקט,
עס שטייט פאַר דיר דיין דינסט געבוקט,
צו דיר און צו דיין נאָמען טו איך האָפן,
וועג און שטעג זאָל תמיד זיין אָפן;

אָפן זאָל עס שטיין,
און מיר זאָלן זוכה זיין צו גיין,
צו די טויערן פון ברכה,
צו דעם היכל פון הצלחה!

נעמט דער האָר דעם בעכער אין זיין רעכטער האַנט,
און מאַכט אַ ברכה איבערן גאַנצן לאַנד;
געהייליקט זאָל זיין זיין ליבער נאָמען —
און די קינדער פון ישראל זאָגן: אָמן.

יידן בעטן, מאָנען, האָפן,
מיט דער טרער פון אַלע גזירות,
דורך די טויערן פון שטראָפן,
מיט געזאַנג פון אַלע דורות.

ח. ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט...

גייען די יאָרן אין ציטער און וויי,
טליעט אין האַרץ דאָס געשריי;
הייבט זיך פון שטויב שוין דער הייליקער צער,
רייסט זיך דער רוקן פון קרומקייט,
רייסט זיך די צונג שוין פון שטומקייט;
ליכט וואָס ווערט קיינמאָל ניט, קיינמאָל פאַרלאָשן

ליכט אויף אויפסניי אין דעם ייִדישן לשון.
— אונטער קינדס וויגעלע
שטייט אַ גאָלדן ציגעלע.
ייִנגעלע, ייִנגעלע,
עפן אויף די אויגן
איבער ווילנע שטראַלט אַ רעגנבויגן!
זע דעם צייכן
אין די הייכן —
ניט קיין מבול, קיין פאַרלענדונג,
ניט קיין כּישוף, קיין פאַרבלענדונג,
ניט קיין מלך, ניט קיין קרוין,
ס'קומט דער פּשוטער המון.
שניידערס, שוסטערס, יוסטע שמידן,
גייען, קומען פּראָסטע ייִדן,
— וואָס מיר זיינען, זיינען מיר,
אָבער ייִדן זיינען מיר;
וואָס מיר ווילן — ווילן מיר,
אָבער לעבן ווילן מיר!
און מיט ייִדן קומען ווייבער
קומען מאַמעס, מומעס — אַלע!
קומט אויך פּישקע מיט דער כּלה,
קיינער איז קיין איבערקלייבער!
אויפן שולהויף — ביי די שוועלן
ניט קיין אויסגעטראַכטער גולם,
ס'טאַנצט די אָרימשאַפט, דער עולם
פון די מאַרקן און געשטעלן;
און עס הייבט זיך, טוט זיך וויגן
אַט אַזאַ מין נייער ניגון:

— ניט קיין געבעטענע, אַליין אַ געקומענע,
כאָטש אַן אָרימינקע,
דאָך אַ מומע —
אָרעם איז ניט גוט,
אָרעם איז ניט גוט,
לאָמיר זיך ניט שעמען
מיט אייגענעם בלוט.

און וואָס ווייטער — אונטן־אויבן
— ווילנע האָט זיך אויפגעהויבן! —
עפענען זיך אַלע טירן,
הויפן גייען, געסלעך פירן,
זאַקנמאַכערקעס — זשו־זשו,
מיט דעם רויש פון דער מאַשין;
נייטערקעס מיט נאָדלען דין,
ציט דאָס באַוועלע גיך־גיך, —
איך און דו, און דו און איך,
איינגעוועבט, צונויפגעשטעפּט,
פוס אין פוס און האַנט אין האַנט:
— מיר ברעכן די וואַנט,
וואַנט פון חושך, וואַנט פון טויט;
ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט,
ווער מיט דלאָט און ווער מיט האַמער,
אַלע, אַלע אין געקלאַמער,
מאַאיק, יום־טובדיק, באַנייט:
— די וועלט מוז ווערן באַפרייט!
גיט אַ ווײ די פאָן פון רויט —
שוועסטער און ברידער פון אַרבעט און נויט!
און פאָרויס גייט הירשקע־הירש:
פלוצלונג, ווי פון באַרג אַראָפּ,
יאָגן רייטערס אין גאַלאָפּ;
גיט דעם קאָזאַקס פערד אַ הירזש, —
קומט אין פּאַטשאָן פאָן־וואַל;
הירשקע לעקערט גיט אַ טרעט,
גיט זיין פּיסטאָלעט אַ קנאַל,
ווייט אין זון די רויטע פאָן:
— גייט און זאָגט די בשורה אָן,
פאַר זיין רשעות, פאַר זיין רוט,
ליגט דער רשע אין זיין בלוט.

. . . און ווייט אין ליטע,
אין אַ שטיבעלע, הכנעהדיק געבויגן —
אַ שטיבעלע פון גלויבן;
ביים זיידנס ספרים־אַלמער און ביים — ווילנער גאון,

וואָס האָט פון וואַנט אַראָפּגעקוקט מיט תמימותדיקע אויגן, —
האָט מיט אַמאָל אין בין־השמשותדיקע שעהן,
דורך די שקיעהדיקע, קליינע שויבן,
צענומענע, צעגליטע,
אַ ניי געזאַנג אַריינגעדרונגען:
די מומע ביי דער שטריק־מאַשין האָט מיט די נאָדלען גיך געצויגן,
און תפילהדיק דערציילט און אויסגעזונגען:
. . . ווי מ׳האָט הירשקען געשמידט אין אייזערנע קייטן,
און אין אַ צימערל אַריינגעבראַכט;
הירשקע זיצט ביי דעם קאַנעצל
און האָט דאָרט זיין לעבן גוט באַטראַכט.

ער וויל ניט קיין רחמנות, און ניט קיין ווידוי
ער רופט זיין וויב זיך צו געזעגענען מיט איר!
— אַז סע וועט ביי דיר געבוירן ווערן אַ יינגעלע
אַ נאָמען זאָלסטו געבן נאָך מיר.

שוסטער פון קאַפּול און אַל —
נאָר ווי קדוש פון אַמאָל.

שפּרייט זיך ווידער אַמאָל די לעגענדע פון ווילנע
לעגענדע אין וואָר,
לעגענדע, וואָס איז דערגאַנגען ביז אונדזער לעצטן דור.

יד. דער געזאַנגמייסטער

א.

ברידער,
און דאָס איז דער סוף פון מיינע לידער, —
און שווער איז מיר זיך צו געזעגענען:
— צו זען זיך ווידער...
הלוואי!
— ער הייבט דעם אביון אויף פון נידער, —

די אַלטע תהילימדיקע טרייסט זי טוט מיך איצט פאַרמיידן,
— ווער עס זייעט מיט טרערן, ער וועט מיט געזאַנג דאָך שניידן,
ניט איך!
איך קוק אַריין אין זיך:
כ'בין אַ פּליט פון אַ שטאָם פאַרטיליקטער דורך פיר-מאָל-פיר מאָל
מיתות פון רשעים,

דורך דער רציחה פון די גויים —
דורך תליה, סקילה, סם,
דורך בראַנד, דורך פויסט און האַק,
דורך צערייצטע הינט, דורך קויל,
און מיתות משונות,
וואָס מ'קען גאָרניט אַרויסברענגען מיטן מויל —
אין גזירות: תש"א, תש"ב, תש"ג.

אָ, וואו ביסטו לעגענדע מיינע,
מיט אותיות גאָלדיקע געקריצט,
וואָס דו האָסט מיך פון ענד צו ענד —
געהיט, באַשירעמט און געשיצט?
אַ האַנט אַ קאַלט-געשפּענסטיקע זי ציט, און ציט אויף פּייער-וואַנט,
און מיט די פינגער — ניט זי שרייבט ווי אין בלשאצר-נאַכט,
נאָר מעקט, און מעקט — פאַרמעקט,
ביז אַלץ ווערט אויסגעלאָשן און פאַרמאַכט.

ב.

און דער געזאַנגמייסטער, ער שאַלט און שופּרט: מזמור שיר!
— גאָט שטייט אַ היטונג ביי דיין טיר;
ער גרונטפעסטיקט זיין וואוין אויפסניי,
ער הייבט אויף דעם געפאַלענעם, ער העלפט אים פריי,
כאָטש דער אָפּשפּעטער מיינט: — ס'איז שפּעטער...
ער קלאַפּט אין טאַצן, ער שיקט די לויפערם מיט שטורקאַצן:
— די אויסלייזונג זי נענט און קומט אויף גיך!
ער בענטשט דעם גלויבער, וואָס האָט אויך מיטן סוף אַ לעבן-בונד
פאַרשניטן:
— אשרי המאמין, קומען וועט ער!

נאָר איך —
די אַלטע תהילימדיקע פרייד האָט מיך געמיטן.

ג. דער בוים

עס שפּרינגען דרויסן אויף מיין פענצטער־ראַנד,
צוויי פייגל — פּליטים,
מיט הונגעריקע פּיסקעלעך: פּיק־פּיק,
און מיט רחמנות אינעם בליק —
אַנטרונענע פון חורבנדיקן זומער־לאַנד.
און ס׳קוקט אַריין אַריבער אַלט־פאַראַסטן צוים,
אַ האַרבסטיק־הוילער בוים,
אַ פאַרלאָזענער צווישן ברוך און בראַק.
ווער האָט געפּלאַנצט? ווער האָט פאַרזייט אים?
אַ הענטל פון אַ זעג, אַ פינגער פון אַ צוואַנג, אַ קעפּל פון אַ האַק —
זיין קיניגרייך!
ער האָט, געדענק איך, אינעם אַלטן הויף
נסימדיק געריסן זיך אַרויף, אַרויף.
אוים נס! — ער שטאַרט מיט זיינע איינגעשטומטע צווייגן,
דער חורבן האָט פאַרשטיקט זיין ליד, זיין פרייד,
און צוגענומען —
זיין נאַכטיקן געמורמל, זיין ליכטיקן באַשייד,
אַפילו אויך זיין שווייגן...

איך קוק אַריין אין זיך, נאָר ס׳לאָזט ניט אָפּ דער בוים,
איך זע אַ טאָל, וואָס לאָזט זיך אין דער נידער,
און אינעם טאָל אַ הויפן אותיות, שורות בלעטער,
אָ, ווער וועט זיי צונויפקלייבן און היטן?
איך זע דעם צער פון גאַנצן ב ו י ם ־ ג ע ז י נ ד אויף דר׳ערד,
נאָר אויך דעם צער פון לעצטן בלאַט אויף סאַמע שפּיץ,
ער ציטערט, פלאַטערט קוים — אָ, גאָט באַשירעם און באַשיץ!...
ער וויים:
אויך אים וועט באַלד דער סוף אַראָפּרייסן, פאַרשיטן — —
די תהילימדיקע פרייד האָט מיך געמיטן.

יח. דאָס קול

איך, געבויגענער,
וואָס ס'איז די שטראָף אין צווייען מיר געגעבן —
צו טראָגן בראָך פון שענדונג און פאַרלענדונג,
און שולד פון בלייבן לעבן;
איך, געבויגענער, אין זיך אַליין פאַרקלעמטער,
וואָס יעדער בוים, און שטיין, און גראָבן
לעגנאָוים פון וואַלד געצויגן,
און יעדער זומפּ וואָס גלימערט, שימערט מיט גרינע אויגן,
דערמאָנט מיר, גייט נאָך, יאָגט נאָך מיט די מיתות משונות פון
מיינע ברידער;

איך געבויגענער, פאַרשעמטער, —
איך קוק אויף מיינע קינדער,
און איך דערהער אַ קול,
עכאָ אין דער טיפעניש פון טאָל:
— בן אדם, דו ביסט אַ זינדער, —
דו קומסט פון שטויב, און איידער נאָך דו קערסט זיך אום צו שטויב,
ווערסטו אַליין אינגאַנצן שטויב.
זיי וויסן, די וואָר די נאַקעטע, אַנטבלויזטע,
באַהאַנגענע מיט גלוסטנדיקע כישוף-צויטן,
האָט קיינמאָל ניט געהיט דיין לעבן,
און ניט פאַרהיט פון אַלע טויטן;
די וואָר אַליין — פון גרעניץ, צוים און ראָם
האָט קיינמאָל ניט געשיצט — ניט דיך און ניט דיין שטאַם,
האָט קיינמאָל ניט געראַטעוועט, געהיט
ניט דודן, ניט — שלמהן...
אויף אַלע דיינע שוועלן, אין אַלע דיינע היימען,
אויף שפּור פון דורותדיקע טריט,
האָט פּילגעשטאַלטיק נאָר געטאָן אַנטקעגן בלענדן
חזיון און לעגענדע;
און ווי די אור-זיידעס, אין קלעם פון צייטן,
געוויזן האָבן דיר אַ לאַנד פון ווייטן,
זאָלסטו אויך איצט אין בראָך אין שווערן
ניט זינקען אין יאושדיקן שטומען,

— און דאַרפסט זיך מיט דיין גורל גאָרניט שעמען —
דו זאָלסט אויפסניי צו זיך אַליין זיך קערן,
און זען דעם קץ וואָס דאַרף נאָך קומען,
אַליין און איינציק — גלויב און טרוי אים,
וועסט קיינמאָל שוין ניט זיין — ככל הגויים.

האָב איך געהערט דאָס קול, געקוקט אויף מיינע קינדער,
און האָב גערעדט — ניט ווויסנדיק צו וועמען:
— צי האָט מען ניט אַמאָל דורך ניסימדיקן וואַנדער
געפירט מיך צו אַ לאַנד פון פעלד, פון שאָף און רינדער,
געפירט מיך צו אַ לאַנד פון מילך און האָניק,
אַרויס פון מדבר, צו אַ לעבן גאָר אַן אַנדער!

האָט נאָך אַ מאָל דאָס קול אַריבער מיר גערעדט:
— ער, וואָס איז פאַרבאָרגן אין די הייכן,
ער האָט דאָך מיט דעם לאַנד אַליין געגעבן דיר אַ צייכן,
האָט אויסגעטיילט און אויסגעוויילט אַ לאַנד אַ קליינס פון דלד אמות,
אַז דו מיט אַלע טאַטעס, מאַמעס,
זאָלן תמיד קוקן אויפן הימל, וואו ס׳טוט לעגענדע שוועבן,
לעגענדע וואָס איז גרעסער פונם לאַנד,
ווי ס׳איז דער חלום לענגער פון דער נאַכט;
און אייביק, אייביק זאָל דער חלום וועבן
אַ טאָג וואָס קומט אין הערלעכקייט און פּראַכט.
און אויב דיר איז אַ ביסל פרייד באַשערט,
זאָל אויך די פרייד זיין העכער פון דער ערד,
די פרייד זאָל זיין — ניט היינטיק און ניט וואָריק,
און ניט עבודה־זרהיק,
נאָר ווי דיין חלום — פיל טויזנט יאָריק.
און אויב דו וויינסט, אין טאָג פון פּיין,
טאָ זאָל דיין טרער אויך זיין,
ניט טרער אויף וויי־ניקער, צי מער,
נאָר פאַלן זאָל זי, איבער באַקן רינען,
אויף דער רשעות וואָס האָט פאַרפלייצט די וועלט,
אויף דעם שטן וואָס האָט זיך פאַר אַן אויסלייזער פאַרשטעלט —
אויף גלות השכינה.

דאָס קול איז געוואָרן אַנטשוויגן.
איך האָב געקוקט אויף מיינע קינדער,
און כ'האָב אויפסניי מיין אַלטן חלום גענומען וויגן.

יו. וואַלד־לעגענדע

שטיי אויף פון דעם אַראָפּגעלאָזטן טרויער,
עס טאָר דיין טרויער ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שלייער,
וואָס זאָל זיך נאַכשלעפּן אויף שטויבן;
טו אָפּ ווי שפּינוועבס, די טונקעלע מחשבות, —
קום, לאָמיר גיין — דער ייד, דער לעגענדאַרער גייער! —
אויף די אַלטע וועגן פון די אָבות.
ס'איז אונדזער צער ניט אונדזערער, נאָר צער פון דורות,
ס'טאָר קיינער דיר פון דורותדיקייט ניט באַרויבן;
ניט דו אַליין, ניט איך אַליין זיינען איצט געפּרואווט געוואָרן
מיט שחיטות, גזירות, מוראָס.
פאַרגליווערט שטייט דער וואַלד, און זומפּיק ציט דער שטראָם —
דער טרויער טאָר ניט שפּורלאָז זינקען צו דעם תהום.

קום, לאָמיר גיין און אויפזוכן די נשמות ערטילאות,
וואָס שפּרינגען איבער זומפּ און וויזן: דאָ איז
דער אַש פון די פאַרברענטע יידן;
לאָמיר גיין צו די שחיטה־שייערן,
צו די אוישוויץ און טרעבלינקע־פייערן,
לאָמיר גיין צו די קברים־גריבער פון באַבי־יאַר, און פון פּאָנאַר *)
לאָמיר אויפזוכן אַ בענדל פון אַ שוך,
אַ לעצטע קללה, אַ לעצטע פלוך
אין פּרצוף פון רוצח;
דעם לעצטן — למנצח
פון ר' שאַיע, דעם גוטן ייד;
אַ נאָדל פון אַ שניידער,
אַ צווייגל פון אַ שמיד,
אַ שפּילצייג פון אַ קינד,

---

*) ערטילאות — נאַקעטע נשמות; **) באַבי־יאַר — פלאַץ פון מאַסן־מאָרד אין קיעוו; פּאָנאַר — ביי ווילנע.

א, ווי איז אונדז און ווינד!

פּושטשעס, וועלדער באַהעלטעניש פון אויפשטענדלער — אור־
גערדיכטעניש פון צייטן,

גאַליציען, קאַרפּאַטן, אוקראַינע, פּוילן —
ביז ווייס־רוסלאַנד, ביז נאַראָטשער פּושטשעס,
וואו דורך די ביימער־קנוילן
גרימט די אָזערע פון ווייטן...
און אויף רעכטס — אָפּגעלייגטע שפּורן אינעם גראָז —
— אָ, ווינט פּאַרוויי די סליאַדן! —
די נאַטשער־פּושטשע, נאָענט צו לידע און צו ראַדין,
טיף אין ליטע, צפונדיק — צו צפון,
ביז צו די רודניצקי־וועלדער, וואו גייענדיק צו ווילנע
האָבן אין פאַרצייטן ביימער־ריזן זיך געטראָפן.
חיה־נאָרעס, זומפּ און שליים און אימה, —
וואו זיינען די גזלנים, די היילן, די געהיימע?
די גזלנים פון די מעשיות זיינען לאַנג פון וואַלד אַרויס,
זיי גייען אום איצט מיט טיפע רויב־טאָרבעס, און מיט די לאַנגע
ביימשן
אין שטעט און שטעטלעך צוזאַמען מיט די דייטשן.
דאָ, אין וואַלד, אין פּוילעניש, אין מאָך און שימל,
צווישן זשוזשענדיקן און קריכיקן געווימל,
אין גריבער, אין ערד און פעלדזן־שפּאַלטן,
טוליען זיך אין חושך, ווי ניט־דאַאיקע געשטאַלטן,
די פּאַרטיזאַנער!

זאָג, ווער ביסטו — פרוי און מאַן?
זאָג פון וואו און זאָג פון וואַן —
— פּאַרטיזאַן!

מיט גראַנאַט און מיט נאַגאַן,
קריך, ריים אויף דעם שונאס באַן,
פּאַרטיזאַן!

איז צום טויט דאָך בלויז אַ שפּאַן
פאַר דעם כבוד פון דיין קלאַן —
פּאַרטיזאַן!

כל-זמן לעבן איז פאראן,
ביז עס פאלט דער לעצטער מאן,
פארטיזאן.

מיטנגאכט. אין מיטנגאכט ווערט ליכטיקער די פינצטערניש אין ווילד-וואלד ;
הויך אריבער ביימער שפרינגען אפשיינען, וואס זוכן ;
יאגן, שטיקן גיפטיקע גערוכן ;
ווייטע שרפה-בראנדן, עכא-גוואלדן ;
אין די אויגן שווינדלען זשוקעס — בייסן, גריזשען, פיקן, —
— ווען וועט אונזער אויספירער דעם שליח שיקן ?...
רינגלען רינגען רונד און רונדער ; נאענטע געברילן —
מונטערט שמערקע : — שטארק דיין ארעם, שטארק דיין ווילן !
אויף א ברעט, ווי אין אן ארון ליגט אברהם — ניין, ניט שטארבן ! —
און א ליד, ווי א לעגענדע, שיינט אין וואלד מיט זיבן פארבן *).

פלוצלונג באווייזט זיך א געשטאלט, ווי פון א בוים אראפגעבראכן,
בלאנדע לאקן, שמייכלען צײנער — דער שליח פון בטחון !
שפאנט ער איבער גופים, שפאלט מיט שפאן דעם ים פון טרויער :

— זאג ניט קיינמאל אז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
הימלען בלייענע פארשטעלן בלאע טעג ;
קומען וועט דאך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
ס'וועט א פויק טאן אונדזער טראט — מיר זיינען דא !

קוקן אלע פארטיזאנער : — ווער איז ער וואס זינגט דאס ליד ?
דאס איז ה י ר ש ק ע ג ל י ק פון ווילנע — צי דערקענט איר ניט ?
ליגט ער ערגעץ אין א לאגער —פייער-דראט ארומגענומען,
ווייס ער, אז מיר ווארטן, נו, איז ער געקומען.

---

*) שמערקע, אברהם — אנוואונק אויף ש מ ע ר ק ע ז, דיכטערישער קופלעטן-שרייבער אין דער ווילנער געטא און אויף אונדזער פאעט א ב ר ה ם ס ו צ ק ע-ו ו ע ר, איז איצט אין מדינת ישראל. ביידע זיינען אויך געווען אין די וועלדער — פארטיזאנער. דער טייערער שמערקע קאטשערגינסקי איז שפעטער, שוין זייענ-דיק אין ארגענטינע, אומגעקומען אין אן עראפלאן-קראך. ער האט איבערגעלאזט נאך זיך 6 וויכטיקע ביכער און לידער-זאמלונגען, פון דעם לעבן און קאמף אין געטא און וואלד.

אַזאַ דוכטעניש ביים אָפּגרונט, אַזאַ זעאונג — שאַרפע, וואָרע,
ווי די גבורה, פּאַרטיזאַנער, איינגעשטשעמעט אין דער נאָרע,
ווי די אותיות איינגעקאַרבטע, איינגעקריצטע אין דער קאָרע.

פון גרינעם פּאַלמען־לאַנד ביז ווייסן לאַנד פון שניי,
מיר קומען אָן מיט אונדזער פּיין, מיט אונדזער וויי . . .

ניט קיין שניי און ניט קיין פּאַלמעס,
ס'עפענען זיך קברים, ס'רירן זיך בית־עלמינס,
זאַמדיקן זיך גריבער — גייען מתים,
ניט קיין מתים — ס'גייען יידן אין טליתים;
גייען יידן לעגענדאַרע דורכן אור־וואַלד פון די צייטן,
(מיטלאַלטער, נייער אַלטער — נייע רוצחים, מיט דער שווערד זיך בלויז צו בייטן.)

גייען יידן — צפת און טרוא, גייען יידן — מאַינץ און שפּייער,
גייט זיי נאָך אַ זייל פון וואָלקן, גייט זיי נאָך אַ זייל פון פייער;
גייען יידן, עם קשה עורף, דורכגעטראָטענער געטרעט,
ביז צו פּראָג און ביז לובלין און ביז ווילנע — שטאָט פון שטעט;
רינג אין רינג אַריינגעפלאָכטן, אויסגעגאָסן אין איין פורעם,
אויפגעהויבן אין חזיון, אויסגעליטערט אין יסורים.
דורך די קאָרטשעס איינגעקנאָדערט רייסט זיך דורך אַ מיסטיש ליכט,
קוקן, זעען פּאַרטיזאַנער: — שימערט אויף אַ צווייט געזיכט:
ווידער הירשקע — ניי־געשטאַלטיק, ניין, ניט הירשקע גליק,
ס'איז דער שוסטער הירשקע לעקערט פון פיר צענדליק יאָר צוריק*).

*) ווילנע 1902 — 1942.

האָט אַ שפּרונג געטאָן פון תליה, האָט פון האַלדז צעפליקט די שטריק,
און אָט שטייט ער אין זיין פראַסטקייט, און מיט תמימות אין זיין בליק.
הירש און הירשקע —ביידע יורשים פון דער הייליקער לעגענדע,
וואָס גייט מיט מיט אונזער אומה אָן אָן אָנהייב, אָן אָן ענדע...
עפנט זיך די וואַנט פון חושך — ווי אַ האַנט צערוקט אַ ריגל, —
און באַלד —
גייען, גייען פּאַרטיזאַנער, נס געטראָגענער אויף פליגל:
— יציאת וואַלד!

קום, לעגענדע, צי אַרויס אונדז פון דער נאַכט,
די נאַכט איז פינצטער, נאָר די לעגענדע אייביק וואַכט.

1957-8

(ס ו ף)

אינהאַלט

זייט

צום חשובן לייענער — 6

1. האַרבסטיקע פייערן

טרייסט — 11
דער וועטער בביא זאָגט פּאָרויס דעם וועטער — 12
דער אַלטער פלויט — 13
עכאָ — 14
האַרבסטיקער פּייזאַזש — 15
דער טאַנץ — 18
האַרבסט — 20
צווי יידענעס ביים ים — 21
האַרבסטיקע פייערן — 22
פרימאָרגן — 23
וואָרט — 24
זעאונג אין אַ וויסטן טאָל — 25
צוויגן — 26
איך, און מיין קינד, און דער האַרבסט — 27
ווי אַלעמאָל — 28
קאַליל גיבראַנס ליד פון טויט — 29
שוויגן — 30
זון — 30
אין מיטן זומער — 31
אַ ליד וועגן לעצטע — 32
איינס און איינס — 33
אַלטקייט — 34
שטאַמען — 36
איך און מיין אייניקל און דער וואַלד — 37
געוויטער — 39
שרפה — 40
שטורקאַצן — 41
האַלעוועשקעס — 42

2. פון די אייגענע שטאַמען

איבער אונדזערע קעפּ — 43
איך — 47
לידער, מיינע לידער — 48
דער שפּיגל — 49
מיין זיידע — 51
באָבעס — 52
מיין מאַמע — 53
באַנציע שוויג — 54
אין נאַכטיקן רויש פון די ראָסן — 56
אַ ייד אויף בראָדוויי — 58
אָפּגעהוליעט — 59
איכה ישבה — 60
די האַנט — 62
אונדזער דור — 63
אין די פוסטריט פון גלויביקן — 65
התגלות — 66
דאָס ליד פון די אייגענע שטאַמען — 68
די בשורה — 70
ייִנגעלע פון חומש — 71
ווערטער — 74
כ'האָב געקליבן — 75
טאַנץ פון די מאַסקעס — 76
נאָך דער לוויה — 78
מיין היים — 80
ווילנע — 81

עלעגיעס

אויפן טויט פון אַ יונג מיידעלע — 82
אויף מיין פעטערס טויט — 83
וויג־ליד — 84
קבורה — 85
אַ ליד פון אַ בר־מינן — 86
אַ ליד פון קבר — 87

3. אין לאַנד פון די אָרעמע

די נאַכט נידערט אַראָפּ אין טאָל — 88
אָוונט — 93
פשטות — 94
ניו־יאָרק — 95

זייט

הונגער — 96
דאָס הויז אויף טשערי סטריט — 98
לודלאָוו סטריט — 100
ראַטגערס סקוועד — 101
אַ יידעלע — אַ לידעלע — 102
שטילער זיי, נשמה מיין — 103
דאָס בעטלער־ליד — 104
אין אַ קאַלטן, ווייסטן טאָג — 105
דער בעטלער אויף קאַנאַל סטריט — 106
דאָס ליד פונעם שטילן — 108
דריי פייגל — 109
ייִנגלעך אויף איסט־בראָדוויי — 110
די שטאָטישע נויט איז נאָך נאַקעט — 112
ניי־גאָס — 113
ליד פון מענטש — 114
אָרעמע מענטשן — 115
די באַלאַדע פון די דריי פרויען ביים איסט ריווער — 116
די באַלאַדע פונעם לעבעלע ברויט — 118
זומער־נאַכט אויף אַלט־שטאָט — 119
די באַלאַדע פון ריווינגטאָן סטריט — 120
קלינגט און זינגט — 121
טויטע — 122
פרויען אין אַלטשטאָט — 123
אויף דער באָוערי — 124
ווייס ליכט — 125
זיין צוואה — 126
אין ניו־יאָרקער טונעלן — 127
אין לאַגער פון די אָרעמע — 129
איך האָב באַזונגען — 136
די באַלאַדע פון איסט־בראָדוויי — 131
לאָזט דעם ים גיין שלאָפן — 137
די אלמנה אין לבנה־שיין — 138
פאַרביי ברוקלינער בית־עולמס — 139
ליכטיקע טריט — 140
דער וואונדער פון די שטאָמען — 141
דאָס ליד פון די שטאָמען — 143
דאָס ליד פון אָרעמאַן — 146

זייט

4. ביי די ברעגן פון האָדסאָן

מאַמע ערד — 151
מערץ — 152
שטילער ווערט די שטאָט — 153
איך בין, איך בין — 154
וואַנדערער — 155
אַ נאַכט ביים האָדסאָן — 156
עכאָ — 157
איינזאַמקייט — 158
די שוואַרץ־געפלעקטע קו — 159
איך האָב געזען — 160
ברידער — 161
אין דער פרעמד — 162
זון און ערד — 163
אין וועג — 164
אַ שטוב — 165
הינטערן שטאָט — 166
ביים דאָרפישן ברעג — 167
צו מענטש, צו ברודער — 168
דעם פייערס ליד — 169
הימל ברייטערט זיך פונאַנדער — 170
צווישן בערג — 171
פעלד — 172
דער ברוינער שמעטערלינג — 173
אין ווייסן ליכט — 174
ווינטער־גאָלד — 175
אַ טייך — 177
ביינאַכט — 177

5. איך און דו

דינער שניי — 178
מיידל פון מיין שטאָם — 181
איך און דו — 182
ליבשאַפט — 183
בייטן אָונטיק זיך נייגן — 184
דער וואַלד שטייט פריי — 185
דיין שאָטן — 186
דיין פנים — 187
ס'איז היינט אַ שניי — 188
לבנה־שיין — 189
באַגינען — 190
דער באַרג — 191

זייט

קאַראַהאַד — 192
פּאַרנאַכט — 193
אַ ניגון — 194
זון — 195
אומעטיק — 196
אַ ליד צו מײַנע פֿרײַנד און צו
מײַן װײַב — 197
װײַס געלעכטער — 198
זעאונג בײַם ים — 199
אַ ייִנגעלע — 201
בענקשאַפֿט — 202
אין דערוואַרטונג — 203
עפּיגראַם — 204
זוניק זינג, געזאַנג! — 205
לידער פֿון אַנטפּלעקונג — 206
פֿרילינג — 208
ברוינע — 209
פּנימדיקע מײַנע — 210
האַרבסטיקע שײַן — 211
גלאַט אַזוי! (לירישע הומאָרעסקע) 212

6. פּאָעטן, מײַנע ברידער

אין מיטן טאָג — 219
צום פּאָעט — 221
אַ ליד פֿון סערגעי יעסענין — 222
פּאָעטן, מײַנע ברידער (פּאָעמע)— 223
דינע שורות — 231
אונטערגאַנג — 232
מלחמה — 233
אַ ליד צום המון — 234
אַזוי — 235
געזאַנג פֿון די היינטיקע טעג — 236
אַ ליד צו אַ כינעזערין אויף
בראָדווײַ (פּאָעמע) — 241

7. אַ מעשהלע

אַ מעשהלע — 247
די מעשה פֿון דעם דאָרף און־הו— 248
די אַלטע בריק — 249
וויג־וויגעלע — 250
אבו־באבו — 251
אַ שטאַל — 251
די תיבה — 253
אַ מעשה מיט אַ פֿויגל — 256
די קאַץ — 258
אין צירק — 259
שלאָגט דער זייגער עלף — 261
אויפֿן שליטעלע — 262
גייט אַ ייִנגעלע אַרויס אין פֿעלד— 263
באַן — 266
זומער־רעגן — 269
אבו הוסאַן — 270
דריי סאָלדאַטן — 272
ייִנגעלע ליבער — 273
דאָס פֿאַרלאָרן שיכל — 274
אליהו הנביא — 276
משה רבינו — 279
דער טאָג פֿון שבת — 281

8. וואונדער איבער וואונדער

אַ מעשה וואָס איז זיך פֿאַרלאָפֿן
אין כעלעם — 287
עס טרעפֿט אַ שעה — 291
דער מלאך פֿון סדום — 292
באַלאַדע פֿון די דריי פֿליער — 295
אַ דאָרפֿישע מעשה — 298
אַ מעשה מיט צוויי ייִנגלעך — 299
דאָס פֿאַרשוואונדענע הויז — 301
די מעשה פֿון וואונדער — 304
די פֿריילעכע לוויה — 307
אַ מעשה וואָס ס'האָט זיך גע־
טראָפֿן מיט אַ בוים — 310
אַ טרויעריקע מעשה מיט אַ שוחט 312
די טרויעריקע מעשה מיטן שמש
ר' שאיע — 313

9. לאָמיר עס הערן אין ייִדיש

(לידער פֿון אַנדערע שפּראַכן)

לאָרד בײַראָנס „ייִדישע מעלאָ־
דיעס" (אַרײַנפֿיר) — 319
סנחריבס מפּלה — 326
די זעאונג פֿון בלשאצר — 327
אַ שטערן — 328
אויב מײַן האַרץ — 329

זייט

דאָס געזאַנג פון שאול המלך ביי
זיין לעצטער שלאַכט — — — — 329
שאול ביי דער מכשפה אין
עין־דור — — — — — — — — — 330
זי שוועבט אין שיינקייט — — — — 331
אין מיטן בלי — — — — — — — 332
יפתחס טאָכטער — — — — — — — 333
דו האָסט געוויינט — — — — — — 334
תשעה באב — — — — — — — — 336
אָ, ווינט — — — — — — — — 335
ביי די ברעגן פון ירדן — — — — 336
דער העלד — — — — — — — — 336
דער ווילדער הירש — — — — — 337
ביי די טייכן פון בבל — — — — 338
אין דעם טאָל פון די טייכן — — — 339
דודס האַרף — — — — — — — — 340
יענע וועלט — — — — — — — — 341
מיין זעל איז פינצטער — — — — 342
הורדוסעס קלאָג — — — — — — 343
ווען קאַלטקייט הילט אין מיין
געביין — — — — — — — — — 344
פון איוב — — — — — — — — — 345
הבל הבלים אמר קהלת — — — — 346
פערזן פאַר מוזיק — — — — — 347

לידער פון סערגיי יעסענין — 348

דער וועג — — — — — — — — — 348
אין אַ שניי־שטורעם — — — — — 350
אין אַ ווינטער־נאַכט — — — — — 351
מיין טרייע — — — — — — — — 351

זייט

ס'פייפט דער ווינט — — — — — 352
דער קאַטער — — — — — — — — 353
אַ בריוו צו דער מאַמען — — — — 354
אָ, טייערע — — — — — — — — 356

פון אַמעריקאַנער פּאָעטן — — — 357

ראָבערט פראָסט: דער אָנפאַל — 357
דזשאָיס קילמער: דער צוג צוועלף־
פינף־און־פערציק — — — — — 358
לעאָנאַראַ ספּעיער: מיין גע־
שטאַלט — — — — — — — — — 361
וויליאַם עלערי לעאָנאַרד — — — 362
א. ישראל — — — — — — — — 362
ב. דער בעטלער — — — — — 363
דזשאַן גולד פלעטשער: בטחון— 364
וויליאַם העברי דעיוויס: דאָס טויטע
פויגל — — — — — — — — — — 365
שיינקייט — — — — — — — — — 365
פראַנסיס זשאַם: ליבע — — — — 366
דער שוואַן און די גאַנדז (לויט
עזאָפּ) — — — — — — — — — 366
אַ פליג (לויט באַלמאָנט) — — — — 367

10

דער שטומער עדות

(דראַמאַטישע פּאָעמע) — — — 371

11

די לעגענדע: ווילנע — — — — 391

ביבליאָגראַפיע — יעפים ישורין

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי
ביבליאָגראַפיע

צוזאַמענגעשטעלט פון

יעפים ישורין

ניו־יאָרק, 1958

איך וויל דאָ אויסדריקן אַ דאַנק צו דעם ספּעציעלן קאָמיטעט, וואָס האָט געהאָלפן אַרויסגעבן די ביכער פון ב. י. ביאַלאָסטאָצקי — די עסייען „חלום אין וואָר" און דאָס איצטיקע לידער־בוך „ליד צו ליד". איך דאַנק דעם קאָמיטעט וואָס האָט ביט קוקנ־דיק אויף די הוצאות, דאָך מסכים געווען אַריינצונעמען די ביבליאָגראַפיע וואָס איך האָב געזאַמלט אין פאַרלויף פון יאָרן. עס פריידט מיר באמת וואָס די ביבליאָגראַפיע איז געבונדן צוזאַמען מיט די שאַפונגען פונעם דיכטער.

יעפים ישורין

ב. י. ביאַלאָסטאָצקיס ווערק

ביים ברייטן וועג

פאַרלאַג „אונדזער זשורנאַל", ניו־יאָרק, 1920, 96 זייטן.

לידער און עסייען

פאַרלאַג „צווייגן", ניו־יאָרק, 1932.
1 באַנד — לידער, 240 זייטן.
2 באַנד — עסייען, 278 זייטן.

פון די שטאַמען

פאַרלאַג פון בילדונגס קאָמיטעט, פון אַרבעטער רינג, ניו־יאָרק, 1939. 190 זייטן.

י. ל. פּרץ

צום פינף און צוואַנציקסטן יאָרצייט (1852 — 1915). ציקאָ פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1940, 24 זייטן.

מאָריס ראָזענפעלד

1862 — 1932. מיט אילוסטראַציעס פון אבא ליליען. אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג קינדער־רינג ביי דעם בילדונג דעפּאַרטמענט פון אַרבעטער רינג. ניו־יאָרק, 1941, 48 זייטן.

פון גלות בבל ביז רוים

מעשיות און לעגענדעס. מיט היס־טאָרישע אַריינפירן פון חיים שויס. ציקאָ ביכער־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1949, 345 זייטן.

חלום אין וואָר

עסייען. אַרויסגעגעבן פון אַ קאָמי־טעט. ניו־יאָרק, 1956, 484 זייטן.

בינגעלע

אַ מעשה פון אַ ייִנגעלע וואָס האָט זיך געלאָזט זוכן דאָס לאַנד פון אייביקן יום־טוב מיט אילוסטראַציעס פון נאָטע קאָזלאָווסקי, לאה פּאָרט, שאול קאַמינסקי. פאַרלאַג קינדער־רינג, ניו־יאָרק, 1940. 76 זייטן.

רעדאַקטירט פון ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

אידישער קעמפער

רעדאַקציע - סעקרעטאַר און פאַר־וואַלטונגס־רעדאַקטאָר 1917 — 1919.

דער יונגער אידישער קעמפער

1917 — 1918 — מיט ברוך אָסט־ראָווסקי.

די קינדער וועלט

1919 — 1920 — צוזאַמען מיט יואל ענטין און ש. שאַפּירא.

די צייט — טעגלעכע צייטונג

רעדאַקציע־סעקרעטאַר 1920 — 1921.

דער אויפקום

ליטעראַרישער זשורנאַל — צוזאַמען מיט ז. ווייַנפּער און ב. לאַפּין 1926 — 1933.

דוד עדעלשטאַט געדענק־בוך

צום זעכציקסטן יאָרצייט. אַרויסגע־געבן פון דוד עדעלשטאַט קאָמיטעט, ניו־יאָרק — לאָס אַנדזשעלעס און סאַן פראַנציסקאָ, 1952.

ביאַלאָסטאָצקיס לידער מיט מוזיק

סאָלאמאן גאָלוב

געוויילטע יידישע לידער, 1928, שטילער זיי, נשמה מיין, זייט 14, מעטראָ, נ"י.

סאָלאמאן גאָלוב

לידער, „אוניווערסאַל קאָנצערט עקס־טשעינדזש", „אומרו מיין", 1932, זייט 74.

סאָלאמאן גאָלוב

לידער. 1936, „אומרו מיין", מעטראָ, ניו־יאָרק.

מיכל געלבאַרט

געזאַנגען, „וויג־וויגעלע", זייט 3, „אָרימע מענטשן", זייט 34, „אַ מעשה־לע", זייט 51. מעטראָ, 1937.

מיכל געלבאַרטס יובל־געזאַנגען

„האַרציקער געטרייער", 1956, נ"י. פאַרלאַג אַרב. רינג, ביים בילדונגס־קאָמיטעט.

מיכל געלבאַרט

געזאַנג־בוך פאַר דער עלעמענטאַר שול, „אַ מעשהלע", אַרב. רינג פאַרלאַג, ביים בילד. קאָמיטעט.

כאָרען זינגען

בוך איינס, געזאַמלט פון לאַזאַר וויי־נער — מיכל געלבאַרט: „ליד פון מענטש", ז' 30. וולאַדימיר חפץ — „יידן גייען", ז' 70.

אַרטיקלען
וועגן ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

א בוכמאַן

דוד עדעלשטאַט. אונזער שטימע, פּאַ־ריז, אַפּריל 24-25, 1954.

אבראַמאָוויטש, דינה

דאָס יידישע בוך אין אַמעריקע. דאָס יידישע בוך אין אַמעריקע. יידישער בוך אַלמאַנאַך. יידישער בי־בער־ראַט פון אַמעריקע. ניו־יאָרק, 1957, ז' 159.

אויערבאַך, אפרים

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי באַרג־אַרויף. קול־טור און דערציאונג, ניו־יאָרק, אָק־טאָבער, 1939.

איזבאַן, ש.

ב. י ביאַלאָסטאָצקיס „פון שטאַמען". פּראָלעטאַרישער געדאַנק, ניו־יאָרק, דע־צעמבער 15, 1939.

אייזלאַנד, ראובן

זעכציק טעג מיט אברהם ליעסין. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, ניו־יאָרק, אויגוסט 31, 1953. פון אונזער פרילינג, ניו־יאָרק, 1954, ז"ז 195, 196.

איזנברג, י.

באשר משורר מנסה לדבר על פולי־טיקה . . . המקר, תל־אביב, דעצעמבער 6, 1957.

תשובה למר ב. י. ביאַלוסטוצקי. הבוקר, תל־אביב, מערץ 24, 1958.

אלמי, א.

ביאַלאָסטאָצקיס פּאָעטיק. פרייע אַר־בעטער שטימע, ניו־יאָרק, אויגוסט 2, 1929, ז' 3.

אלמי, א.

צו זינגען אונז צו זאָגן. פרייע אַר־בעטער שטימע, ניו־יאָרק, פעברואַר 2, 1934.

אלמי, א.

דאָס דוד עדעלשטאַט געדענק־בוך. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, פעברואַר 12, 1954, ז' 4.

אלמי, א.

פסח מאַרקוס, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי און דער דובנער מגיד. פרייע אַרבעטער

שטיכע, ניו-יאָרק, אויגוסט 9, 1957, ז' 4.

אַסטראָווסקי, ב. און הורוויץ, ש.

אידיש. כרעסטאָמאַטיע פאַרן דריטן און פערטן לערן-יאָר. ניו-יאָרק, 1927, ז"ז 24-25

אַפּאַלאָוו, דוד

ב. י. ביאַלאָסטאָצקין. (ליד), מאָרגנרויט און דעמערונג, ניו-יאָרק, 1940, ז' 55.

אַשעראָוויטש, מ.

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי. פאָרווערטס, ניו-יאָרק, 1933 (גענויע דאַטע אומבאַקאַנט).

אַשעראָוויטש, מ.

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי דער דיכטער, דער עסייאיסט און דער קאָלעגע. פאָרווערטס, ניו-יאָרק, יוני 26, 1943.

אַשעראָוויטש, מ.

